STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01739

# TSU SHMEYKHLEN UN TSU LAKHN

Samuel Chanis

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Davida Feder*
*in memory of*
*her beloved husband, Arnold S. Feder*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# צו שמייכלען און צו לאַכן

אַ זאַמלונג פון 50 אומאָריסטישע מאנאָלאָגן
און פרייליכע מעשה׳לעך פון אַמעריקאַנעם
אידישן לעבן וואָס זענען ערשינען
אין אידישע צייטונגען
פון ניו יאָרק

פון שמואל כאַניס

ברוקלין, נ.י.
תשמ״ז — 1978

**SAMUEL CHANIS**
**1502 - 52nd STREET**
**BROOKLYN, NY 11219**

# מ פ ת ח


איינטיילונג — — — — — — — — — — — — — — 5
חאַצקעל צימעס ווערט אַ סיטיזען — — — — — — — — — 9
מ'דאַרף אַ רעגירונג, אָבער... — — — — — — — — — — 11
ניו יאָרק, די שטאָט פון סטרייקס — — — — — — — — — 14
ווי אַזוי אויסצומיידן האָלד־אַפּס — — — — — — — — — — 16
אַמאָליגע און היינטיגע גנבים — — — — — — — — — — 19
אַ בריוו צום גנב וואָס גייט מיר באַ'גנב'ענען — — — — — — — — 22
איך קוק זיך צו און — שווייג — — — — — — — — — — 25
צוריק צום קאַנטשיק — — — — — — — — — — — — 28
עצות ווי אַזוי אויפצוהערן רויכערן — — — — — — — — — 31
ווען מ'גייט היינט געבן די תורה — — — — — — — — — — 34
פאַרוואָס מ'האָט מיר אויסגעוויילט אַלס פרעזידענט פון שוהל — — 37
אידישע עולם הזה — — — — — — — — — — — — — 40
הימל און ערד און וואַסער — — — — — — — — — — — 42
ווי אַזוי צו ראַטעווען די וועלט — — — — — — — — — — 45
מיין ווייב, מיין אשת חיל — — — — — — — — — — — 48
דיטווירדזשענטס אויף מיין קאָפּ — — — — — — — — — — 51
צרות פון אַ נייעם קאַרפּעט — — — — — — — — — — — 54
זיין ווייב האָט אים געגעבן אַ רעפּאָרט קאַרד — — — — — — — — 56
דער סוד פון באַשע'ס לאַטקעס — — — — — — — — — — 59
ווי אַזוי מיין ווייב גרייט זיך צום פסח — — — — — — — — 62
ווי אַזוי פישעלע קלאָץ איז געוואָרן אַ חזן — — — — — — — — 65
קויפט ניט קיין קליינע קאַר — — — — — — — — — — 68
ווען איך האָב געשריבן וועגן חזנים — — — — — — — — — 70
דער בר מצוה עקספּערט — — — — — — — — — — — — 73
אַ בר מצוה ספּיטש — — — — — — — — — — — — — 76
די רעדאַקציע פון דאָס טשאָלענט טעפּל — — — — — — — — 78
אַ מעשה וועגן אַ פאַנטשליין — — — — — — — — — — 81
מיין ווייב, מיין שטרענגסטע קריטיקערין — — — — — — — — 84
עצות פאַר שאַך־שפּילער — — — — — — — — — — — 87
אין אַ וועלט פון אויטאָמאַציע — — — — — — — — — — 90
דער סוד פון ביינישע'ס דערפאָלג — — — — — — — — — — 92

עס איז ניט די זעלבע לבנה — — — — — — — — — — — — — — — 95
קויפט ניט ביי קיין פריינט — — — — — — — — — — — — — — 97
זימל ברוגזמאַן, דער בייזער איד — — — — — — — — — — — — — 100
מיין וואַקאַציע אין האָטעל וחלקלקות — — — — — — — — — — — 102
דער גליקליכער בעטשלאָר — — — — — — — — — — — — — 105
וועגן נאַראָנים, שוטים און טיפשים — — — — — — — — — — — 108
ווי אַזוי חיימ׳קע פאַוואָליע היט זיין געזונט — — — — — — — — 11
אַ רונדע שוהל אָן אַ מזרח וואַנט — — — — — — — — — — — — 114
שימעלע באַרבער גיט מיר אַ הערקאַט — — — — — — — — — — — 117
פייווקע פידרעך, דער זשעניע — — — — — — — — — — — — — 120
שאַיע געצל האָט ענדליך באַקומען אַ דזשאַב — — — — — — — — — 123
ווען עס האָט געשנייט אין ניו יאָרק — — — — — — — — — — — 126
ווי אַזוי איך האָב פאַרבראַכט מיין פאַדערס דעי יום טוב — — — — 128
צאַלקע רעטעך, דער איפכא מסתברא׳ניק — — — — — — — — — 132
די היינטיגע יוגענט — — — — — — — — — — — — — — — 135
אַ באַנקעט פאַר יעדן בן שבעים — — — — — — — — — — — — 137
אַ לעקציע וועגן קניידלעך — — — — — — — — — — — — — 140
ווי אַזוי מען מאַכט היינט באַנקעטן — — — — — — — — — — — 142

# איינטיילונג

מיט אַ פּאָר צענדליג יאָר צוריק, ווען עס איז נאָך געווען אין ניו יאָרק אַ טעגליכע אידישע פּרעסע מיט דריי טעגליכע אידישע צייטונגען, האָט יעדע צייטונג געהאַט סוף־וואָך אַ פולע זייט מיט הומאָריסטישע מאַטעריאַל, הומאָרעסקעס, פרייליכע מעשיות און לידער, וויצן און אַנעקדאָטן. גאַנץ אָפט פלעגט מען אויף דער הומאָר זייט נעמען אויפ׳ן צימבל אַ באַקאַנטן אידישן קאָכלעפל, אים גוט אַריינקיבצן און ווייזן וואָס פאַראַ פּנים ער האָט ביי לייטן. אידישע לייענער וואָס האָבן געקויפט אַ אידישע צייטונג, האָבן קודם אַ בליק געטאָן אויף דער ערשטער זייט און אויף די הויפּט קעפּ פון די אַרטיקלען און האָבן גלייך גענומען לייענען די הומאָריסטישע זייט, צו זען וועמען מ׳האָט די וואָך גענומען אויפ׳ן צימבל.

הומאָר איז דעמאָלט געווען זער פּאָפּולער ביים אידישן עולם און ווען אַ הומאָר שרייבער האָט אַרויסגעגעבן אַ הומאָריסטיש בוך האָט מען אים צעכאַפּט ווי מצה־וואַסער און מ׳האָט עס געדאַרפט איבערדרוקן עטליכע מאָל. עס זענען דעמאָלט אויך געווען אין ניו יאָרק אידישע פאַרלאַגן וואָס פלעגן אַרויסגעבן אידישע ביכער אויף זייערע אייגענע הוצאות און די איינציגע זאַך וואָס דער שרייבער האָט געדאַרפט טאָן איז געווען, צוצושטעלן די מאַטעריאַל.

היינט צוטאָג, ווי מיר ווייסן, זענען ניטאָ קיין טעגליכע אידישע צייטונגען און די פּאָר אידישע וואָכנבלעטער ווידמענען ווייניג פּלאַץ פאַר הומאָר. עס זענען היינט אויך ניטאָ קיין טאַלאַנטפולע אידישע הומאָריסטן, וועלכע זאָלן שרייבן הומאָריסטישע זאַכן אין אידישע צייטונגען און אַרויסגעבן ביכער אין דער אידישער שפּראַך. עס זענען היינט אויך ניטאָ אין ניו

יאָרק קיין אידישע פאַרלאַגן וואָס זאָלן אַרויסגעבן אידישע ביכער אויף זייערע אייגענע הוצאות און טאָמער וויל אַ אידישער שרייבער אַרויסגעבן אַ בוך אין אידיש, מוז ער עס טאָן אויף זיין אייגענעם חשבון און דאָרט וואו עס איז אַמאָל געשטאַנען, אַרויסגעגעבן פון דעם און דעם פאַרלאַג, שטייט איצט, אַרויסגעגעבן פון דעם פאַרלאַנג, „איכאַליין אָדער נעבעכאַליין״, האָב איך, דער שרייבער פון די שורות, וועלכער האָט געשריבן הומאָריסטישע זאַכן אין אידישע צייטונגען פאַר אַ שיינע פּאָר יאָר, באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַ הומאָריסטיש בוך אין אידיש, אָנצוטאַפּן דעם דופק ביי אידישע לייענער צי עס זענען נאָך דאָ בעלנים צו קויפן און לייענען אַ אידיש בוך אָדער ניט. גוטע פריינט האָבן מיר געוואָרנט דאָס ניט צו טאָן, ווייל איך וועל דערמיט אַרויסוואַרפן צייט, געלט און מי. איך האָב אָבער באַשלאָסן צו מאַכן דעם עקספּערימענט און לאָמיר זען ווער עס איז גערעכט.

כמעט אַלע זאַכן וואָס איך האָב אַריינגענומען אין דעם בוך זענען שוין געווען געדרוקט אין אידישע צייטונגען פון ניו יאָרק, זענען געהערט געוואָרן אויף דער ראַדיאָ, זענען געלייענט געוואָרן פון הומאָריסטן און פאָרלעזערס און אייניגע זענען איבערגעדרוקט געוואָרן אין אידישע צייטונגען פון אַנדערע לענדער. אַלע זאַכן זענען ערשינען אונטער פאַרשידענע פאַלשע נעמען, אַן אַנדער נאָמען פאַר יעדן צייטונג. פאַרוואָס, קען מען פרעגן, האָב איך שטענדיג געשריבן און שרייב נאָך אויך איצט אונטער פאַלשע נעמען, פאַרוואָס ניט אונטער מיין אמת׳ן נאָמען וואָס שטייט אויף מיין פאַספּאָרט און אויף וועלכן איך צאָל טעקסעס?

זענען אויף דעם דאָ צוויי תירוצים. איין תירוץ איז אַז דאָס איז צוליב דעם וואָס עס זענען ביי אונז דאָ אַ סך מבינים און קריטיקער וואָס דרייען מיט דער נאָז אויף אַלץ וואָס זיי לייענען און מאַכן פון דעם אַש און פּאָרעך. האָב איך מיר געטראַכט,

צוואָס זאָל מען דרייען מיט דער נאָז אויף מיין אמת׳ן נאָמען, זאָל מען בעסער דרייען מיט דער נאָז אויף מיין פאַלשן נאָמען און מיין אמת׳ן נאָמען זאָלן זיי צורו לאָזן. דער צווייטער תּירוץ איז, אַז דאָס איז צוליב ביישנות, וואָס איך האָב מיר פון קינדווייז אָן שטענדיג פאַרשטעקט אין אַ ווינקל אַז מ׳זאָל מיר וואָס ווייניגער באַמערקן און אַרויפשטעלן מיין נאָמען אויף עפּעס וואָס איך האָב געשריבן, האָט אין מיינע אויגן אויסגעזען עטוואָס גאווה׳דיג. דאָס בוך צו שמייכלען און צו לאַכן איז דאָס ערשטע מאָל וואָס איך האָב נאָך אַ לאַנגן ישוב הדעת באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אונטער מיין אמת׳ן נאָמען.

די זאַכן וואָס איך האָב אַריינגענומען אין דעם בוך, זענען גענומען פון אידישן לעבן אין אַמעריקע, פון טיפּן און כאַראַקטערן וואָס איך האָב באַגעגענט אין מיין לעבן, פון שוואַכקייטן און משוגעת׳ן פון וועלכע אַ סך פון אונז ליידן. אין אַ טייל זאַכן פון דעם בוך, וועט דער לייענער דערקענען כאַראַקטער־שטריכן פון מענטשן וואָס ער קען, פון קרובים, פריינט און באַקאַנטע און אַמאָל אויך פון זיך אַליין און ער וועט זעען די קאָמישע זייט פון לעבן.

די זאַכן וואָס גייען אַריין אין דעם בוך זענען ניט די בעסטע וואָס איך האָב געשריבן, אָבער די פּאַסיגסטע פאַר דעם סאָרט לייענער פאַר וועלכע איך שרייב פאַר די לעצטע 14 יאָר. בכלל האָב איך מיר שטענדיג געהאַלטן ביי דעם כלל ״השמר לך פּן״, זאָלסט היטן דעם פעדער און בין שטענדיג געווען נזהר ניט צו נוצן אַ וואָרט אָדער אויסדרוק וואָס קען ביי עמיצן אַרויסרופן אַ ווידערווילן. איך האָב דורך די פאַרגאַנגענע 14 יאָר אויך געשריבן אַ היבש ביסל ערנסטע אַרטיקלען און אָפּהאַנדלונגען וועגן פאַרשידענע ענינים, וועלכע וואָלטן געקענט סטייען ניט בלויז פאַר איין בוך נאָר פאַר עטלעכע, איך וויל אָבער דווקא אַרויסגעבן אַ הומאָריסטיש בוך, פּשוט צוליב דעם וואָס אַזאַ בוך ווערט אַזוי

זעלטן אַרויסגעגעבן. דאָס בוך וואָלט אויך אָן שום שוועריקייטן געקענט אַרויסגעגעבן ווערן אין ענגליש. איך וויל דאָס אָבער דווקא אַרויסגעבן אין אידיש, דאָס לשון וועלכעס איז אונז אַלע אַזוי ליב, נאָענט און טייער.

שמואל כאַניס

# צו שמייכלען און צו לאַכן

## חאַצקעל צימעס ווערט אַ סיטיזען

זינט דעם ערשטן טאָג וואָס חאַצקעל צימעס איז געקומען קיין אַמעריקע פון קאַרפּאַטן רוסלאַנד, איז זיין גרעסטע אַמביציע שטענדיג געווען צו ווערן אַ סיטיזן פון די פאַראייניגטע שטאַטן. צו זיין אַ סיטיזן — פלעגט ער זאָגן — איז דאָס גרעסטע גליק וואָס אַ מענטש קען זיך ווינטשן און קיין גרעסערס קען ער זיך גאָרנישט פאָרשטעלן און ווען מ׳פרעגט אים וואָס ער וואָלט בעסער געוואָלט צו זיין אַ גביר און פאַרמאָגן קרח׳ס אוצרות אָדער צו ווערן אַ סיטיזן פון די פאַראייניגטע שטאַטן, וואָלט ער זיכער אויסגעקליבן דאָס צווייטע. ווען עס זענען דורכגעלאָפן 5 יאָר וואָס ער געפינט זיך אין אַמעריקע, האָט ער געמאַכט אַן אַפּליקאַציע צו ווערן אַ סיטיזן, האָט זיך איינגעחזר׳ט די געזעצן פון דער אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציע און אַלע אַמענדמענטס, די נעמען פון די סופרים קאָרט דזשאַסטעסעס, און די קאַבינעט מיניסטאָרן און האָט געוואַרט מיט׳ן גרעסטן אומגעדולד אויף דעם מאָמענט ווען ער וועט שטיין פאַר׳ן דזשאַדזש און וועט אָפּגעבן אַן עקזאַמען צי ער איז פּאַסיג צו ווערן אַ סיטיזן פון די פאַראייניגטע שטאַטן. ענדליך איז דער גרויסער טאָג געקומען און חאַצקעל איז געשטאַנען פאַר׳ן דזשאַדזש אַ שטאָלצער און אַ פרייליכער, גרייט צו ענטפערן אויף יעדער פראַגע וואָס ער וועט אים שטעלן.

**חאַצקעל צימעס!** — האָט דער דזשאַדזש אויסגערופן אין אַ טיפער באַסאָווער שטימען.

**יעס סער!** — האָט חאַצקעל געזאָגט ווי אַ פּאָלנער אַמעריקאַנער, פונקט ווי ער וואָלט שוין געווען אין אַמעריקע מי יודע וויפל יאָרן.

**דזשאַדזש:** וואָס איז די הויפּטשטאָט פון די פאַראייניגטע שטאַטן?

**חאַצקעל:** וואַשינגטאָן די סיי?

**דזשאַדזש:** וואָס מיינט די סיי?

**חאַצקעל:** די קעפּיטעל.

**דזשאָדזש:** ווער איז דער העכסטער עקזעקוטיוו אין לאַנד?

**חאַצקעל:** דער פּרעזידענט.

**דזשאָדזש:** וואָס זענען די פונקציעס פון אַ פּרעזידענט?

**חאַצקעל:** פאַרשידן. רוזוועלט האָט געכאַפּט פיש, טרומאַן האָט געשפּילט פּיאַנאָ, אייזענהאַוער האָט געשפּילט גאָלף, דזשאַנסאָן איז געריטן אויף פערד, ניקסאָן האָט גאָרנישט געטאָן האָט ער געמוזט רעזיגנירן.

**דזשאָדזש:** ווי לאַנג קען אַ פּרעזידענט זיין אין אָפיס?

**חאַצקעל:** אויב מ'שיסט אים ניט קען ער דינען צוויי טערמינען.

**דזשאָדזש:** ווען דער פּרעזידענט שטאַרבט ווער נעמט איבער?

**חאַצקעל:** דער אָנדערטעיקער.

**דזשאָדזש:** וואָס איז די ווייסע הויז?

**חאַצקעל:** אַ גרויסע הויז אין וואַשינגטאָן די סי, מ'מאַכט דאָרט פּאַרטיס און מ'טאַנצט די טשאַטשאַ.

**דזשאָדזש:** וואָס איז די יונייטעד ניישאָנס?

**חאַצקעל:** אַ משוגעים הויז, מ'האַקט דאָרט אַ טשייניק אויף אַלע שפּראַכן.

**דזשאָדזש:** וואָס איז דער סופרים קאָרט?

**חאַצקעל:** אַ מושב זקנים פאַר 9 אַלטע לייט.

**דזשאָדזש:** רעכן אויס אַביסל שטאַטן פון די יו עס?

**חאַצקעל:** וויליאַמסבורג, קראַון הייטס, באָראָ פּאַרק, פלעטבוש, לעיקוואוד, מאָנסי, מאָנראָו.

**דזשאָדזש:** גענוג, איצט רעכן אויס די פינף גרעיט לעיקס?

**חאַצקעל:** סוואַן לעיק, קאָמישע לעיק, פּראָספּעקט פּאַרק לעיק, סענטראַל פּאַרק לעיק, דעם פינפטן געדענק איך ניט.

**דזשאָדזש:** ווער האָט אַנדעקט אַמעריקע?

**חאַצקעל:** משולחים און געלט זאַמלער.

**דזשאָדזש:** אויסגעצייכנט! האָסט גוט געענטפערט אויף אַלע פראַגען, איך דערקלערט דיר איצט אַלס פולער סיטיזן פון די פאַראייניגטע שטאַטן?

**חאַצקעל:** טענק יו, יור האָנער!

# מ׳דאַרף אַ רעגירונג, אָבער...

אַנטקעגען דעם וואָס מ׳זאָגט אַז מ׳דאַרף האָבן אַ רעגירונג. אַוודאי דאַרף מען האָבן אַ רעגירונג. ווען עס וואָלט ניט געווען קיין רעגירונג, ווער וואָלט געפירט מלחמות און אויסגע׳הרג׳עט אַזויפיל מענטשן? אַנו, פּרובירט איר אַוועקצושטעלן אַ פּאָלק סאָלדאַטן און הייסט זיי שיסן, וואָלטן זיי אייך געפאָלגט? אַ נעכטיגער טאָג! אָבער אַז אַ רעגירונג הייסט שיסן, שיסט מען אַז עס גייט אַ רויך. און ווען עס וואָלט ניט געווען קיין רעגירונג, ווער וואָלט צוזאַמענגענומען טעקסעס? פּרובירט איר זיך אַוועקצושטעלן אין מיטן גאַס און הייסט זיך געבן טעקסעס, וואָלט מען אייך געגעבן? אפילו אַן אָפּגעריבענעם קוואָדער וואָלט מען אייך ניט געגעבן. אָבער אַז אַ רעגירונג הייסט צאָלן טעקסעס, צאָלט מען ווי אַ טאַטע. עפּעס אַ קלייניקייט אַ רעגירונג! אַז די רעגירונג וויל, שלעפּט זי אייך אין קאָרט, שפּאַרט אייך איין אין תפיסה און נעמט אייך צו אייערע פּאָר אָפּגעשפּאָרטע דאָלאַר; און אַז ס׳פּאַרגלוסט זיך איר, וואַרפט זי אַראָפּ אייער גראָסערי אָדער פרוכט סטאָר און בויט דאָרט אויס אַ שאָסיי. איר שפּילט זיך מיט אַ רעגירונג!

ווער איך דאָך אַוודאי זאָגען אַז אַ רעגירונג קען אַלץ טאָן און טוט טאַקע, אָבער וואָס זי זאָל ניט טאָן טוט זי עס לאַנגזאַם און קריכעדיג. אַ רעגירונג קען היינט אָנהויבן צו בויען אַ בריק אָדער אַ טונעל און אים פאַרענדיגען דרייסיג יאָר שפּעטער. עס פעלט איר דען צייט? עס טרייבט איר ווער? איר האָט איר דאָך ערווילט פאַר צוויי אָדער פיר יאָר צייט, נו, לאַכט זי פון אייך און איר קענט איר רופן וועלכן נאָמען איר ווילט.

נעמט למשל אַזאַ פשוטע זאַך ווי שיקן אַ בריוו. אייער אַ גוטער פריינט פון שיקאַגאָ האָט אייך געשיקט אַן איינלאַדונג צו זיין חתונה וואָס האָט געדאַרפט פאַרקומען אַ חודש שפּעטער. איז די איינלאַדונג צוערשט אָנגעקומען קיין ברוקליין, מאַסס. און שפּעטער קיין ברוקהייווען, מיסיסיפּי און ווען די איינלאַדונג איז ענדליך אָנגעקומען צו אייך קיין ברוקלין, ניו יאָרק, האָט שוין אייער פריינט פון שיקאַגאָ זיך געגרייט צו פראַווען דעם ברית פון זיין ערשטן קינד.

אָדער נעמט אַזאַ זאַך ווי כאַפּן אַ גנב: ביי מייסיס און גימבעלס אַז מ׳כאַפּט איינעם לקח׳ענען פון די טישן, כאַפּט מען אים גלייך אָן ביי אַן אויער און מ׳פירט אים אַוועק אין טורמע. ברעקפעסט האָט ער געגעסן אין הויז און סאָפּער עסט ער שוין אין טורמע.

און ווי אַזוי כאַפּט די רעגירונג אַ גנב? זי כאַפּט ניט! ווען איר רופט אָפּ דעם פּאָליס סטיישאָן אַז מ׳האָט אייך באַ׳גנב׳עט, זאָגט דער פּאַטראָלמאַן צום סאַרדזשענט אַז מ׳דאַרף כאַפּן אַ גנב, דער סאַרדזשענט זאָגט צום ליוטענענט און דער ליוטענענט זאָגט צום קעפּטעין און ביז מ׳לאָזט זיך אַרויס צו כאַפּן דעם גנב איז שוין דער גנב אין באָסטאָן אָדער דיטרויט.

אפילו מלחמות קען אַ רעגירונג נישט פירן. דערקלערן קריג און אָנגיין מיטן קריג, דאָס קענען זיי. אָבער געווינען אַ מלחמה, דאָס קען זי ניט. אָט האָט די מלחמה אין קאָרעאַ און אין וויעטנאַם זיך געצויגען פּאַר אַ צאָל יאָרן און מ׳האָט זיך געקיילט און געביילט און ניט געקענט געווינען. וואָלט מען אָבער איבערגעגעבן די מלחמה צו דער דזשענעראַל מאָטאָרס קאָמפּאַני וואָלט זי אַוועקגעשיקט קיין וויעטנאַם אַ פּאָר טויזנט ״סאָנדעי דרייווערס״, וואָלטן זיי יעדן טאָג איבערגעפאָרן אַ צענדליג טויזנט וויעטקאָנגער און ס׳וואָלט ניט דורכגעגאַנגען קיין חודש און ס׳וואָלט ניט געווען מיט וועמען צו פירן מלחמה.

די אונטערשטע שורה איז — אַז אַ רעגירונג מוז מען אומבאַדינגט האָבן. מ׳קען דאָך ניט לעבן ווי חיות אין וואַלד אָן אָרדענונג און אָן אַ באַלעבאָס. די רעגירונג דאַרף אָבער בלויז דינען ווי אַ קאָנטראַקטאָר און אַרויסגעבן אַרבעט אויף שטיק. פירן מלחמה דאַרף מען, ווי געזאָגט פריהער, איבערגעבן צו דזשענעראַל מאָטאָרס. די באַנען און סאָבוועיס, דאַרף מען איבערגעבן צו די פאָרד מאָטאָר קאָמפּאַני, אפשר וועט ביי זיי זיין ווייניגער עקסידענטס. דעם פּאָסט אָפיס דעפּאַרטמענט דאַרף מען איבערגעבן צו ״סיערס״. זיי שיקן אַרויס יעדן טאָג אַזוי פיל פּעקלאַך, וועלן זיי אויך קענען זיך ספּראַווען מיטן ביסל בריוו פון לאַנד. דעם סאַניטעישאָן דעפּאַרטמענט דאַרף מען איבערגעבן צו מייסיס ענד גימבעלס, זיי קענען פון בלאָטע מאַכן גאָלד.

אַז מ׳עט זיך אַזוי פירן, וועט אַלץ זיין בכי טוב און מענטשן וועלן

לעבן ווי אדם און חוה אין גן עדן איידער מ׳האָט זיי פון דאָרט אַרויסגעטריבן.

## ניו יאָרק, די שטאָט פון סטרייקס

ניו יאָרק איז אַמאָל געווען באַקאַנט אַלס ״פאָן סיטי״, אַלס די שטאָט פון עולם הזה און פאַרגעניגן. היינט רופט מען איר ״די סטרייק סיטי״, די שטאָט אין וועלכער מ׳האַלט אין איין סטרייקן, און זי האָט דעם נאָמען גאַנץ כשר פאַרדינט, ווייל עס איז הימעל און ערד אין דער שטאָט ניו יאָרק און סטרייקס און ווער עס האָט נאָר הענט און פיס גייט דאָרט אַרויס אויף אַ סטרייק. עס סטרייקן דאָרט אפילו מענטשן וואָס האָבן קיינמאָל ניט געאַרבעט אין זייער לעבן.

ווער האָט עס שוין ניט געסטרייקט אין מעיאָר קאָטשעס מדינה? עס האָבן שוין געסטרייקט סקול טיטשערס, סאָבוויי אַרבעטער, גאַסן־ריינעגער, טעקסי־דרייווער. עס האָבן שוין געסטרייקט בייגעל בעקער, טענצער, קלעזמער, בעדער, קוימען־קערער — און איר זענט נאָך ניט פאַרטיג! — עס וועלן נאָך סטרייקן אין ניו יאָרק רבנים, חזנים, שמשים, שדכנים, באַרבערס און שוך פוצער, דינסטן און בייבי סיטערס. ס׳עט נאָך קומען צו דעם אַז קינדער אין די וויגן וועלן סטרייקן און ניט לאָזן איבערבייטן אַ דייפּער.

דער שרייבער פון די דאָזיגע שורות ווי אַ מאָדערנער און פאַרגעשריטענער מענטש האַלט גאָר שטאַרק פון סטרייקן. נאָר וואָס דען? מ׳דאַרף ניט סטרייקן סתם אין דער וועלט אַריין לשם סטרייקן, און מ׳דאַרף עס טאָן מיט שכל און אויסרעכענונג. נעמט, למשל, די סקול טיטשערס: זיי האָבן זיך איינמאָל אַרויסגעלאָזט אויף אַ סטרייק

אָנהויב סעפּטעמבער, פּונקט ווען דער נייער סקול־טערמין האָט זיך אָנגעהויבן. איז דאָס ניט יושר'דיג, צו סטרייקען דווקא ווען די קינדער דאַרפן גיין אין סקול און זיך אויסלערנען ווי אַזוי צו זיין פיינע און אָנשטענדיגע מענטשן ווי זייערע עלטערן.

אָדער נעמט די סאָבוויי־אַרבעטער: זיי האָבן זיך צעסטרייקט אין סאַמע מיטן ווינטער ווען ס'איז געווען מורא'דיג קאַלט און בייזע ווינטן האָבן געבלאָזן אָן אויפהער.

און די גאַסן־רייניגער און מיסט־פירער האָבן אויך ניט געטאָן בעסער. זיי האָבן געסטרייקט פּאַר געניוע צוויי וואָכן און די גאַנצע שטאָט איז געווען פאַרלייגט מיט ריזיגע בערג פון מיסט און אָפּפאַל אַז מ'האָט כמעט ניט אַרויסגעזען די הייזער. סיי ווי סיי איז די לופט אין ניו יאָרק פאַר'עיפּוש'ט און פאַרפּעסטעט און מיט הויכע בערג פון מיסט אויף יעדע זייטן גאַס האָט מען ניט אַרויסגעזען די שטאָט פון די מיסט.

האָבן מיר, בכן, אויסגעאַרבעט אַ פּראָגראַם אָנצואווייזן אַלעמען ווען צו סטרייקן, אַזוי אַז אַלע זאָלן זיין צופרידן, עס זאָל זיין אי געסטרייקט און אי עס זאָל קיינעם ניט טאָן קיין שאָדן.

די סקול טיטשערס, למשל, דאַרפן אומבאַדינגט סטרייקן, אָבער ניט אין מאָנאַט סעפּטעמבער, נאָר אין די מאָנאַטן יוני און יולי ווען די קינדער זענען אויף וואַקאַציע. דעמאָלט וועלן זיי קענען סטרייקן וויפל זיי וועלן נאָר וועלן, מיט פייערדיגע רעדעס, מיט פּלאַקאַטן און שלאָג־ווערטער.

די דרייווערס פון די אויל־טראָקס דאַרפן און מוזן סטרייקן אָבער ניט אין ווינטער, ווען ס'איז קאַלט און ס'ברענט אַ פראָסט און מענטשן זענען פאַרקילט און פייפן מיט די נעזער, נאָר אין די זומער מאָנאַטן.

סאָבוויי־אַרבעטער קענען סטרייקן יעדע נאַכט פון 9 אָוונט ביז 7 אינדערפרי. זיי קענען אויך סטרייקן יעדן שבת און זונטאָג און אַלע ימים טובים ווען מענטשן גייען ניט צו דער אַרבעט.

פייערלעשער קענען סטרייקן די גאַנצע וואָך, סיידן ס'איז ערגעצוואו אַ פייער.

גאַסן־רייניגער און מיסט־פירער, פּאָליסלייט און פּאָסט אָפּיס אַרבעטער זאָלן ניט סטרייקן אַלע מיטאַמאָל, נאָר איינציגווייז. יעדן

טאָג זאָלן סטרייקן אַנדערע און ווען עס וועלן דורכגיין עטליכע יאָר וועלן אַלע האָבן אָפּגעסטרייקט.

רבנים קענען סטרייקן די גאַנצע וואָך פאַר בעסערע באַדינגונגען ווי גרעסערע שכירות און קלענערע דרשות, אויסער שבת פאַר מוסף ווען זיי דאַרפן זאָגען זייערע דרשות.

חזנים קענען סטרייקן דעם גאַנצן חודש אויסער שבת מברכים. עס האָבן שוין חזנים איינמאָל געסטרייקט, זיי האָבן געפאָדערט העכערע שכירות און האָבן געטענה׳ט אַז זיי ווילן מער ניט איבערזאָגען יעדעס וואָרט 10 מאָל. דריי מאָל — האָבן זיי געזאָגט — איז גענוג.

בייבי־סיטערס קענען סטרייקן יעדע וואָך עטליכע שעה. די באַדינגונגען וועלן זיין: 10 דאָלאַר אַ שעה, אַ באַנקעט־מאָלצייט פון 6 פּאָטראַוועס, אַ שטעקן צו דערלאַנגען די קינדער. אויב ס׳וועט זיין נויטיג און זיי אָפּפירן אַהיים אין אַ קאַדילעק אָדער לינקאָלן־קאָנטינענטאָל. ווי אַזוי וועלן בייבי־סיטער סטרייקן? פּשוט — זיי וועלן זיך אויפשטעלן און ניט וועלן זיצן. אַ מיידל אַ בייבי־סיטער האָט שוין אפילו איינמאָל געסטרייקט. זי וויל ניט זיין קיין סידור — האָט זי געזאָגט — זי וויל זיין אַ מחזור.

און פאַר די וואָס ווילן סטרייקן און האָבן נעבאַך ניט קיין צייט, האָבן מיר אויך אַ גוטע עצה: זיי זאָלן סטרייקן דורך ״פּראָקסי״, דאָס הייסט, זיי זאָלן דינגען מענטשן צו סטרייקן פאַר זיי. די סטרייקער וועלן פאַר זיי סטרייקן אַזוי לאַנג ווי נויטיג, אַזוי אַרום וועלן זיי קענען אי אַרבעטן און אי סטרייקן. אַ מענטש וועט קענען זיצן אין זיין ליווינג רום און טרינקען טיי אָדער רויכערן אַ סיגאַר און אַ פּראָפעסיאָנעלער סטרייקער מיט אַ מונדיר און פּלאַקאַטן וועט זיך פאַר אים קאָכן, שעלטן, זידלען און אויך דערלאַנגען אין באַק ווען עס וועט זיין נויטיג.

# ווי אַזוי אויסצומיידן האָלד־אַפּס

געווען אַמאָל אַ צייט און טאַקע גאָרניט לאַנג צוריק ווען לייביש צימבל איז געגאַנגען אָנגעטאָן ווי אַ פּראַנט אויסגעפּוצט אין עסיג און אין האָניג און ווען איר וואָלט אים געזען גיין אין גאַס אָנגעטאָן אין אַ קאַשמיר מאַנטעל, ברוינע שיך, קעמלהאָר הוט מיט אַ רויטן פּעדער אין דער באַנד, וואָלט זיך אייך געדאַכט אַז ער איז דער פּרינץ אָוו ווײלס. היינט גייט לייביש צימבעל אָנגעטאָן אין שמאַטעס, אין אַ פּאָר אויסגעדרייטע שיך, אַן אָפּגעכוימלטן מאַנטעל און אַ אַלטן הוט פון מלך סאָביעסקיס צייטן.

וועט איר דאָך געוויס פרעגן, פאַרוואָס עפּעס איז לייביש צימבל אַראָפּ פון גאָלד סטאַנדאַרד און האָט אויסגעטוישט זיינע בגדי מלכות אויף שמאַטעס? איז דער תירוץ, ווייל ניו יאָרק איז מער ניט קיין שטאָט ווי אַנדערע שטעט נאָר אַ וויסטעניש, אַ דזשאָנגעל, דאַרף מען דאָרט גיין אָנגעטאָן ווי אין אַ דזשאָנגעל.

ווען לייביש צימבל איז געווען אָנגעטאָן ווי אַ פּרינץ, האָט ער זיך טאַקע געפילט וויכטיג און געהויבן און מענטשן וואָס האָבן אים געזען האָבן געמיינט אַז ער איז אַ לאָיער אָדער אַ דאָקטאָר און אין סאָבוועי האָט מען זיך פּאַר אים אויפגעשטעלט מיט אָפּשיי און אים אָפּגעטראָטן דעם פּלאַץ. קיין צרות האָבן אָבער דעמאָלט ניט געפעלט, ווייל אַדאַנק זיינע שיינע פּרינצליכע מלבושים האָט מען אויף אים געמאַכט איין האָלד אָפּ נאָכן צווייטן.

איינמאָל, ווען ער איז געקומען אַהיים פון אַ שוהל מיטינג זענען אים באַפאַלן עטליכע בויאַנעס, האָבן אויף אים אָנגעשטעלט אַ רעוואָלווער און אים געהייסן אויפהויבן די הענט ווי אַ כהן טוהט ביים דוכנ׳ען. לייביש צימבל האָט געפאָלגט, ער איז בטבע אַ פאָלגעדיגער, ספּעציעל ווען מ׳שטעלט אויף אים אָן אַ הייסן רעוואָלווער. און די זלידנע חברה האָט אים באַאַרבעט, אים צוגענומען זיין שיינעם מאַנטעל, זיין גאָלדענעם זייגער און דעם געלט־בייטל מיט פופציג דאָלאַר און דאָס אַמעריקען עקספּרעס קאַרטל וואָס אָן דעם טאָר מען ניט אַרויס פון הויז. דעם פאָלגענדן

שבת איז לייביש געגאַנגען אין שוהל און האָט געבענטשט גומל וואָס ער איז כאָטש אַרויס מיטן לעבן. עטליכע וואָכן שפּעטער ווען ער איז געגאַנגען באַזוכן אַ פריינט, האָבן גענגסטערס אים אויסגעליידיגט די קעשענעס און האָבן אים צוגענומען דעם נייעם בייטל וואָס ער האָט געקויפט צוזאַמען מיט זעכציג דאָלאַר און אַ וויזאַ קאַרטל וואָס ער האָט אין אים געהאַט. ווידער איז לייביש צימבל געגאַנגען אין שוהל און האָט געבענטשט גומל און האָט געגעבן אַ שיינע נדבה פאַר דער שוהל.

אַזוי איז ביי לייבישן געגאַנגען אַ סדרה פון האָלד אָפּס און גומל בענטשן. אָט איז ער נאָר וואָס פאַרטיג געוואָרן מיט גומל בענטשן און אָט האָט מען שוין אויף אים געמאַכט אַ פרישן האָלד־אָפּ און ווען לייביש וואָלט עפּעס ניט געטאָן דערצו, וואָלט ער געוואָרן אַ טשעמפּיאָן גומל בענטשער און אַלץ צוליב דעם וואָס ער איז געגאַנגען אָנגעטאָן שיין.

האָט זיך לייביש איינמאָל פאַרטראַכט. וויבאַלד אַז די האָלד־אָפּס וואָס מ'מאַכט אויף אים יעדן מאָנטאָג און דאָנערשטאָג זענען צוליב זיינע שיינע מלבושים איז דאָך דאָ אַן עצה, פּטור צו ווערן פון זיי וואָס שנעלער. איז לייביש צימבל אַרויף אויפן בוידעם, האָט אויסגעזוכט אַן אָפּגעטראָגענעם מאַנטל, אַ פּאָר אַלטע שיך און אַ צוקנייטשטן אָפּגעקראָכענעם הוט, האָט זיי אָנגעטאָן און איז אַזוי אַוועק צו דער אַרבעט. און איר מעגט עס גלויבן אָדער ניט, עס האָט געאַרבעט ווי כישוף. אַזוי שנעל ווי ער האָט אויסגעטאָן זיינע שיינע קליידער און האָט זיך אָנגעטאָן די שמאַטעס וואָס ער האָט געפונען אויף זיין בוידעם, זעט ער ניט אָן קיין גענגסטער פאַר די אויגן. מ'מאַכט אויף אים מער ניט קיין האָלד אָפּס און ער פאַרשפּאָרט צו בענטשן גומל. ער גייט איצט פראַנק און פריי וואו נאָר ער וויל, ער פאָרט מיט סאָבוועיס און באָסעס און האָט פאַר קיינעם ניט קיין מורא. טאָמער טרעפט ער אָן אין דער סאָבוועי טרעמפּס אָדער בויאַנעס אַנטלויפט ער ניט פון זיי ווי עס טוהען אַנדערע ווייל ער ווייסט אַז זיי וועלן אים ניט באַלעסטיגן, מיינענדיג אַז ער איז איינער פון זיי. ער באַקומט נאָך אַמאָל פון זיי אַ ציגאַרעט, אַ שטיקל שאָקאָלאַד אָדער אַ מטבע וואָס ער וואַרפט אַריין אין דער רבי מאיר בעל הנס צדקה פּושקע.

בקיצור, לייביש צימבל איז איצט אַ גליקליכער מענטש און אויב עמיצער וויל גיין אין גאַס אָן מורא און ניט ציטערן אַז מ׳זאָל אויף אים מאַכן אַ האָלד־אָפּ, טוט וואָס לייביש צימבל האָט געטאָן און גייט אָנגעטאָן אין שמאַטעס.

פאַרגעסט ניט, מיר וואוינען דאָך עפּעס אין דער רייכער און באַרימטער שטאָט ניו יאָרק, די שענסטע שטאָט אין דער וועלט.

# אַמאָליגע און היינטיגע גנבים

איר רעדט וועגן גנבים, רעדט איר, וואָס איז דען דאָ צו רעדן? עס זענען דען דאָ היינט לייטישע גנבים אויף דער וועלט? אַ נעבעכטיקער טאָג. די היינטיקע גנבים זענען לײדאַקעס, פּאַרטאַטשקעס, טאַנדעטניקעס. אַ ליאַדע גאָרניט אָן אויסשולונג, אָן דערפאַרונג און אפילו אָן אַ גנבישע טראַדיציע נעמט זיך היינט צו דער פינגער־מלאכה און ווערט אַ גנב. גרויסע קונצן באַווייזן זיי, די שטרויענע העלדן. זיי קומען צו אייך אין הויז אַריין אינמיטן העלן טאָג, ווען עס איז קיינער נישטאָ אין הויז, דער מאַן איז ביי דער אַרבעט, די פרוי איז אין דעפּאַרטמענט־סטאָר, די קינדער זענען אין חדר, עפענען זיי אויף די טיר מיט אַ מייסטער־שליסעל, זענען בודק חמץ אין יעדן ווינקעלע פון הויז און טראָגן אַרויס וואָס נאָר זיי געפינען, צירונג, זילבערוואַרג, פוטערנע מאַנטלען און נאָך אַזעלכע מטלטלין דניידי וואָס האָבן געקאָסט שווערע געלטער. און טאָמער געפינען זיי נישט עטוואָס ווערטפולעס, מאַכען זיי ביי אייך אין הויז דעם דריטן חורבן, צעברעכן שפּיגלען, צעקראַצן דאָס מעבל, צעשניידן די קאַרפּעטס און לאָזן אייך אָן אַ שטיקל לייטיש מעבל.

אַמאָל, זעט איר, איז געווען פיל שווערער צו ווערן אַ גנב. קודם כל האָט מען געדאַרפט שטאַמען פון אַ גנבישער משפחה, מען האָט געדאַרפט זיין אַ גנב בן גנב און די גאַנצע משפחה האָט געדאַרפט באַלאַנגען צו דער פּראָפעסיע. צווייטנס, האָט מען געדאַרפט האָבן לאַנגע הענט ווי לאַפּעטעס און פלינקע, געשיקטע פינגער. אויב נישט האָט מען ניט געקענט באַלאַנגען צו דער דאָזיגער בראַנזשע. אגב האָט אַמאָל אַ גנב געמוזט אָנהויבן זיין דערציאונג פון קינדווייז אָן, מ'האָט אים ביסלאַכווייז געלערנט אַלע קונצן פון דער פינגער מלאכה און ביז ער איז געוואָרן אַ פּראָפעסיאָנעלער גנב האָט ער דורכגעמאַכט אַלע זיבן גיהנומס.

איך דערמאָן זיך, — איר הערט, — אין די גנבים פון מיין היים־שטאָט בלאָטעווקע. דאָס זענען געווען גנבים, מייסטערס, קינסטלער, ווירטואָזן.

נעמט למשל, מעבעלע מאַרעוויכער, האָט ער געהאַט גאָלדענע פינגער און ווען ער לערנט זיך שפּילן פידל, וואָלט ער געווען דער גרעסטער ווירטואָז אין דער וועלט. אַז מעבעלע איז געשטאַנען נעבן אייך אַ פּאָר געציילטע מינוטן, ער האָט אייך אפילו נישט אָנגערירט, און ווען ער איז אַוועק פון אייך האָט אייך געפעלט דער גאָלדענער זייגער, דאָס געלט־בייטל.

ביי ר׳ איציקל, דעם שניט־קרעמער, האָט זיך אַמאָל פאַרהאַקט דער שלאָס פון דער טיר און מען האָט אים בשום אופן נישט געקענט עפענען. צוויי שלאָסער מיט האַמערס און שרויפנציערס האָבן געאַרבעט אפשר צוויי שעה צייט, האָבן געשוויצט ווי די ביבערס און האָבן נישט געקענט עפענען דעם שלאָס. מען האָט שוין געהאַלטן ביים אַראָפּברעכן די טיר.

פלוצלינג האָט זיך פון ערגעץ געיאַוועט מעבעלע מאַרעוויכער און אָן צערעמאָניעס האָט ער אָנגענומען דעם שלאָס מיטביידע הענט, האָט געטאָן אַ דריי אַהער און אַ דריי אַהין און דער שלאָס איז געווען אָפן. אַז מען האָט געוואָלט מעבעלע׳ן באַצאָלן פאַר זיין טירחה, האָט ער נישט געוואָלט נעמען קיין איין גרייצער. — כ׳וועל שוין נעמען מיין באַלוינונג ביי אַן אַנדער געלעגנהייט — האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכל.

אָדער נעמט, למשל, נטע גנב, דער הויפּט־גנב פון אונדזער שטאָט. איז דאָס געווען אַן עקספּערט און ספּעציאַליסט, וואָס די וועלט האָט נאָך נישט געזען. און ווען מען עפנט אויף אַ קאַלעדזש פאַר גנבים, וואָלט מען אים זיכער באַשטימט אַלס הויפּט־פּראָפעסאָר. נטע — פלעגט מען ביי אונדז אין שטאָט זאָגן — גנב׳עט נישט, נאָר גיט אַן עין הרע און אויף וואָס זיין בליק פאַלט, ווערט גלייך נעלם. אַז מען האָט נטע׳ן געזען פון דער ווייטנס, האָט מען זיך גלייך צוגעהאַלטן די קעשענעס, נטע׳ס עין הרע זאָל אויף זיי נישט פאַלן און אַז מען האָט אים געגעבן שלום עליכם, האָט מען גלייך איבערגעציילט די פינגער צו זען צי עס פעלט נישט אַמאָל איינער.

און אַמאָליגע גנבים זענען געווען מענטשן מיט האַרץ און נשמה, פלעגן גנב׳ענען בלויז ביי די גבירים און אָרעמעלייט האָבן זיי געלאָזט צורו. זיי האָבן ביי מענטשן נישט צוגענומען דעם לעצטן גראָשען און אים געלאָזט אָן אַ שטיקל ברויט, ווי די היינטיגע גנבים.

אין בלאָטעווקע האָט אַמאָל פּאַסירט אַזאַ מעשה: מען האָט ביי

רחל די אלמנה איינמאָל אַרויסגע׳גנב׳עט 50 גילדן וואָס אַ רייכער קרוב האָט איר געשיקט זי זאָל האָבן מיט וואָס איבערצולעבן דעם ווינטער. איז די אלמנה געקומען צו לויפן צום רב מיט אַ געוויין און אַ געיאָמער, אַז מען האָט איר געשאָכטן אָן אַ מעסער און אַז אָן די 50 גילדן וועט איר אויסקומען צו הונגערן און צו פרירן דעם גאַנצן ווינטער.

דער רב האָט געלאָזט רופן נטע גנב און אים אָנגעזאָגט מיט די האַרבסטע ווערטער אַז ער זאָל זען צוריקקריגן פאַר דער אלמנה דאָס געגנב׳עטע געלט.

נטע איז געוואָרן אויפגעקאָכט פון כעס. רבי — האָט ער געזאָגט אָן אויפגערעגטער — מאָרגן, ווען דער זייגער וועט שלאָגן 12 וועט דאָס גע׳גנב׳עטע געלט זיין ביי אייך, איכ׳ל פאַרפעטסן אַ מעסער און בלאָטעווקע וועט האָבן מיט אַ גנב וויייניגער.

חלילה — האָט דער רב געזאָגט — זאָלסט אים ניט טאָן קיין שלעכטס, אַ אידיש לעבן איז טייער אפילו ווען ער איז אַ חוטא.

כ׳על אים גאָרניט טאָן — האָט נטע געזאָגט, כ׳על אים בלויז אונטערהאַקן די זייטן און אויסזעצן עטלעכע ציין. מ׳עט ביי אונז אין שטאָט מער ניט גנב׳ענען ביי אָרימע אלמנות.

אויפצומאָרגענס, פונקט 12 אַזייגער, איז נטע געווען ביים רבין אין הויז און האָט אים צוריקגעבראַכט דאָס גע׳גנב׳עטע געלט.

ווער עס האָט געטאָן דאָס מיאוסע שטיקל אַרבעט און האָט געגנב׳עט געלט ביי רחל דער אלמנה, האָט מען אין בלאָטעווקע ניט געוואוסט. מ׳האָט זיך אָבער משער געווען אַז דאָס האָט געטאָן וואָווע פאָנפאַטש, ווייל מ׳האָט אַ פּאָר טעג שפּעטער געזען וואָווען גיין אין גאַס מיט אויסגעהאַקטע ציין און ער האָט געהינקט אויף ביידע פיס. דאָס האָט אים מסתמא נטע גנב מקיים פסק געווען פאַר זיין שיין שטיקל אַרבעט.

דאָס זענען ניט געווען קיין ביליגע גנבים ווי מיר האָבן איצט. דאָס זענען געווען מענטשן מיט האַרץ און געפיל, וואָס פאַראַ שענערע און בעסערע וועלט עס וואָלט געווען ווען מיר האָבן זיי הייַנט.

# אַ בריוו צום גנב וואָס גייט מיר באַ'גנב'ענען

חשוב'ער און הויך־געשעצטער גנב!

אין הויז אין וועלכן איך וואוין, זענען לעצטן יאָר פּאָרגעקומען אַ צענדליג גנבות, מערסטנס אין די אַפּאַרטמענטס וואָס זענען נאָענט פון די שטיגען, און אַזוי ווי מיין אַפּאַרטמענט איז ניט ווייט פון די שטיגען, בין איך מסתמא נעקסט אויף אייער ליסטע און איר וועט אַ ליאַדע טאָג מיר אָפּשטאַטן אַ וויזיט. שרייב איך אייך דעריבער אַ בריוו מיט אינסטרוקציעס איר זאָלט וויסן ווי אַזוי זיך נוהג צו זיין. ווען איר וועט קומען אַרבעטן אין מיין אַפּאַרטמענט אַזוי אַז עס זאָל זיין גוט פאַר אונז ביידן.

קודם כל וויל איך אייך גראַטולירן פאַר די מייסטערפולע דזשאַבס וואָס איר האָט געמאַכט ביי מיר אין הויז. עס איז באמת געווען צו באַוואונדערן, ווען איר האָט אין מיטן העלען טאָג אַרויסגעפירט פון דריטן פלאָר אַ גרויסן טעלעוויזיע סעט, בעת אַ האַלב הויז איז געשטאַנען און זיך צוגעקוקט, מיינענדיג אַז איר זענט אַ טעלעוויזיע מעכאַניק און איר זענט געקומען אים צונעמען אים צו פאַרריכטן. עס איז אויך געווען אַ שיין שטיקל אַרבעט ווען איר האָט אין אַ לאָנדרי־זאַק אַרויסגעטראָגען אַ קאָסטבאַרן פוטערנעם מאַנטעל און אַ מינק־דזשאַקעט, פּרעטענדירענדיג אַז איר זענט אַ לאָנדרימאַן. איר זענט באמת אַ גרויסער קינסטלער און איר דערמאַנט מיר שטאַרק אין דעם גנב פון מיין היים־שטעטל, בלאָטעווקע, מעכעלע מאַרעוויכער, וועלכער האָט אין אַ פּאָר געציילטע מינוטען אַרויסגעפירט אַ פערדעל פון שטאַל, אַז אַ האָן האָט קיין קריי ניט געטאָן און איז דערמיט נעלם געוואָרן.

און איצט צום ענין: ווען איר באַשליסט צו גיין אַרבעטן אין מיין אַפּאַרטמענט, דאַרפט איר ניט אַראָפּדרייען דעם שלאָס און צוברעכן די טיר אויף שטיקלאַך, ווי איר האָט עס געטאָן אין אַנדערע ערטער. לאָזט מיר בעסער וויסן ווען איר גרייט זיך צו קומען, וועל איך לאָזען די טיר אָפן. די בעסטע צייט איז צווישן 12 און 4 בייטאָג.

ס׳איז דעמאָלט קיינער ניטאָ אין הויז און איר׳ט קענען אַרבעטן באַקוועם און אונגעשטערט.

ווען איר עפענט די טיר פון מיין אַפּאַרטמענט, קומט איר אַריין אין אַ קליינעם קאָרידאָר, אָבער דאָרט איז פאַר אייך ניטאָ וואָס צו טאָן. דאָס פּיקאַסאָ בילד וואָס הענגט דאָרט אויפ׳ן וואַנט, איז אַ רעפּראָדוקציע און ס׳איז גאָרניט ווערט און דאָס געשטריקטע בילד פון אַ פאַסטוך מיט אַ טשערעדע שאָף, איז אויך אַ ביליגע זאַך וואָס כ׳האָב געקויפט אין אַ געשעפט פון אַלטע זאַכן. ביידע זענען ניט ווערט אייער טירחה. גייט ווייטער!

אין דיינינג־רום, וואו איר קומט אַריין, איז פאַר אייך אויך ניטאָ קיין סאַך אַרבעט, אויסער אַ פּאָר קליינקייטן. אָבער ווי ג־ט איז אייך ליב, צעקראַצט מיר ניט די קרעדענצע. עס איז פּשוט אַן עבירה. אונטער אַ קרישטאָל ליגן פאַר אייך אָנגעגרייט 75 דאָלאַר. נעמט זיי צו און לייגט זיי אַריין אין קעשענע.

ווען איר קומט אַריין אין ליווינג־רום זאָלט איר, איך בעט אייך, ניט צוברעכן דעם שפּיגעל, וואָס הענגט אויפ׳ן וואַנט. אין אַ ווינקל פון שפּיגעל איז אַריינגעשטעקט אַ קאָנווערט מיט 50 דאָלאַר. נעמט עס צו. ס׳וועט אייך צונוץ קומען.

אין ״באַר״ וואָס שטייט צווישן ביידע פענסטער, זאָלט איר חלילה, ניט מאַכן דעם דריטן חורבן ווי איר האָט געטאָן אין אַן אַפּאַרטמענט וואָס איז נעבן מיינעם. נעמט אַרויס צוויי אימפּאָרטירטע פלעשער קאָניאַק און זאָל אייך וואויל באַקומען.

פון דאָרט גייט איר צו מיין בעד־רום, עפענט אויף דעם קליידער־שאַנק, נעמט אַרויס מיין ווייב׳ס סילווער־פאָקס מאַנטל און לייגט אים אַריין אין אייער לאָנדרי זאַק. זאָרגט ניט, מיין ווייב וועט ניט געפרוירן ווערן, סיי־ווי־סיי איז זי יעדן ווינטער מער אין מיאַמי ווי אין ניו יאָרק. איך האָב אים דען געקויפט אַז עס זאָל איר זיין וואַרים? איך האָב אים געקויפט אַז עס זאָל זיין שטיל אין הויז.

ווען איר קומט אַריין אין מיין ביבליאָטעק־צימער, זאָלט איר ניט צורייסן מיין נייע בריטאַניקאַ ענציקלאָפּעדיע. נעמט צו דעם יאַפּאַנישן טעיפּ־רעקאָרדער און לאָמיר בלייבן גוטע פריינט.

זוכט ניט קיין צירונג און זילבערוואַרג. ס׳איז אַ שאָד אייער מי. די צירונג האַלטן מיר אין אַ באַנק און די זילבערוואַרג געפינט זיך ביי מיין ברודער אין יאָנקערס, ער האָט אַ האָלמס אַלאַרם סיסטעם.

אַרויסגייענדיג פון מיין הויז, צושניידט ניט דעם קאַרפּעט ווי איר האָט געטאָן אין עטליכע ערטער. אין קיך אויפ'ן טיש ליגט אָנגעגרייט פאַר אייך אַ גאָלדענער האַנט זייגער, נעמט עס צו און פטור אַן עסק.

איר זעט דאָך אַז איך פיר מיך מיט אייך אַנשטענדיג, ווועט איר האָפענטליך אויך מיך באַהאַנדלען אַנשטענדיג, האָט מיר איי העפּי ניו יאיר און אויב איר זענט מאחנו בני ישראל האָט אַ פרייליכן חנוכה.

# איך קוק זיך צו און — שווייג

## דערציילט פון אַ זקן, וואָס האָט שוין אויפגעגעסן 90 אפיקומנס

אַן אפיקומן איז אַן אומשולדיג שטיקל מצה וואָס מ׳עסט ביים סוף פון סדר. ווען מ׳עסט אָבער אַ סאַך אפיקומנס איין יאָר נאָכ׳ן צווייטן, קען עס שאַטן צום געזונט, מ׳קען פון דעם חלילה קראַנק ווערן און גיין פון דער וועלט. איך אַליין האָב שוין אין מיין לעבן אויפגעגעסן 90 אפיקומנס און בין נאָך אַדאַנק ג־ט געזונט אויף אַלע אברים, הלוואי ווייטער ניט ערגער. די סיבה פאַרוואָס די גרויסע צאָל אפיקומנס האָבן מיר נישט פאַרשאַדט, איז צוליב דעם געזונטן פאַרדייאונגס אַפּאַראַט מיט וועלכן ג־ט האָט מיר געבענטשט, עס איז אָבער אויך טיילווייז צוליב דעם וואָס איך לעב שטענדיג אין מיין אייגענער וועלט און מיש זיך ניט אין קיינעמס עסקים.

גראַדע בין איך אַלס קליין אינגעל געווען אַ קאָכלעפל, האָב זיך איבעראַל אַריינגעמישט און אַריינגעשטעלט מיין קליין שפיציג נעזל. וואו ערגעץ אַ געשלעג, אַ קריגעריי, בין איך דאָרט געווען, האָב זיך געקאָכט ווי אַ סאַמאָוואַר און האָב געטיילט קלעפּ אויף רעכטס און אויף לינקס. אַמאָל האָב איך געקלאַפּט איין צד, אַמאָל דעם צווייטן, וואָס איז מיר דען געווען דער חילוק, אַז דער עיקר איז געווען ביי מיר דאָס שלאָגן זיך. איינמאָל האָט אָבער עפּעס פּאַסירט וואָס האָט מיר געמאַכט פאַר אויס קאָכלעפל אויף אייביג. פון דעמאָלט אָן ווייך איך פון אַ קריגעריי ווי אַ שד פאַר ווייַרוך און ווען איך זע ערגעץ אַ געזעמל מיט מענטשן גיי איך אַריבער אויף דער צווייטער זייט פון דער גאַס.

עס איז געווען אַ קאַלטער אָבער זוניגער פרייטאָג בייטאָג. איך און מיין ברודער בערל זענען געגאַנגען פון חדר און האָבן זיך געחזרט די הפטרה פון דער וואָך. פלוצלינג האָב איך באַמערקט ווי אַ כאַפּטע אינגלאַך שלאָגען זיך אַזוי גאַנץ געשמאַק און טיילן אויס פעטש און קלעפּ ווי זילבערנע מטבעות.

וואָס! האָב איך געטאָן אַ געשריי — אַ געשלעג אָן מיר? דאָס טאָר ניט פּאַסירן.

דאָ איז צוגעקומען מיין ברודער, האָט אַוועקגעלייגט זיין האַנט אויף מיין אַקסעל און האָט געזאָגט אין אָן ערנסטן טאָן: איציק, מיש זיך ניט, ניט דיין עסק, זיי ווילן זיך שלאָגן, זאָלן זיי זיך שלאָגן, דו מיש זיך ניט אַריין.

האָב איך אים, פאַרשטייט זיך, געהערט ווי דעם קאָטער, האָב אויסגעטאָן דאָס רעקל, בין אַריין אין רינג און — האָב אָנגעהויבן כאַפּן קלעפּ פון אַלע זייטן. עס האָבן אויף מיר אַ האָגל געטאָן פּעטש, בוכצעס און סטוסאַקעס און מ'האָט מיר צעקיילט און צעביילט ווי אַ ביטערן עפּעל און האָבן דערביי געשריגן אויף די העכסטע קולות: האַקט אים אונטער די זייטן זעצט אים אויס די ציין, דערלאַנגט אים אונטערן קאָלנער.

צוויי וואָכן בין איך געלייגן אין בעט אין געהאַקטע וואונדן און טאַפּענדיג די געשוואָלענע יאַסלעס און די בייטלען אונטער די אויגן, האָב איך געטראַכט פון דעם געשלעג פון וועלכן איך האָב אַזוי מיאוס אָפּגעשניטן און האָב דעמאָלט געפאַסט אַ הייליגן באַשלוס זיך מער ניט צו מישן אין קיין זאַך און אין ערגעץ ניט אַריינשטעקן מיין נאָז זאָל געשען וואָס עס וויל, זאָל זיך די וועלט איבערקערן, איך וועל זיך ניט מישן.

און איך האָב געהאַלטן וואָרט און זיך אין קיין זאַך נישט אַריינגעמישט. ווען די ערשטע וועלט מלחמה איז אויסגעבראָכן און דער צאַר האָט מיר געוואָלט נעמען פאַר אַ סאָלדאַט, האָב איך ניט געוואָלט גיין. קיסרל טייערער — האָב איך געזאָגט — אַ מלחמה איז ניט קיין קינדער־שפּיל, מ'קען נאָך חלילה געהרג'ט ווערן, סך הכל — האָב איך געזאָגט — האָב איך בלויז איין לעבן און אַז כ'וועל עס דיר אַוועקגעבן, וואָס וועט מיר בלייבן? בין איך טאַקע אין דער מלחמה ניט געגאַנגען און דער צאַר האָט פאַרלאָרן די מלחמה אָן מיר.

ווען די צווייטע וועלט מלחמה איז אויסגעבראָכן בין איך שוין געווען צו אַלט צו זיין אַ סאָלדאַט, אָבער אַ גענעראַל האָב איך דאָך געקענט ווערן. פונדעסטוועגן בין איך ניט געגאַנגען אין דער אַרמיי. איך האָב זיך פּשוט ניט געוואָלט מישן. פּרינציפּ איז פּרינציפּ. אַזוי איז דאָס ניט מישן זיך ביי מיר געוואָרן אַ הייליגער אידעאַל,

אַ רעליגיע, ביי וועלכער איך האָב זיך געהאַלטן אָן די מינדעסטע פשרות. איינמאָל האָב איך געזען ווי אַ גרויסער זשלאָב רייסט אַרויס צוקערלאַך פון אַ קינד׳ס האַנט און לייגט זיי אַריין אין זיין קעשענע און איך בין געשטאַנען אין אַ זייט און האָב געשוויגען. פאָרנדיג אין אַ באַס האָב איך איינמאָל געזען ווי אַ יונגער צוציק האָט אויסגעכאַפּט אַ סיט פון אַן אַלטן מאַן וואָס האָט נאָך געדינט אין דער ערשטער וועלט מלחמה און איך האָב געשוויגען. אין אַ סופּערמאַרקעט האָב איך איינמאָל געזען ווי אַ מאַן לייגט אונטער דער פּאָלע איין שאַכטל נאָכ׳ן צווייטן און איך האָב געשוויגען, ניט מיין עסק. אַמאָל וואָלט איך פאַר אַזעלכע מעשים טובים געשריגען און געליאַרעמט אויף די העכסטע קולות און געגעבן פּעטש אַז פונקען וואָלטן געפלויגען. היינט, אַרט עס מיר ווי די קאַץ און איך לאַך זיך אויס פון דעם.

איך גיי היינט איבעראַל, זע אַלע געמיינהייטן וואָס ווערן אָפּגעטאָן אונטער דער זון. איך זע רבנים אָן תורה, סוחרים אָן סחורה, כלל טוהערס וואָס זיצן אויף מזרח, און טוהען גאָרניט, פילאַנטראָפּן וואָס גיבן ניט קיין איין סענט. זע איך ערגעץ אַ קריגעריי, אַ מחלוקה, שטיי איך אין אַ ווינקעל און האַלט דאָס מויל פאַרמאַכט ווי אַ קאַרגער דעם בייטעל און שווייג. זע איך ערגעץ אַ געשלעג, אַנטלויף איך וואו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט. איך האָב מיר געמאַכט אַ טבע, אַז ווען איינער הויבט הענט, הויב איך פיס.

איך מיש מיר ניט און דאַצאָל, פּרינציפּ איז פּרינציפּ.

# צוריק צום קאַנטשיק

איר וואונדערט זיך פאַרוואָס קינדער זענען היינט אַזוי ווילד און צעלאָזן און פאַרוואָס זיי שפּרינגען אַזוי פרעך אויף די קעפּ פון זייערע עלטערן און לערער? וואָס איז דען דער וואונדער? מ׳האָט זיי דעם אויפגעצויגען ווי מ׳דאַרף, מהאָט זיי דען געלערנט צו האָבן דרך ארץ פאַר אַן עלטערן, מ׳האָט זיי דען דיסציפּלינירט? קינדער היינט וואַקסן ווי חיות אין וואַלד, ווי ווילדע גראָז און אומקרויט. זיי זענען אונבאַרירבאַר ווי אַ הייליגע קו אין אינדיע אָדער ווי דער קהל׳ישער באַק וואָס האָט האָט אַמאָל אין דער אַלטער היים געבראָכן שויבן, אָנגעטאָן שאָדיינעס און מ׳האָט אים גאָרניט געטאָרט טאָן. לייגן אויף אַ קינד אַ האַנט, גיבן אים אַ קניפּ אָדער אַ ריס פאַר׳ן אויער, איז היינט אַ שווערער פאַרברעכן. פּסיכאָלאָגן וואָרענען, אַז די קינדער וועלן פון דעם אויסוואַקסן מיט פּסיכאָלאָגישע פּראָבלעמען. לאָזט מען די קינדער לויפן און ווילדעווען און די עלטערן באַקומען די פּסיכאָלאָגישע פּראָבלעמען.

די היינטיגע קינדער און די סקולס אין וועלכע זיי לערנען, דערמאָנען מיר, איר הערט, אין מיין היים־שטאָט — בלאָטעווקע און די מלמדים ביי וועלכע איך האָב געלערנט. בלאָטעווקע איז געווען אַ קליין שטעטעלע פון אַ וואָסערע הונדערט משפּחות. חדרים און מלמדים זענען אָבער דאָרט געווען אַ סך און ווער עס האָט נאָר געוואָלט האָט זיך איינגעשאַפּט אַ טייטל און אַ קאַנטשיק און איז געוואָרן אַ מלמד.

מיין ערשטער רבי איז געווען טאָטאַלע דער מלמד, אַ קליין, דאַר אידעלע מיט אַ שמייכל׳דיג פּנים. טאָטאַלע האָט געקענט ווייניג לערענען, בלויז עברי און אַ ביסל חומש, אָבער וואָס ער האָט געקענט האָט ער אונז גוט אויסגעלערנט, אַזוי אַז נאָכ׳ן לערנען ביי אים אַ יאָר צייט, האָט יעדער פון אונז געקענט ווערן אַ דרדקי מלמד.

טאָטאַלע האָט אונז ניט געשלאָגן. עס איז ניט געווען נויטיג, ווייל מיר זענען געווען גוטע קינדער און האָבן גוט געלערנט. ער האָט אונז אָבער געזאָגט, אַז דער רבי ביי וועמען מיר וועלן לערנען אין דעם

קומענדן יאָר, איז אַ גרויסער שלעגער און וועט שמייסן אויף וואָס די וועלט שטייט. ממילא וויל ער אונז, האָט ער געזאָגט, צוגעוואוינען צו שמיץ. האָט ער יעדן טאָג איבערגעלייגט אַן אַנדער אינגעלע איבער די קני און מיט אַ דין ריטעלע, עס זאָל ניט צו שטאַרק ווײ טאָן, האָט ער אים געגעבן אַ פּאָר שמיץ און האָט זיך דערבײ אונטערגעזונגען אַ ליבהאַרציג גערער אָדער מאָזשיצער ניגונ׳דל.

מײן צווייטער רבי איז געווען שמעון דוד, אַ הויכער איד מיט אַ קײלעכדיג פּנים ווי אַ טעלער, אויף וועלכן עס איז ניט געוואַקסן קײן באָרד, בלויז אַ פּאָר האָר, דאָ און דאָרט. מיר האָבן אים צוליב דעם גערופן ״די מומע״. שמעון דוד האָט שוין גראָד יאָ געקענט לערנען. שלאָגן האָט ער אָבער געקענט נאָך בעסער און ער האָט געשיקט אויפ׳ן שמייס־בענקל וואָס איז געשטאַנען ביים טיר וועמען און ווען ער האָט נאָר געוואָלט. די צרה מיט שמעון דוד דעם מלמד איז געווען, וואָס ער האָט יעדן אײנעם געגלויבט אויפ׳ן וואָרט און האָט אָן אַ חקירה ודרישה געשיקט אויפ׳ן שמייס־בענקל. עס איז געווען גענוג אַז אַ אינגעל זאָל זאָגען:

— רבי, בערל האָט מיר אַרויסגעבלעקט אַ צונג!
— אויפ׳ן בענקל! — האָט דער רבי אַרויסגעגעבן אַ פּסק.
— רבי, חיים יאַנקל האָט מיר געבריקעט אונטערן טיש!
— אויפ׳ן בענקל!
— רבי, שמעון האָט גערעדט מיאוסע רייד!
— אויפ׳ן בענקל!

און אַז דער רבי האָט געהייסן גיין אויפ׳ן בענקל, איז מען געגאַנגען און דער רבי האָט אַרײנגעצײלט אַ גוטע פּאָרציע שמיץ און דעם אָפּגעשמיסענעם האָט אַראָפּגײענדיג פון בענקל געפלאַמט ניט נאָר דער פּנים, נאָר אויך אַנדערע טײלן פון קערפּער.

מײן דריטער רבי איז געווען דער רויטער שעיה, אַ דיקליכער איד מיט אַ צונטער־רויטער באָרד. דער רויטער שעיה האָט שוין ווייניגער געשמיסן און האָט גענוצט דאָס שמייס־בענקל פּאַר ספּעציעלע געלעגנהייטן. ער האָט אָבער געהאַט אַ גרויסן לאָקשן־קאַנטשיק פון עכטן לעדער, וואָס האָט אָנגעוואָרפן אַ פּחד אויף אַלע קינדער. ווען מ׳האָט אים אַמאָל אַוועקגערופן אויף אַ ברית אָדער אויף בוררות, האָט ער, איידער ער איז אַוועקגעגאַנגען, אונז איבערגעלאָזט לעצט־געלט. איך ווייך דאָך, שקצים — האָט ער געזאָגט, ״אַז ווען איך

וועל דאָ ניט זיין, וועט איר איבערקערן דעם חדר, איר׳ט אויסהאַקן די שויבן, איר׳ט אויסגיסן דעם צעבער וואַסער און איר׳ט רייסן די קאַץ פאַר׳ן עק. און אַזוי ווי איך וועל דאָך ניט וויסן ווער עס האָט עס געטאָן, וועל איך אייך טאַקע איצט, איידער איך גיי אַוועק, מקיים פסק זיין און אייך ניט שולדיג בלייבן. האָט ער יעדן איינעם דערלאַנגט אַ פּאָר קלעפּ מיטן קאַנטשיק און איצט — האָט ער געזאָגט — קענט איר טאָן וואָס אירווילט.

איין גליק האָבן מיר געהאַט מיט׳ן רויטן שעיה, וואָס ער איז געווען קורצזיכטיג און האָט זעלטן געטראָפן אין ציל. ווען ער האָט אָנגעהויבן צו דרייען מיטן קאַנטשיק, האָבן מיר קונציג אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ אין אַ זייט און דער קאַנטשיק איז געפאַלן אויפ׳ן טיש, אויפ׳ן וואַנט אָדער אויפ׳ן פענצטער.

אָט אַזוי האָט מען געלערנט תורה ביי אונז אין בלאָטעווקע מיט קלעפּ און שמיץ און מ׳איז נישקשה אויסגעוואַקסן געזונטע און אָנשטענדיגע מענטשן. אונזערע אַמאָליגע מלמדים האָבן ניט געהאַט קיין דיפּלאָמעס און קיין טיטולן ווי די היינטיגע לערער. זיי האָבן אָבער פאַרמאָגט אַ קאַנטשיק און פאַרן קאַנטשיק האָט מען געהאַט מער דרך ארץ ווי פאַרן גרעסטן טיטול.

וואָלט אפשר טאַקע געווען אַ יושר צוריקצוגיין צום קאַנטשיק. האַ, וואָס זאָגט איר?

# עצות ווי אַזוי אויפצוהערן רויכערן

שוין לאַנג אַז איר ווילט אויפהערן צו רויכערן, אַיאָ? איר ווילט און איר קענט. דער דאָקטאָר האָט אייך געוואָרענט אַז ציגאַרעטן זענען אייך מקצר ימים און אייער ווייב בעט זיך ביי אייך רחמים אַז איר זאָלט אויפהערען צו רויכערן. איר הערט זיי אָבער ווי דעם קאָטער און איר האַלט אין איין פּיפּקען איין ציגאַרעט נאָכ'ן צווייטן אַז ס'גייט אַ רויך. איר האָט שוין געפּטר'ט ביי אייך אין הויז עטליכע קאַרפּעטס, פאַרסמאַליעט עטליכע שטיקער מעבעל און אויסגעברענט לעכער אין אייער ליווינג־רום סאָפע. איר האָט שוין אויפגעגעבן די האָפענונג אויפצוהערן רויכערן און ס'דאַכט זיך אייך אַז איר וועט שוין אַזוי רויכערן דאָס גאַנצע לעבן.

פונדעסטוועגן, זייט נישט פאַרצווייפלט. מיר האָבן פאַר אייך דאָ עטליכע גוטע עצות און אַז איר וועט זיי פאָלגען וועט איר נאָך ווערן אַ נאָרמאַלער מענטש, וואָס איר זענט ניט איצט און איר וועט פּטור ווערן פון אייער מחלה.

קודם כל, זייט וויסן אַז דאָס רויכערן ציגאַרעטן און ציגאַרן שטאַמט פון די אַמעריקאַנער ווילדע אינדיאַנער און ביז קאָלאָמבוס האָט אַנטדעקט אַמעריקע האָט קיינער ניט געוואוסט פון אַזאַ זאַך ווי רויכערן, און יעדעס מאָל וואָס איר נעמט אַ ציגאַרעט אין מויל, פאָלגט איר דערמיט נאָך אַ מנהג פון די רויטע אַמעריקאַנער אינדיאַנער.

צווייטענס, דאַרפט איר וויסען, אַז רויכערן איז אַ נאַרקאָטיק און פאַרטויבונגס מיטל. ווען אַ מענטש איז נערוועז און צעטראָגען און ווייסט ניט וואָס צו טאָן מיט זיך, טוהט ער אַריין אַ ציגאַרעט אין מויל, פונקט ווי מ'שטעקט אַריין אַ וויינענדיג קינד אַ מאַמקע אין מויל עס זאָל אויפהערן צו וויינען און יעדעס מאָל וואָס איר טוט אַריין אַ ציגאַרעט אין מויל, זענט איר אין דער זעלבער מדריגה ווי אַ וויינענדיג קינד.

איר מעגט אויך וויסען אַז רויכערן איז אַ מיאוסע געוואוינהייט וואָס איז פיל ערגער ווי שיכור'ן אָדער שפּילען אין קאָרטן. ווען איר

שיכור'ט זיך, למשל, אַן און איר לייגט זיך אַוועק אין רינשטאָק און איר שרייט אַז איר זענט נאַפּאָלעאָן, דאָס, זעט איר, איז אייער עסק, און ווען איר פאַרשפּילט אייער געלט אין קאָרטן און איר האָט ניט מיט וואָס צו קויפען עסען, דאָס איז אויך אייער עסק. ווען אָבער איר פאַררויכערט אַ ציגאַר אָדער אַ ציגאַרעט און איר טרייבט וואָלקענס רויך גלייך אין מיין פּנים, דאָס, זעט איר, איז שוין מיין עסק. וואָס פאַראַ מחותן זענט איר עפּעס צו פאַרפּעסטען דאָס ביסעל לופט וואָס איך דאַרף האָבן צו אָטעמען? ווי האָט עס געזאָגט מיין קלוגער אָנקעל חיים איטשע: פרייהייט איז טאַקע אַ גוטע זאַך, אָבער דיין פרייהייט ענדיגט זיך ווען מיין נאָז הויבט זיך אָן.

און אָט זענען אַ פּאָר עצות פאַר אייך ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון רויכערן:

די ערשטע עצה איז — אָנצושיטן אַ סאַך זאַלץ און פעפער אויף די ציגאַרעטן וואָס איר רויכערט און ווען איר וועט נעמען אַזאַ פאַרזאַלצענעם ציגאַרעט אין מויל און ס'עט אייך ווערן ביטער אין פּיסק, וועט איר פאַרלירען דעם חשק צו רויכערן

די צווייטע עצה איז — צו האַלטען דעם אָנגעצינדענעם ציגאַרעט אָדער ציגאַר מיט'ן פייער אין מויל און ווען איר וועט זיך עטליכע מאָל אָפּבריען דעם צונג מיט'ן גומען, וועט אייער תאווה צו רויכערן ווערן ביסלאַכווייז שוואַכער. ס'וועט אייך אויך נישט געפעלן דאָס נוצן אייער אייגן מויל ווי אַן אַש־שיסעלע.

אויב אָט די עצות העלפן ניט און עס ציהט זיך אייך צו דעם רויך ווי עס ציהט אַ שיכור'ן צו דער משקה — האָבן מיר פאַר אייך נאָך אַן עצה: גייט אַרויף אויפ'ן דאַך פון אייער הויז, שטעלט זיך אַוועק נעבן דעם קוימען און אָטעמט איין אַזוי פיל רויך ווי איר ווילט נאָר אַליין. איר וועט דערמיט טאָן טאָן צוויי גוטע זאַכן: איר וועט האָבן גענוג רויך וואָס איר האָט אַזוי שטאַרק ליב, ס'וועט אייך ניט קאָסטען קיין איין סענט און איר וועט ניט פאַרפּעסטען קיינעמס לופט וואָס איר טוהט ווען איר רויכערט ציגאַרעטן.

און אפשר וועט איר גאָר גיין אין ביזנעס מיט רויך און שאַפן אַ שפּאָגעל נייע אינדוסטריע. ווען קינדער מאַכן ערב פּסח פייערס אין גאַס צו פאַרברענען דעם חמץ, שטעלט זיך דאָרט אַוועק מיט בייטלען און פלעשער. אירט זיי אָנפילען מיט רויך און איר'ט זיי

שפּעטער פאַרקויפן צו אַזעלכע מענטשן ווי איר, וועלכע קענען ניט לעבן אָן רויך. ספּעציעל וועלן אויף אַזעלכע פלעשלאַך מיט רויך זיין בעלנים פרומע אידן וועלכע רויכערן נישט אום שבת. זיי וועלן קענען זיצן שבת אין שוהל, דאַוונען און הערן קריאת התורה און וועלן אַלע ווייל״ע אַ שמעק טאָן פון פלעשעלע רויך, ווי מ׳שמעקט טאַבאַק און וועלן האָבן אַן אמת׳ן עונג שבת.

# וועו מ'גייט היינט געבן די תורה

מיר האָבן נסים, איר הערט, וואָס מ'האָט געגעבן די תורה אַמאָל מיט עטליכע טויזנט יאָר צוריק, ווייל ווען מ'וואָלט איצט געגאַנגען געבן אידן די תורה וואָלט עס משה רבנו'ן ניט אָנגעקומען אַזוי לייכט. אַמאָל, אין די אַלטע צייטן ווען אידן האָבן נאָכניט געהאַט קיין "עדיוקיישאָן", אין קאַלעדזש זענען זיי ניט געגאַנגען און קיין דיפּלאָמעס האָבן זיי ניט געהאַט, זענען זיי געווען תמימות'דיגע און ערליכע אידן און אַז משה רבינו איז צו זיי געקומען אין נאָמען פון ג-ט און האָט זיי גע פרעגט צי זיי ווילן מקבל זיין די תורה, האָבן זיי ניט געפרעגט קיין קשיות און האָבן אויסגעשריגען בקול אחד — "נעשה ונשמע". מיר וועלן טאָן און וועלן הערן, איר'ט נעמען צען געבאָט, 613 מצוות, 248 עשה'ס, 365 לא תעשה'ס? — האָט ער זיי געפרעגט. גיב אַהער וויפיל מצוות דו ווילסט — האָבן זיי געענטפערט, — ווייל וואָס, מ'שטיינס געזאָגט — איז מען עס פאַראַ מענטש אָן מצוות און אָן געבאָטן? האָבן זיי טאַקע גענומען די תורה און האַלטן זיך מיט איר אויף היינטיגן טאָג.

שטעלט זיך אָבער פאָר וואָס עס וואָלט זיך עס אַביסל אָפּגעטאָן ווען מ'וואָלט איצט געגאַנגען געבן אידן די תורה. עס וואָלט זיך אָנגעהויבן אַ טומל און געפילדער, מ'וואָלט דורכגעפירט מאַסן מיטינגען אין מעדיסאָן סקווער גאַרדן, מ'וואָלט דעבאַטירט, אַרגומענטירט, קאָנפערירט און רעפערירט, מ'וואָלט זיך געהיצט און געקאָכט. איינער וואָלט געזאָגט מ'זאָל נעמען די גאַנצע תורה, אַ צווייטער וואָלט געזאָגט אַז מ'זאָל נעמען בלויז אַ האַלבע תורה און אַ דריטער וואָלט געזאָגט אַז מ'זאָל גאָרניט נעמען קיין תורה. שרייבער וואָלטן געשריבן אַרטיקלען, טייפּרייטערס וואָלטן געקלאַפּט, פּענעס וואָלטן געקריצט און טינט וואָלט זיך געגאָסן ווי וואַסער. מ'וואָלט געטומלט, גערעדט און געפּלוידערט און מ'וואָלט ניט געקומען צו קיין תכלית.

דאָס וואָלט נאָר געווען ביי יענע אידן די ציוניסטען, סאָציאַליסטען, אַנאַרכיסטען און אַנדערע איסטען. אָבער די אידן מיט

דער מענטאַליטעט פון חסידים און בני ישיבה וואָלטן גלייך אויסגעשריגען בקול רם נעשה ונשמע, פונקט ווי אונזערע עלטערן האָבן דאָס געטאָן מיט מער ווי 3,000 יאָר צוריק. די אידן מיט דער מענטאַליטעט פון קאָנסערוואַטיווע אידן וואָלטן געזאָגט ״נשמע ולא נעשה״, הערן קען מען, וואָס קען דאָס שאָדן, אָבער טאָן, דאָס הייסט היטן און מקיים זיין די מצוות פון דער תורה, אויף דעם זענען זיי ניט גרייט. די אידן מיט דער נטיה פאַר רעפאָרמיזם וואָלטן געזאָגט — ״לא נעשה ולא נשמע״, דריי אונז נישט קיין ספּאָדעק מיט מצוות און געבאָטן, מיר דאַרפן ניט קיין תורה, מיר דאַרפן לעבן ווי פרייע פויגל און ניט זיין געפּענטעט מיט דינים און געזעצן.

נאָכדעם ווי זיי וואָלטן זיך גוט דורכגעטראַכט, וואָלטן די צוקונפטיקע קאָנסערוואַטיוון געסעטלט פאַר דרייצען מצוות פון די 613 און די איבעריגע וואָלטן זיי צוריקגעוויזן און די צוקונפטיגע רעפאָרמער וואָלטן גענומען בלויז די עשה׳ס — עסן קרעפּלאַך, עסן קניידלאַך עסן המן טאַשען און פון די לא תעשה׳ס וואָלטן זיי ניט גענומען אפילו קיין איינע.

און אפילו מיט די וואָס וואָלטן צוגעשטימט צו נעמען די גאַנצע תורה וואָלט עס אויך ניט צוגעגאַנגען אַזוי גלאַטיג און אַז משה רבינו וואָלט זיי געזאָגט אַז מ׳גייט געבן די תורה אויפ׳ן באַרג סיני וואָלט זיך אָנגעהויבן אַ דינגעניש און אַן אַמפּערניש, פאַרוואָס עפּעס אויף אַזאַ קליין בערגל, פאַרוואָס ניט אויף די שיינע אַלפּן בערג פון אייראָפּע? — וואָלטן אַ סך געזאָגט, און פאַרוואָס ניט אויף די הימעלייער בערג פון טיבעט, וועלכע זענען אַזוי נאָענט צום הימעל? — וואָלטן אַנדערע געזאָגט. גאָר אַנדערע וואָלטן פאָרגעשלאָגען אַז מ׳זאָל געבן די תורה אויף די קעטסקיל בערג ווי, לאָמיר זאָגן, וואודרידזש אָדער מאַנטיסעלאָ. משה רבינו וואָלט דערווייל געשטאַנען און געוואַרט אַז מ׳זאָל קומען צו אַ טאָלק און ער וואָלט אַן אַנטוישטער צוריקגעטראָגען די תורה אין הימל אַריין.

און אַז אידן וואָלטן ניט גענומען די תורה וואָלט עס געווען זער ביטער, ווייל אָן די תורה וואָלטן אידן געווען ווי אַ סוחר אָן סחורה, ווי אַ חזן אָן אַן עמוד און ווי אַ מלמד אָן אַ חדר און ווי אַ שרייבער אָן אַ טעמע. אָן תורה וואָלטן חלילה אידן געווען ווי אַנדערע פעלקער, וואָלטן געזעסן אין די באַרס און געשיכור׳ט, וואָלטן זיך געוועט אויף פערדלאַך און וואָלטן פאַרגעמבלט זייער געלט אין די

קאַסינאָס פון אַטלאַנטיק סיטי. אָן תורה וואָלטן אידישע קינדער אַרומגעלאָפן גאַנצע טעג באַוואַקסענע ווי חיות מיט צוריסענע הויזן און מיט גיטאַרס אין די הענט, זיי וואָלטן געגעסן פּיצאַ און געטרונקען סאָדע־וואַסער פון בלעכענע קענדלאַך.

דאַרפן מיר זיך טאַקע פרייען יעדן טאָג פון אונזער לעבן וואָס מיר זענען אידן און ניט קיין רוסן, פּאָליאַקן, דייטשן אָדער פראַנצויזן, ווייל טראָץ אַלעמען זענען מיר בעסער און שענער פון אַלע פעלקער פון דער וועלט און שטייען מיט טויזענט קעפּ העכער פון זיי.

# פּאַרוואָס מ׳האָט מיר אויסגעוויילט אַלס פּרעזידענט פון שוהל

איר וואונדערט זיך פּאַרוואָס מ׳האָט מיר, אַ כפול שמונה׳דיגן קבצן, אויסגעוויילט אַלס פּרעזידענט פון אַ גרויסער שוהל? טאָ הערט; זעצט זיך אַוועק אָט דאָ אויף דער באַנק נעבן מיר, וואַרפט אַוועק דעם ציגאַרעט. אָט אַזוי, וועל איך אייך אַלץ דערציילן און איר וועט איינזען אַז איך האָב דעם כבוד גאַנץ כשר פאַרדינט.

שוין אַ קיימא־לן פון פופצן יאָר וואָס איך בין אַ שטענדיגער מתפלל אין דער קאָנגרעגיישאָן חברה בושת פנים אנשי לעמעשקע. יעדע וואָך, וואָס ג־ט האָט אַראָפּגעשיקט דעם שבת אויף דער וועלט האָב איך מיר אויסגעפּוצט אין מיין שענסטן מלבוש, האָבן שפּאַצירט צו דער שוהל, האָב גענומען אַ טלית, סידור און אַ חומש און זיך געזעצט ביי דער טיר. פּאַרוואָס עפּעס ביי דער טיר פרעגט איר? דאָס איז צוליב צוויי טעמים. טעם נומער איינס — טאָמער וויל מען מיר אַרויסוואַרפן פון שוהל, ווי ס׳האָט שוין איינמאָל פּאַסירט מיט איינעם, זאָל מען מיר נישט האָבן ווייט צו וואַרפן און מ׳זאָל מיר נישט דאַרפן שלעפּן איבער דער גאַנצער שוהל. טעם נומער צוויי — טאָמער מאַכט מען אַן אַפּיל, נעמט בלויז אַ מינוט און איך בין אין דרויסן, אַזוי ווי איך בין גאַנץ פיין באַ׳קבצנ׳ט און קען אַליין נישט געבן און צו קוקן ווי אַנדערע הויבן די הענט האָב איך אַ קנאַפּן חשק.

בין איך אַזוי געגאַנגען יעדן שבת אין שוהל און בין געווען מיט אַלץ צופרידן, ספּעציעל מיט דעם וואָס דער רב איז אַ כבד פּה און קען נישט רעדן און וואָס דער חזן איז שטענדיג הייזעריג, ממילא צידט מען נישט אויס דאָס דאַווענען און מ׳ווערט שנעל פאַרטיג. בלויז איין זאַך איז מיר דווקא נישט געפעלן געוואָרן און דאָס איז וואָס מ׳האָט דאָרט שטענדיג גערעדט אינמיטן דאַווענען. מ׳האָט גערעדט ביי שחרית, מ׳האָט גערעדט ביי קריאת התורה, מ׳האָט גערעדט ביי מוסף, בלויז ביים רב׳ס דרשה האָט מען נישט גערעדט,

דעמאָלט איז מען געשלאָפן. אַזאַ מזל האָט די שוהל געהאַט צו דער רעדעניש, אַז אפילו אַן אַלטער איד וואָס האָט מיט קיינעם נישט געהאַט קיין עסקים איז געזעסן אין אַ ווינקל און האָט גערעדט צו זיך אַליין.

האָט עס מיר פאַרדראָסן הלמאי מ׳האַלט ביי אונז אין שוהל אין איין רעדן און פּלאַפּלען און האָב באַשלאָסן עפּעס צו טאָן וועגן דעם, און כאָטש איך בין נישט קיין רעדנער בין איך געקומען צו אַ מיטינג פון שוהל און האָב גענומען דאָס וואָרט.

דזשענטעלמען — האָב איך געזאָגט — איך וויל צו אייך איצט רעדן וועגן אַ וויכטיגן ענין, וועגן דער רעדעניש ביי אונז אין שוהל אין מיטן דאַווענען וואָס איז אַן אָנשיקעניש, אַ פּלאָג וואָס געפינט זיך אפילו נישט אין דער תוכחה. וועל איך אייך איצט געבן עטליכע עצות ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון דער צרה. דאָס רעדן ביי מענטשן — האָב איך געזאָגט מעשה וויסנשאַפטסמאַן — איז ווי דאָס מרוקען פון בהמות, דאָס מעקען פון ציגן אָדער דאָס מיאַקען פון קעץ, אַ קו מוז מרוקען, אַ ציג מוז מעקען און אַ קאַץ מוז מיאַקען און אַ מענטש מוז רעדן. אַזוי איז שוין די טבע פון בעלי חיים. איז אָבער די צרה וואָס אַ סך מענער האָבן אין זייערע הייזער נישט קיין שאַנס אַרויסצורעדן אַ וואָרט, רעדן זיי אין שוהל. דאַרף מען דעריבער בעטן די חשוב׳ע ליידיס זיי זאָלן לאָזן זייערע מענער רעדן אין הויז וועלן זיי פאַרשפּאָרן צו רעדן אין שוהל.

נאָך אַ סיבה פאַרוואָס אידן רעדן אין שוהל — האָב איך פאָרגעזעצט — איז, וואָס יעדער איינער זיצט נעבן אַ גוטן פריינט, רעדט מען, שמועסט מען, פּלאַפּלט מען. ווען יעדער איינער וואָלט אָבער געזעסן נעבן אַ שונא, וואָלט קיינער נישט גערעדט און עס וואָלט געוועזן שטיל אין שוהל. וואו נעמט מען אָבער אַ שונא פאַר יעדן איינעם פון שוהל? איז דאָ אַן אַנדער עצה: אַוועקזעצן יעדן איינעם נעבן איינעם מיט וועלכן ער וועט נישט האָבן וואָס צו רעדן. אַ שוסטער למשל, זאָל מען אַוועקזעצן נעבן אַ זייגערמאַכער, אַ פּלאָמבער נעבן אַ דיאַמענט סוחר, אַ מלמד נעבן אַ טעקסי דרייווער, וועלן זיי נישט האָבן וואָס צו רעדן און עס וואָלט געוועזן שטיל אין שוהל און מ׳וואָלט געקענט דאַווענען און הערן קריאת התורה. טאָמער וועלן די אַלע עצות נישט העלפן — האָב איך פאַרענדיגט — איז דאָ נאָך אַן עצה: מ׳קען מאַכן אין פּאָליש פון שוהל אַ

ספּעציעלן צימער פאַר די שמועסערס, וואו זיי וועלן קענען רעדן וויפיל זיי וועלן נאָר וועלן און וועלן נישט שטערן די אַנדערע אין דאַווענען. דער דאָזיגער צימער — האָב איך צוגעלייגט — וועט זיין אויסשליסליך פאַר רעדן און טאָמער וועט דאָרט עמיצער וועלן דאַווענען, וועט מען אים פון דאָרט אַרויסוואַרפן.

ווען כ׳האָב געענדיגט מיין רעדן האָט אויסגעבראָכן אין זאַל אַ הילכיגער אַפּלאָז, אַלע האָבן זיך געהויבן פון זייערע ערטער און האָבן געשריגן אַז איך בין דער קלוגסטער מענטש אין שוהל. נעמט אים אויף פאַר פּרעזידענט! — האָט איינער געשריגן — פאַר׳ן טשערמאַן פון באָרד — האָט אַ צווייטער אונטערגעכאַפּט. ער׳ט ראַטעווען די שוהל — האָט אַ דריטער געזאָגט, ביי דעם זעלבן מיטינג טאַקע בין איך ערוויילט געוואָרן אַלס פּרעזידענט פון דער שוהל און דעם פאָלגענדן שבת בין איך שוין געזעסן אויף מזרח נעבן דעם רב און דעם חזן.

און איך האָב די אידן פון מיין שוהל נישט אַנטוישט. איך האָב זיך גלייך גענומען איינצופירן אָרדענונג און אָפּצושטעלן דאָס רעדעניש אין אונזער שוהל. איך האָב לויט מיין פּלאַן צונויפגעמישט קאַשע מיט מון, טשולענט מיט קליאָטשע, אַ זקן מיט אַ ווייסע באָרד האָב איך אַוועקגעזעצט נעבן אַ בר מצוה אינגל, אַ גאַליציאַנעם האָב איך געזעצט נעבן אַ ליטוואַק, אַ פלאָמבער נעבן אַ ציין דאָקטער, אַ מלמד נעבן אַ סטאָק בראָקער, און אַזוי ווי די דאָזיגע אידן האָבן נישט וואָס צו רעדן איינער מיט׳ן צווייטן, זיצן זיי און דאַווענען און עס איז איצט אַזוי שטיל אין שוהל אַז מ׳קען הערן אַ נאָדעל אַראָפּפאַלן אויף דער ערד.

שיער פאַרגעסן; אין דעם פּאַליש פון דער שוהל האָט מען איינגעאָרדענט אַ ספּעציעלן צימער פאַר די שמועסערס, קיינער וויל אָבער דאָרט נישט אַריינגיין און טאָמער עפּענט עמיצער דאָס מויל און רעדט אַרויס אַ וואָרט ווייזט מען אים גלייך אָן מיט׳ן פינגער אויף יענעם צימער, ווערט ער רויט ווי אַ בוריק און הערט אויף צו רעדן.

# אידישע עולם הזה

איר רעדט וועגן עולם הזה רעדט איר, וועגן לוקסוס און וואוילטאָג. וואָס ווייסט איר וועגן עולם הזה און וועגן לוקסוס און וואוילטאָג? מיאַמי ביטש און די ריוויערע איז ביי אייך עולם הזה, מינק מאַנטלען און קעדילעקס איז ביי אייך לוקסוס? אַ שמעק טאַבאַק נאָט אייך פאַר אַזאַ עולם הזה און פאַר אַזאַ לוקסוס. קומט קיין וויליאַמסבורג אָדער באָראָ פּאַרק אין אַ פרייטאָג נאַכט אין אַ חסידיש שטיבל, וועט איר דאָרט הערן אידן זינגען לכה דודי און איר וועט ניט פאַרבייטן קיין צוואַנציג סימפּאָניעס און קאָנצערט שטיקער פאַר איין לכה דודי. איר וועט דאָרט הערן אידן דאַווענען און לערנען און זאָגן תהלים מיט אַזעלכע שיינע און האַרציגע ניגונים און איר וועט זאָגן אַז איר וועט אַוועקגעבן די רייכסטע שינדיקס און פּרעס באַנקעטן פאַר איין קאַפּיטל תהלים אָדער פּרק משניות.

עפּעס אַ קלייניקייט, אידישע עולם הזה! קען אַן איירישמאַן אָדער איטאַליענער זיך פאַרשטעלן דעם פאַרגעניגן פון עסן אין סוכה אָדער בענטשן אתרוג? קיינמאָל אין דער וועלט ניט. קען אַ קאַצאַפּ אָדער אַ טאָטער זיך פאָרשטעלן וואָס עס מיינט פאַר אַ אידן, זיצן אויף מזרח שבת אין שוהל; קריגן שישי, שלישי, מפטיר יונה אָדער דוד המלכ׳ס הקפה? און וואָס איז עפּעס מיט בענטשן חנוכה ליכט, קלאַפּן המן׳ען, זיצן ביים סדר, טרינקען פיר כוסות וויין און ציילן די מצריים די צען מכות, קלאַפּן הושענות און נאָך אַזעלכע תענוגים און פאַרגעניגנס. נאָר אַ פרומער איד קען וויסן דעם טעם פון דעם.

אין באָראָ פּאַרק איז דאָ אַ איד וואָס מ׳רופט דער עולם הזה פּרעסער, ווייל ער כאַפּט אַריין עולם הזה אין איין טאָג וואָס אַנדערע באַקומען ניט אין אַ יאָר. יעדן אינדערפרי נאָכ׳ן דאַווענען, שלינגט ער איין עטליכע יום תהלים, זופּט אויס אַ פּאָר קאַפּיטלאַך מעמדות און פאַרבייסט מיט אַ פּרק משניות. נאָכדעם ווי ער דערכאַפּט זיך דאָס האַרץ מיט אַ גלעזל טיי און אַ פּאָר קרעקערס, זעצט ער זיך אַוועק לערנען עין יעקב אָדער מדרש און זינגט זיך דערביי צו זיסע ניגונים, אַז יאַשאַ חפץ האָט געמעגט אַוועקלייגן זיין פידל און זיך צו אים צוהערן.

נאָכמיטאָג זעצט ער זיך אַוועק לערנען בעיון אַ שיעור גמרא מיט תוספות מיט נאָך אַזאַ עולם הזה פרעסער ווי ער און גרויס איז זיין פרייד ווען ער טרעפט צו אַ מהרש״א אָדער אַ מהר״ם שיף אָדער ער פאַרענטפערט אַ שווערן רמב״ם. אין אָוונט ווען די אויגן זענען מיד, זאָגט ער תהילים אויף אויסנווייניג, לערנט ווידער אַ פרק משניות און פאַרענדיגט דעם טאָג מיט ספרים וועגן חסידישע רביים, צדיקים און אנשי מעשה. נו, קענען די לעב־יונגען פון פאַרק עוועניו אין ריווערסייד דרייוו האָבן אַ באַגריף פון אַזאַ עולם הזה. אָט דער עולם הזה פרעסער האָט אפילו הנאה פון פאַסטן תעניתים און פון יעדן תענית קומט אים צו אַ שטיק געזונט. עס האָט אים אפילו איינער געזאָגט, אַז עס איז אַ שאלה צי ער מעג פאַסטן וויבאַלד ער האָט פון דעם אַזאַ שטאַרקע הנאה.

וואָס אַנבאַלאַנגט לוקסוס, קען מען אין ערגעץ ניט געפונען אַזאַ פאַרשווענדעניש און אויסברענגעריי ווי ביי פרומע אידן. קומט, זייט מוחל, ווידער קיין וויליאַמסבורג אָדער באָראָ פּאַרק. איר׳ט אויסגעפינען, אַז קיין פרייז איז ניט צו הויך פאַר די זאַכן וואָס חסידישע אידן וויל זיך איינשאַפן. איר וועט דאָרט זען טייערע שטריימלען און ספּאָדעקס, קאָסטבאַרע תפילין, טערקישע טליתים, זילבערנע עטרות, אתרוג־פּושקעס, בשמים־ביקסלאַך און אתרוגים מובחרים, וואָס קאָסטן פון 500 ביז 1,000 דאָלאַר יעדער איינער.

שיער פאַרגעסן די מצה שמורה, וועלכע ווערן יעדן יאָר טייערער און דאָס יאָר וועלן זיי שוין מסתמא זיין אַזוי טייער ווי איבעראַיאָר. אַ פונט מצה שמורה האָט לעצטן יאָר געקאָסט פון אַכט ביז צען דאָלאַר אַ פונט און איין איינציגער ערב פסח׳דיגע מצת מצווה האָט געקאָסט אַרום פינף דאָלאַר. און די חלב ישראל און גלאַט כשר׳ע פלייש! מ׳האָט אַמאָל געקענט קויפן אַ גאַנצע קו וואָס מ׳צאָלט היינט פאַר אַ קוואָרט חלב ישראל און מ׳האָט געקענט קויפן אַ גאַנצן אָקס וואָס מ׳צאָלט היינט פאַר איין פונט גלאַט כשר׳ע פלייש.

❧ ❧ ❧

# הימל און ערד און וואַסער

געווען אַמאָל אַ צייט ווען מענטשן פלעגן רעדן פון פּאָליטיק, רעוואָלוציעס און ערד־ציטערנישן. היינט רעדן אַלע פון וואַסער, מ׳רעדט פון די וואַסער וואָס איז ניטאָ און פון די רעגנס וואָס פאַלן ניט. מ׳רעדט פון די אַלטע גוטע צייטן ווען מ׳איז אַריינגעגאַנגען אין אַ רעסטאָראַן און דער ווייטער האָט אייך גלייך אונטערגעטראָגען אַ קאַלטע גלאָז וואַסער וואָס איז געווען מחיה נפשות.

אַמאָל, ווען די וועלט איז נאָך געווען אַ וועלט, עס האָט גערעגנט אין צייט און געשנייט אין צייט, ווען מ׳איז געקומען אַהיים פון דער אַרבעט, זענט איר אַריינגעגאַנגען אין וואַשצימער און זיך אונטערגעשטעלט אונטערן שפּריץ אָדער זיך אַריינגעזעצט אין אַ וואַרימער וואַנע וואַסער און זיך אָפּגעפרישט אַביסל. היינט אָבער, אַז איר גייט אַריין אין אַ רעסטאָראַן דאַרפט איר זיך מיטברענגען אַן אייגענע גלאָז וואַסער, אַ שפּריץ נעמט איר, ווען איר גייט אויף אַ באַנקעט אָדער חתונה. אַ וואַנע נעמט איר ווען דער דאָקטאָר האָט עס אייך פאַרשריבן פאַר אַ רפואה.

ס׳איז געוואָרן אַ טרוקענע וועלט, אָן רעגן, אָן שניי און אָן וואַסער. מענטשן וואַשן זיך ניט, קינדער באָדן זיך ניט, ווייבער וואַשן ניט קיין וועש און אויב עס וועט אַזוי ווייטער גיין ווי עס גייט, וועט ניט נעמען לאַנג און ס׳וועט ניט זיין קיין טראָפּן וואַסער אָפּצוגיסן אַ געחלש׳טן.

ווער, מיינט איר, איז שולדיג אין דעם איצטיגען וואַסער־מאַנגעל וואָס פּלאָגט אַלעמען פון קליין ביז גרויס? עס איז אַ חרפּה צו דערציילן: די אידן, איבערהויפּט די פרומע אידן.

און אָט וואָס די אידן טוען צום ביסל וואַסער וואָס ג־ט שיקט אַראָפּ צו די מענטשן קינדער:

ווי שנעל אַ איד הויבט זיך אויף אין דער פרי און עפנט נאָר אויף די אויגן, גיסט ער באַלד אָפּ נעגל־וואַסער, דריי מאָל אויף דער רעכטער האַנט און דריי מאָל אויף דער לינקער האַנט. אין ניו יאָרק אַליין זענען דאָ אַ פּאָר הונדערט טויזענט פרומע אידן כ״י. און איר

קענט זיך פאַרשטעלן וויפל וואַסער עס גייט אַוועק ווען אַזאַ חברה גיט זיך אַ שטעל אַוועק יעדן פרימאָרגן אָפּצוגיסן נעגל־וואַסער? פאַר נעגל־וואַסער אַליין דאַרף מען האָבן אַ מיסיסיפּי ריוועל. ווען אַ איד זעצט זיך אַוועק עסן עטלעכע מאָל אין טאָג, דאַרף ער נטילת ידים וואַסער און ווען ער גייט בענטשן, דאַרף ער מים אחרונים, יעדן ערב שבת גייט אַ איד זיך טובל׳ען אין אַ מרחץ, גאָר פרומע אידן גייען יעדן אינדערפרי זיך טובלען — רק וואַסער און וואַסער.

קומט ערב פסח, הויבט זיך אָן אַ סדרה מיט כשר׳ן כלים און דאָס טוט מען, ווי מיר ווייסן, מיט וואַסער. ביים באַקן מצות שטייט אַ בחור ביים מעל־בעקן און האַלט אין איין גיסען וואַסער. זעצט מען זיך צו די סדרים אין די נעכט פון פסח, נוצט מען ווייטער גאַנצע צעבערס מיט וואַסער, מ׳וואַשט די הענט צוויי מאָל, מ׳טונקט דעם כרפס אין זאַלץ־וואַסער און מ׳טרינקט פיר כוסות, אויסער דעם כוס וואָס מ׳שטעלט פאַר אליהו הנביא, און וויין — דאַרף מען וויסן — מאַכט מען מערסטנס פון וואַסער כאָטש מ׳קען דאָס אויך מאַכן פון ווייַנטרויבן. אונזער שכן און שכנה קוגעלמאַן, למשל, האָבן זיך זייערע אייגענע צען קינדער און ווען ער זעצט זיך אַוועק צוזאַמען מיט זיין שווער און שוויגער צו פראַוועז די סדרים, ווערן ביי אים צערונען 112 כוסות וויין. עס איז אַ פאַקט אַז דער וואַסער־מאַנגעל הויבט זיך כמעט שטענדיג אָן נאָכ׳ן יום טוב פסח און דאָס איז אַ באַוויז אַז אין דעם איז שולדיג וואָס די וויין מאַכער גיסען צופיל וואַסער אין די וויין. מ׳האָט אַמאָל געפרעגט אַ וויין מאַכער, אַ פרומער איד צי מ׳מעג נוצען וויין פאַר מים אחרונים און ער האָט געענטפערט אַז מ׳מעג.

וואָלט עס נאָך אפשר ניט געווען אַזוי שלעכט ווען עס וואָלט געדעגנט אַביסל מער און וואָלט אָנגעפילט די רעזערוואואַרן מיט אַ סך וואַסער. איז אָבער די צרה וואָס די היינטיגע חזנים קענען מיט זייער דאַווענען ניט אויספועל׳ן אַז עס זאָל רעגענען ווי געהעריג. אַמאָליגע צייטן אַז אַ חזן האָט זיך אַוועקגעשטעלט שמיני עצרת ביים עמוד און האָט געטאָן אַ זאָג משיב הרוח ומוריד הגשם, האָט גלייך אָנגעהויבן צו גיסן אַ רעגן אַז עס האָט געסטייעט פאַר אַ גאַנץ יאָר. אַז מ׳איז אַמאָל געגאַנגען אין שוהל שמיני עצרת אין דער פרי, האָט מען געדאַרפט מיטנעמען אַ רעגן מאַנטל און קאַלאָשן, און היינט קענען צען חזנים מיט לאַנגע קיטלען און דריי־שטאָקעדיגע

יאַרמולקעס ניט אַראָפּבּרענגען קיין טראָפּן רעגן פון די הימלען. עס העלפט ניט וואָס זיי גאָרגלען זיך אָן אויפהער און זאָגן איבער משיב הרוח ומוריד הגשם אפשר צוואָנציג מאָל. די וואָלקנס בלייבן פאַרעקש׳נט און ווילן ניט גיבן קיין רעגן טראָפּן פאַר די מענטשן קינדער. (געשריבן אין אַ טרוקענעם יאָר).

# ווי אַזוי צו ראַטעווען די וועלט

פאַראַן אויף דער וועלט אַ סך חכמים און געלערנטע מיט דיפּלאָמעס און דאָקטאָר טיטולען, וועלכע קוקן רק אויף די הימלען און טראַכטן הויכע מחשבות. וואָס עס טוט זיך אָבער אויף דער זינדיגער ערד, אַרט זיי הפּנים ניט. עס אַרט זיי למשל ניט וואָס עס קאָסט שוין איצט אַ דאָלאַר צו פאָרן מיט דער סאָבוויי אָדער מיטן באָס. עס איז קיין וואונדער נישט, דעריבער, פאַרוואָס אַזוי פיל מענטשן קויפן איצט אויטאָמאָבילן צו פאָרן צו דער אַרבעט. זיי קענען פשוט זיך ניט ערלויבן צו צאָלן די הויכע קאַרפעיר וואָס מ׳צאָלט אין ניו יאָרק. עס אַרט זיי אויך ניט, די דיפּלאָמירטע חכמים, וואָס מ׳דאַרף שוין איצט אַוועקלייגן אַ וואָסערע אַכט אָדער צען דאָלאַר זיך אָפּצושערן דאָס ביסל האָר פון קאָפּ און צוליב דעם טאַקע, טראָגן אַזוי פיל מענטשן זיך איצט אַרום מיט גרויסע טשופּרינעס און ריזיגע קוטשמעס האָר און זעען שיער אויס ווי היפּיס אָדער ייפּיס.

איך אָבער, דער שרייבער פון די דאָזיגע שורות, וועלכער האָלט זיך ניט פאַר קיין געלערנטן און האָט אפילו ניט קיין דאָקטאָר טיטול, קימער זיך אָבער יאָ וועגן די פּראָבלעמען מיט וועלכע מענטשן ראַנגלען זיך און איך זוך וועגן און מיטלען ווי אַזוי צו פאַרבעסערן זייער דאָליע. איך טראַכט ניט וועגן פליהען צו דער לבנה אָדער די פּלאַנעטן וואָס קענען קיינעם קיין נוצן ניט ברענגען, נאָר וועגן פשוטע, ערדישע זאַכן וואָס מענטשן דאַרפן האָבן צו עקזיסטירן אויף דער וועלט.

נעמט למשל, אַזאַ פשוטע זאַך ווי מילך, וואָס עס טרינקט קליין און גרויס, קינד און קייט. מילך, ווי מיר ווייסן, איז די געזינטסטע זאַך אויף דער וועלט און אַנטהאַלט אַלע וויטאַמינען, מינעראַלן, פעטסן און צוקערס און אַלץ אין דער וועלט וואָס אַ מענטש מוז האָבן אָנצוהאַלטן זיין ביסל חיות.

פון וואַנען נעמען מענטשן אָט דאָס טייער אַרטיקעל, ווייסן דוכט זיך אַלע: מ׳נעמט אַ בהמה, מ׳שטעלט איר אַוועק ביי אַ וואַנט, און

מ׳מעלקט איר אויס דאָס ביסל מילך וואָס זי האָט אין איר אַייטער.
און פון וואַנען נעמט די בהמה אָט דעם נאַרהאַפטן שפּייז־פּראָדוקט, ווייסן אויך אַלע. די בהמה עסט ניט קיין מאַרציפּאַנעס אָדער געבראָטענע טויבן, נאָר ווי דען, פון פּראָסטן און פּשוטן גראָז וואָס וואַקסט אויף יעדן פעלד און לאַנקע. מ׳נעמט די בהמה אויפ׳ן פעלד, זי בויגט איין איר בהמישן קאָפּ און עסט אַזוי פיל גראָז ווי עס גלוסט זיך איר. פון אָט די גרינע גראָז פאַבריצירט די בהמה די גוטע מילך וואָס מיר טרינקען און פון וועלכער מיר וואַקסן און גדרייען.
שטעלט זיך אָבער די פראַגע: אויב גראָז איז אַזאַ טייער מאכל וועלכעס ווערט ביי די בהמות פאַרוואַנדעלט אין מילך, טאָ צוואוואָס דאַרפן מיר געבן די בהמות גראָז און זיי זאָלן פון דעם געבן אונז מילך, קענען מיר דאָך אַליין עסן גראָז און פּטור אַן עסק! יעדן אינדערפרי ווי נאָר מ׳טוהט זיך אָן, מ׳וואַשט זיך אָפּ און מ׳דאַווענט, וועט מען אַרויסגיין אין דרויסן און מ׳עט זיך אָנעסן אַזוי פיל גראָז ווי מירן נאָר וועלן.
וואָס פאַראַ גליקן וועט אַרויסקומען מענטשן פון דער גראָז־עסעניש? איז דער ענטפער, גאָר אַ סך! ראשית, אַז יעדער מענטש וועט האָבן זיין שפּייז פריי, ווי לופט און וואַסער, וועט מען דאָך ניט דאַרפן אַרבעטן, וועט מען האָבן גענוג צייט צו דאַווענען — און לערנען און טאָן מצוות ומעשים טובים. ווייבער וועלן ניט דאַרפן קאָכן און באַקן און וואַשן דישעס און וועלן קענען זיצן אויף די פריזבעס און זיך דערציילן וואונדערליכע מעשות פון אַמאָליגע רביים און גוטע אידן.
צווייטנס: מ׳עט ניט דאַרפן פטר׳ן צייט אין רעסטאָראַנען און אין לאָנטשאָנעטס און עסן נעבכטיגע און פּאַראַכטאָגיגע עסנס וועלכע שאַטן צום געזונט און מ׳ווערט אַלט פאַר דער צייט. איינע פון די סיבות פאַרוואָס אדם וחוה האָבן דערגרייכט אַזאַ הויכן עלטער איז, ווי מיר ווייסן, וואָס זיי האָבן נישט געגעסן אין רעסטאָראַנען.
דריטנס: מען וועט פון דער גראָז־עסעניש זיין געזונט אויף אַלע אברים, ווייל גראָז איז די געזינטסטע זאַך אויף דער וועלט. אַ ראיה האָט איר, אַז די בהמות זענען פון דעם גראָז געזונט ווי די פערד און שטאַרק ווי די אָקסן, זיי שלינגען ניט קיין פּילן און נעמען ניט קיין וויטאַמינען. איר האָט שוין געזען אַז אַ בהמה זאָל נעמען אַספּירין אָדער אַלקאַ־סעלצער? איר האָט שוין געזען אַ בהמה זאָל אָנטאָן

אויגן-גלעזער אָדער אַ הער אַפּאַראַט? קיינמאָל אין דער וועלט ניט!

וועט איר געוויס פרעגן: אַז אַלע וועלן עסן גראָז און מ׳עט קיין אַנדער זאַך ניט דאַרפן, טאָ וואָס וועלן טאָן אַלע גראָסעריליים, פּרוכט הענדלער, רעסטאָראַנען, קייטערערס און ווייטערס, פון וואַנען וועלן זיי לעבן? ענטפער: זיי וועלן אַלע עסן גראָז. און וואָס וועלן טאָן אַלע דאָקטוירים, כירורגען, דענטיסטן און פאַרמאַצעווטן? איז ווייטער דער תירוץ, זיי וועלן אַלע עסן גראָז.

בלייבט נאָך איצט איבער איין שווערפּונקט: אויב מענטשן וועלן אַלע עסן גראָז ווי די בהמות, וועלן זיי דאָך חלילה אָנהויבן צו מעקען און בעקען ווי די בהמות. וואָס פאַר אַ פּנים וועלן האָבן די קאַמפּעין־רעדנער, ווען זיי וועלן זיך אַוועקשטעלן פאַר דער טעלעוויזיע קאַמעראַ און וועלן אָנהויבן צו מעקען און בעקען? וואָס פאַראַ פּנים וועט האָבן פידעל קאַסטראָ ווען ער׳ט זיך אַוועקשטעלן אין דער יונייטעד ניישאָנס און וועט זאָגען מעעע.... און ווי וועט אויסזען קאַדאַפי פון ליביע ווען ער וועט זיך אויפשטעלן און זאָגען מו׳ו׳ו׳? ווי אַזוי וועט דער סאָוויעטישער פאַרטרעטער זאָגען, "ניעט" אָדער דאַ מיט אַ מעעע און אַ מו׳ו׳ו׳?

וועט מען אויף דעם פרעגן צוריק: און וואָס טוהט מען אויף אין דער יונייטעד ניישאָנס מיט דעם מבול פון רייד און ספּיטשעס, וואָס עס גייט דאָרט אָן? אפשר וועט מען מיט׳ן מעקען און בעקין מער אויפטאָן ווי מיט די רעדעס.

בקיצור, דאָס גראָז עסן וועט זיין אַ ברכה פאַר דער וועלט. קיין אַנדער וועג דורך וועלכן די וועלט זאָל פטור ווערן פון אירע צרות, זע איך ניט.

# מיין ווייב, מיין אשת חיל

ווי איר קוקט מיר אָן, בין איך אַ פאַרהייראַטער מאַן, בין איך, כאָטש איך זע דאָס ניט אויס. אויף אַנדערע מענער דערקענט מען גלייך אַז זיי זענען פאַרהייראַט: זיי גייען אַרום פאַרצער׳טע און פאַרדאגה׳טע, אָבער ניט אויף מיר. ווען איר גיט אַ קוק אויף מיר וואָלט זיך אייך געדאַכט אַז איך בין אַ גליקליכער מענטש, אַ פרייער פויגעל און קען טאָן וואָס נאָר איך וויל און גיין וואו נאָר איך וויל. איר וואָלט זיך קוים געקענט פאָרשטעלן אַז איך האָב ביי מיר אין הויז אַ אידענע וואָס רעגירט איבער מיר און זאָגט מיר דעות און נעמט מיר צו דאָס געלט וואָס איך ברענג אַהיים יעדע וואָך און גיט עס אַוועק אין די דעפּאַרטמענט סטאָרס.

שוין באַלד דריי צענדליג יאָר וואָס איך בין שווער פאַרהייראַט צו מיין טריינע לאה. זי האָט שוין דורך דער צייט געקויפט עטליכע טויזענט דרעסעס, אַ פּאָר הונדערט מאַנטלען, אַרום צוויי הונדערט פּאָר שיך און אָן אַ שיער רעגען־שירעמס און האַנט בייטלען. זי האָט אַזעלכע קליינע פלאַסטישע קאַרטלעך און זי קען פאַר זיי באַקומען אַלץ אין דער וועלט, אפילו דעם ברוקלין בריק. אַלץ וואָס זי דאַרף טאָן איז ווייזען אַזאַ קאַרטעל און מ׳הויבט גלייך אָן צו שיקן פּעק מיט פּעקלעך, קליינע און גרויסע און גאָר גרויסע און מיין הויז ווערט פאַרוואַנדעלט אין אַ מאַגאַזין פון אַלע סאָרטן קליידער פון דער לעצטער מאָדע.

ווען איך האָב חתונה געהאַט, האָב איך געמיינט אַז איך האָב חתונה בלויז מיט איר. ווער זאָל וויסן אַז איך האָב אויך חתונה מיט ״מעיסיס״ און ״גימבעלס״, ״עי ענד עס״ און אַ צענדליג אַנדערע דעפּאַרטמענט סטאָרס. ווען איך וואָלט געוואוסט אַז זיי וועלן זיין מיט מיר אַזעלכע נאָענטע מחותנים, וואָלט איך זיי איינגעלאַדן צו דער חתונה.

איר מיינט, אַז מיר אַרט וואָס זי קויפט אַזוי פיל דרעסעס און מאַנטלען? חלילה! עס אַרט מיר בלויז וואָס איך דאַרף פאַר זיי באַצאָלען. עס אַרט מיר אויך וואָס יעדעס מאָל וואָס זי קויפט אַביסל

דרעסעס וואַרפט זי אַרויס עטליכע פון מיינע מלבושים צוליב מאַנגעל אין פּלאַץ. ווען איך האָב חתונה געהאַט מיט איר האָב איך פאַרמאָגט אַ צענדליג סוטס פאַר אַלע געלעגענהייטן. איצט האָב איך ניט מער ווי צוויי און אויב זי קויפט נאָך עטליכע דרעסעס און מאַנטלען, זענען מיינע צוויי סוטס אין סכנה.

אויסער איר קרובה׳שאַפט מיט די דעפּאַרטמענט סטאָרס, האָב איך ניט געוואוסט וועגן נאָך זאַכן אירע. איך האָב, למשל, ניט געוואוסט אַז זי האָט אַזאַ געוואַלדיגן כח הדיבור און אַז זי קען רעדן טויזענט ווערטער אין אַ מינוט. פאַר דער חתונה האָט זי ניט געקענט עפענען דאָס מויל, איצט קען זי עס ניט צומאַכן. אין די הייסע זומער־טעג, ווען די גאַנצע וועלט זיצט און וואַרימט זיך אויף דער זון, האָט זי מורא אַרויסצוגיין אין דרויסן, זי זאָל זיך ניט אָפּברענען דעם צונג. איינמאָל האָב איך צו איר ניט גערעדט פאַר דריי טעג צייט. איך האָב איר פּשוט ניט געוואָלט אונטערברעכן.

פאַר דער חתונה האָט זי גערעדט אין אַ נידעריגן טאָן, קוים וואָס מ׳האָט איר געהערט. אַז איך האָב גערעדט מיט איר איינמאָל אויפ׳ן טעלעפאָן און האָב איר געבעטן אַז זי זאָל רעדן אַביסל העכער ווייל איך קען איר ניט הערן, האָט זי מיר געענטפערט אַז זי קען ניט רעדן העכער ווייל זי האָט אַ נידעריגן קול. אַ נידעריגן קול! איר האָט איר געדאַרפט הערן איצט: אַ מעצאָ סאָפּראַנאָ, אַ קוויטש סאָפּראַנאָ. דער הויכער "צע", איז ביי איר די נידעריגסטע נאָטע. ווען די חזנים וואָלטען געקענט אַזוי זינגען ווי זי קען שרייען, וואָלטען זיי געקראָגען די בעסטע שטעלעס.

פאַר דער חתונה האָב איך אויך ניט געוואוסט, וויי־צו־מיר, אַז זי איז אַזאַ בריה אויף צוברענען עסן, וואָס זי טוהט טאָג־טעגליך. ביי איר ברענט צו פליישׂ, זופּ, וועדזשטעבלס און אַלץ וואָס זי קאָכט. ביי מיין טריינע לאָה ברענט צו אפילו טיי. איר האָט שוין אַמאָל פאַרזוכט פאַרברענטע טיי? ביי מיר אין הויז קענט איר דאָס באַקומען. צוליב איר שטענדיגען צוברענען דאָס עסן אין די טעפּ, האָב איך געוואָלט אַרויסנעמען אַ ספּעציעלע פייער אינשורענס פּאַליסי. כ׳האָב אָבער אַזאַ פּאַליסי ניט געקענט באַקומען. פאַר פייערן וואָס קומען פאַר יעדן טאָג — האָט מען מיר געזאָגט — גיט מען ניט קיין אינשורענס.

פונדעסטוועגן איז מיינע זאָל לעבן אַ גוטע באַלעבאָסטע און גיט

אַכטונג אַז איך זאָל האַלטן די הויז אין אָרדענונג. אַז זי וויל גרייט זי צו אַ מאָלצייט כיד המלך. איר מאַנישעוויטשעס, געפילטע פיש און רוקח׳ס באָרשט זענען מלא טעם און אירע מאָטערס קרעפּלאַך זענען פאַר׳ן קיסר צו שטעלן.

קומט מיין געבורטסטאָג איז ביי איר ששון ושמחה: זי פרייט זיך, מיין טריינע לאה, וואָס איך בין געבוירן געוואָרן, ווייל ווען איך ווער ניט געבוירן, ווער וואָלט פאַר איר געצאָלט די בילס?

# דיטווירדזשענטס אויף מיין קאָפּ

איר געדענקט נאָך אפשר אייער באָבע׳ס הויז, אירע אַלטע מעבל פון מלך סאָביעסקיס צייטן, די אייזערנע בעטן מיט די שטרוי זעק, די הינקענדיגע שטולן, דער טיש וואָס האָט זיך געוואַקעלט ווי אַ שיכור? און אפשר געדענקט איר נאָך אויך דאָס פיר־קאַנטיגע שטיקל זייף וואָס איז געלעגן פאַרשטעקט ערגעץ אויף אַ פּאָליצע? מיט דעם שטיקל זייף האָט אייער באָבע געהאַלטן איר הויז ציכטיג און זויבער. איינרייבענדיג אַ נאַסע שמאַטע אין דעם שטיקל זייף האָט זי אָפּגעוואַשן דאָס ביסל מעבל, האָט אָפּגעפּוצט די פענצטער און די טירן אַז זיי האָבן געבלאַנקט ווי שפּיגלען. מיט דעם זעלבן שטיקל זייף האָט די באָבע אויך אויסגעוואַשן די וועש פאַר דער גאַנצער משפחה און דאָס זעלבע שטיקל זייף האָט דער זיידע מיטגענומען אין מרחץ ווען ער איז געגאַנגען זיך אַרומוואַשן לכבוד שבת.

מיר קינדער פלעגן פאַר דעם שטיקל זייף ציטערן ווי פאַר פייער, ווייל ווי נאָר די באָבע האָט אונז דערזען ביי דער טיר, האָט זי גלייך געכאַפּט דאָס שטיקל זייף און אַ האַנטוך און האָט אונז אָנגעהויבן צו וואַשן דאָס פּנים, די הענט, דעם האַלז, די אויערן און וואו נאָר זי האָט געקענט דערגרייכן.

אַנטקעגען וואָס דערמאַן איך אייך איצט פון אייער באָבע׳ס הויז מיטן שטיקל זייף? אַנטקעגן מיין אידענע, זאָל לעבן, ווייל מיין אשת חיל, דאַרפט איר וויסן, פאַרמאָגט ניט אַזאַ כישוף׳דיג שטיקל זייף ווי מיין באָבע האָט געהאַט. דערפאַר האָט זי אַ גאַנצן אַרסענאַל מיט ״דיטווירדזשענטס״, אַזעלכע זייף־פּודערס און פליסיגקייטן פון אַלע סאָרטן און קאָלירן. מיר האָבן ביי אונז אין הויז אַ גרויסן וואָק־אין קלאָזעט, איז ער אַזוי גרויס אַז מ׳וואָלט דאָרט געקענט אַרומפּאָרן מיט אַ מאָטאָרציקל. שטייען דאָרט אין דעם קלאָזעט צענדליגע פלעשער, קעסטלאַך און בייטלען מיט וועלכע מיין באַלעבאָסטע רייניגט די שטוב און פילט אָן אַלע צימערן מיט עיפּושדיגע ריחות.

יעדע איינע פון אָט די דיטווירדזשענטס האָט אַן אַנדער גערוך און קאָליר. צו וואַשן די פלאָרס און די ווענט האָט זי אַזאַ פּודער מיט אַ

חלשות׳דיגן קאַליר און אַ סכנות נפשות׳דיגן גערוך און ווען איר גיט אַ שמעק פון דעם הויבט איר אָן צו ניסן און שיסן און איר קענט אַזוי אָפּניסן ביז שבת בראשית. פאַר פּוצן די מעבל האָט זי אַזאַ פליסיגקייט מיט אַ קאָליר פון איבערגעשטאַנענע זויערמילך און אַ ריח פון פאַרפוילטע פיש און ווען אייער נאָז דערשמעקט דאָס לויפט איר זיך ראַטעווען ביי אַן אָפענעם פענצטער. פאַר וואַשן וועש האָט זי אַזעלכע זייף־פליטערלאַך מיט אַ מורא׳דיגן שאַרפן גערוך און ווען ער דערגרייכט אייער שמעק אַפּאַראַט עקספּלאָדירט אייער נאָז ווי אַ מאַשין ביקס, איר הויבט אָן ניסן און איר קענט דעם אָטעם ניט כאַפּן.

ווען מיין אידענע גייט אין סופּערמאַרקעט איינצוקויפן אירע דיטווירדזשענטס נעמט זי מיר מיט פאַר אַ מבין און ברענגט מיר אַלע ווילע אַן אַנדער פלעשל, עפענט עס אויף און גיט מיר אַ שמעק צו טאָן דערפון. טאָמער גיב איך אַ שמעק פון דעם און איך חלש ניט אַוועק אויפ׳ן אָרט, איז עס ניט קיין גוטער דיטווירדזשענט און זי קויפט עס נישט. טאָמער אָבער עס בייטן זיך די קאָלירן אויף מיין פּנים, כ׳פאַרגלאָץ די אויגן און גיב אַ געשריי — געוואַלט ראַטעוועט! — איז עס אַ גוטער דיטווירדזשענט און זי קויפט עטליכע פלעשער.

אָט אַזוי לייד איך מיר אָן פון די דיטווירדזשענטס און ווען איך קום אַהיים פון דער אַרבעט הויב איך גלייך אָן צו ניסן, הוסטן, פורכען און פאָכען מיט דער נשמה און פון דעם שטענדיגן ניסן איז מיר די נאָז געשוואָלען ווי אַ באַלון און רויט ווי אַ בוריק. איך ניס און הוסט און רייב מיר די נאָז און האָב טענות צום רבונו של עולם וואָס ער האָט מיר באַשאַפן מיט אַ נאָז. צוואָס טויג מיר אַ נאָז — טענה איך — אַז טאַבאַק שמעקט מען ניט היינט, שפּאַקולן טראָגט מען היינט אין די אויגן, די ״קאָנטעקט לענזעס״, ווי מ׳רופט זיי. דער איינציגער נוץ וואָס עס איז היינט געבליבן איז צו שמעקן בשמים שבת נאַכט צו הבדלה, איז צוליב דעם דאַרף איך ליידן דאָס גאַנצער לעבן?

וועט איר דאָך אַוודאי פרעגן: וואָס איז מיט מיין ווייב׳ס נאָז, ווי אַזוי קען זי פאַרטראָגען די שאַרפע ריחות פון די דיטווירדזשענטס? איז דער תירוץ אַז איר נאָז איז יאָ אַ נאָז און ניט קיין נאָז. עס איז

אַזאַ מין נאָז וואָס פילט ניט און שמעקט ניט. הלמאי פילט זי ניט דעם ריח פון דאָס עסן וואָס זי ברענט צו יעדן טאָג? און פאַרוואָס פילט זי ניט ווען זי לאָזט אָפן די גאַז אין קיך יעדעס מאָל וואָס זי קאָכט אָדער באַקט? אָבער מיין נאָז, ווייז צו מיר, איז אַן עקספּערט, אַ ספּעציאַליסט, אַ ווירטואָז און ווען מ׳פּרעגלט פיש אין פלעטבוש דערשמעק איך עס אין באָראָ פּאַרק, נו, וואָס טוהט מען מיט אַזאַ נאָז? גיט אַן עצה אידן, גיט.

# צרות פון אַ נייעם קאַרפּעט

טאָמער דענקט איר אַז איר האָט שוין געהערט וועגן אַלע משוגעת׳ן פון דעם ווייבער־פאָלק, האָט איר, במחילת כבודכם, אַ טעות. אָט וועל איך אייך איצט דערציילן אַ שפּאָגל נייע משוגעת פון מיין אידענע וואָס איר האָט נאָך קיינמאָל ניט געהערט. הערט אַ מעשה:

מיט עטליכע חדשים צוריק איז מיר ענדליך געלונגען צו דינגען אַ נייעם אַפּאַרטמענט, איך האָב געגעבן איבערן טעיבל, אונטערן טעיבל, איבערן בעט און אונטערן בעט און האָב זיך מיט מזל ענדליך אַריינגעצויגען אין מיין נייעם אַפּאַרטמענט.

און אַז מ׳ציהט זיך אַריין אין אַ נייעם אַפּאַרטמענט דאַרף מען האָבן קודם כל אַ נייעם קאַרפּעט. די גרעסטע קבצנים און שלעפּערס האָבן דאָך היינט שיינע קאַרפּעטס אין זייערע הייזער. מ׳קען היינט אַרומגיין אין צוריסענע קליידער און עסן פּאָטייטאָס מיט הערינג אָבער אַ שיינעם קאַרפּעט מוז מען האָבן. איז מיין פּלונית׳טע איינמאָל אַריינגעגאַנגען אין אַ קאַרפּעט־סטאָר און נאָכדעם ווי זי האָט שיער פאַרנודנעט צום טויט עטליכע סעילסלייט (איינעם האָט מען אַרויסגעפירט אַ גע׳חלש׳טן) האָט זי ענדליך געקויפט אַ וואָלענעם קאַרפּעט פון גאָלד־קאָליר. איר הערט, ניט קיין אַנדערן ווי פון גאָלד קאָליר! און פון דעם האָבן זיך אָנגעהויבן פאַר מיר צרות פון וועלכע איך האָב קיינמאָל פריהער ניט געוואוסט.

מילא די צרות וואָס כ׳האָב געהאַט פון די עלעקטרישע סטאַטיק פון דעם וואָלענעם קאַרפּעט און צוואוואָס מ׳האָט זיך צוגערירט האָט מען געקראָגען אַן עלעקטרישן שאָק, דאָס איז אַ קאַפּיטעל וועגן וועלכן עס איז כדאי באַזונדערס צו באַשרייבן. דעם עיקר פּראָבלעם האָב איך אָבער געהאַט פון מיין אידענע ביי ווענען דער נייער גאָלדענער קאַרפּעט איז געווען די וויכטיגסטע זאַך אין דער וועלט. אַזוי שנעל ווי מ׳האָט דעם קאַרפּעט אַוועקגעלייגט און אים צוגענאָגלט צו דעם דיל, האָט זי זיך אַוועקגעזעצט מיט מיר אויף דער סאָפע און צו מיר געזאָגט בזה הלשון:

דער דאָזיגער קאַרפּעט, שמואל יונה, איז ניט צו טרעטן אויף אים

נאָר צו קוקן אויף אים פון דער ווייטענס, אַזוי ווי מ׳קוקט אין גאַס אויף אַ שויפֿענצטער. וועסט פון היינט אָן און ווייטער נישט עסן קיין זאַך אין ליווינג רום אָדער טרינקען דיינע גלעזלאַך ביער און סאָדעוואַסער, דאָס וועסטו טאָן אין קיך. דיין ראַדיאָ פאָנאָגראַף און טעיפּ רעקאָרדער, וועל איך דיר אַוועקשטעלן אין פאָיער ביי דער טיר. דאָרט וועסטו מיט זיי קענען שפּילן אַזוי לאַנג ווי דו וועסט נאָר וועלן. דיינע שוואַרצע שיך זאָלסטו אַרויסוואַרפן אין מיסט קאַסטן און קויפן זאָלסטו עטליכע פּאָר געלע שיך, זיי זאָלן זיין פון דעם זעלבן קאָליר ווי דער קאַרפּעט. און טאָמער וועלן קומען געסט, מ׳עט אַריינגיין אין ליווינג רום און מ׳עט דערלאַנגען כיבוד, זאָלסט זיין פאָרזיכטיג ניט אַראָפּצואוואַרפן חלילה אַ קרישקע אויפ׳ן פלאָר. זאָל זיך דיר דאַכטן אַז ס׳איז ערב פּסח. דו הערסט, שמואל יונה? — האָט זי געזאָגט, קוקנדיג בשעת מעשה וואָס פאַר אַן איינדרוק אירע רייד מאַכן אויף מיר. איך הער — האָב איך געזאָגט און האָב געפילט אַז איך וועל פון דעם קאַרפּעט האָבן די אמת׳ע צרות.

בקיצור, צו מאַכן אַ לאַנגע מעשה קורץ, מ׳דאַרף צו מיין נייעם קאַרפּעט האָבן אַן אייזערנעם געדולד און שטאָלענע נערוון. איך זיץ אין מיין הויז אַ געפּענטעטער ווי אין אַ תפיסה און האָב מורא זיך אַ ריר צו טאָן. טאָמער דאַרף איך טאָן אַ ניס אָדער אַ הוסט מוז איך ניסן און הוסטן אין אַ בייטל אָדער אין אַ קעשענע, עס זאָל חלילה ניט פאַלן אַ טראָפּן אויפ׳ן קאַרפּעט. טאָמער טוט עמיצער אַ טראָט אויפ׳ן קאַרפּעט, גייט זי גלייך נאָך מיט אַן עלעקרישן בעזים און פאַרווישט דעם טראָט, דער קאַרפּעט מוז זיין גלאַט ווי אַן אָפּגעפּוצטער שפּיגעל.

זינט מ׳האָט געבראַכט אין הויז דעם גאָלדענעם קאַרפּעט, עסט מען ביי מיר אין הויז נאָר זאַכן וועלכע זענען פון דעם זעלבן קאָליר ווי דער קאַרפּעט, ווי עפּל זאַפט, אָראַנדזש זאַפט, טשיקען זופּ און ווייסער וויין און קיין פלוימען, קאַרשן, מאַלינעס און יאַגעדעס טאָרן צו מיר אין הויז ניט אַריינקומען. טאָמער וויל איך טרינקען רויטן באָרשט, מוז איך גיין צו מיין שוועגערין קיין פלעטבוש, זי האָט אַ רויטן קאַרפּעט אויפ׳ן פלאָר.

נו, וואָס זאָגט איר עפּעס אויף היינטיגע קאַרפּעטס, כ׳מיין אויף היינטיגע ווייבער?

❧ ❧ ❧

# זיין ווייב האָט אים געגעבן אַ רעפּאָרט קאַרד

אַנומלט, ווען איך בין געזעסן אויף אַ באַנק אויף איסטערן פּאַרקוועי און האָב געקוקט אויף די אויטאָמאָבילן וואָס זענען דורכגעפאָרן, איז צו מיר צוגעקומען אַ אינגערמאַן און האָט זיך אַוועקגעזעצט און האָט זיך צערעדט, אַז איך האָב אים ניט געקענט אָפּשטעלן:

— טאָמער קומט צו אייך אַ שדכן און וויל פאַר אייער זון אָדער עמיצן אַנדערש רעדן אַ שידוך מיט אַ מיידל אַ סקול טיטשערין, זאָלט איר ניט טראַכטן קיין סך און אים אַראָפּוואַרפן פון אַלע שטיגן. איר הערט? — פון אַלע שטיגן. וואָס אַזוינס האָב איך צו סקול טיטשערינס? וועט איר פרעגן — וואָס האָבן זיי מיר געטאָן? — טאָ הערט:

מיט אַ וואָסערע פופצן יאָר צוריק, האָב איך זיך באַקענט מיט אַ מיידעל אַ סקול־טיטשערין. זי האָט געשטאַמט פון אַ שיינער משפּחה, האָט אויסגעזען פיין און האָט גערעדט שיין. האָב איך ניט געטראַכט קיין סך, האָב געזאָגט "הרי את" און האָב מיט איר חתונה געהאַט. פאַר פופצן יאָר צייט בין איך מיט איר געווען גליקליך, מיר האָבן אַ פיינע היים, דריי שיינע קינדער, צוויי אינגלאַך און אַ מיידל און אַלץ איז געווען גוט און פיין.

איז דאָך גוט! — וועט איר זאָגן; איז דער תירוץ — הערט ווייטער.

מיט עטליכע חדשים צוריק, אין אַ געוויסן מאָנטאָג אָוונט, כ'האָב פונקט דעמאָלט געהאַט אָפּגעגעסן וועטשערע און האָב זיך אַוועקגעזעצט אויף דער סאָפע צו לייענען אַ צייטונג, האָט זיך מיין פרוי אַוועקגעזעצט נעבן מיר און זיך צע'דבר'ט.

געדענקסט, שמואל יונה, — האָט זי געזאָגט — איך בין אַמאָל געווען אַ סקול־טיטשערין?

צי איך געדענק, ווי קען איך דאָס פאַרגעסן? — האָב איך איר

געענטפערט — ניט וויסנדיג וואָס זי וועט מיט דעם אויספירן.

די קינדער אין מיין סקול, אָדער "די אינדיאַנער" ווי מיר האָבן זיי גערופן — האָט זי פאָרגעזעצט — האָבן ניט מורא געהאַט פאַר קיין זאַך און פאַר קיין שטראָף, בלויז פאַר איין זאַך האָבן זיי געציטערט, און דאָס איז:

אַ שלעכטע רעפּאָרט קאַרד, און אײדער אַ "די" אָדער אַ "סי" אויף זייער רעפּאָרט קאַרד, וואָלטן זיי זיך ליבער געלאָזט אונטערהאַקן אַן אויג אָדער אויסשלאָגן אַ צאָן. האָבן זיי דעריבער געלערנט גוט און פלייסיג, האָבן זיך גוט אויפגעפירט און האָבן זיך געשראָקן פאַר דעם טאָג ווען זיי וועלן באַקומען די רעפּאָרט קאַרד.

צו דער זעלבער צייט וואָס די קינדער האָבן געלערנט גוט און זענען געווען אָנגעטאָן ריין און ציכטיג, זענען די טאַטעס וואָס האָבן די קינדער געבראַכט אין סקול, אַרומגעגאַנגען מיט אָפּגעכוימלטע מלבושים, מיט אָפּגעריסענע קנעפּ און אויסגעדרייטע שיך.

איז מיר איינמאָל איינגעפאַלן אַ געדאַנק: פאַרוואָס ניט געבן אויך די טאַטעס רעפּאָרט קאַרדס יעדן חודש? — אפשר וועט עס אויך זיי העלפן. סיי ווי סיי — האָט זי פאָרגעזעצט איר לעקציע — זענען מענער ניט מער ווי איבערגעוואַקסענע קינדער און עס ליגן זיי אין זינען אַלע סאָרטן אינגל'שע שטיק. גיב יאַשא חפצ'ן אַ שפּילצייג, וועט ער אַוועקוואַרפן זיין "סטראַדיוואַריוס פידל" און וועט זיך נעמען מיט דעם שפּילן. גיב פּרעזידענט רעיגענ'ען אַ פערדל וועט ער איבערלאָזן דעם "ווייסן הויז" מיט אַלע צרות און פּראָבלעמען און וועט זיך זעצן אויף דעם רייטן.

אויך דו, מיין מאַן — האָט זי ווייטער געזאָגט — ביסט ניט בעסער. אַנומלט ביזטו געלעגן אַ גאַנצע שעה אויף דער פלאָר און האָסט זיך געשפּילט מיט דער עלעקטרישער טרעין, וואָס דו האָסט געקויפט פאַר משה'ן, און זונטאָג פטר'סט דו צייט צוזאַמענצושטעלן די פּיקטשור פּאָזלס, און דעם עלעקטרישן אָרגל אויף וועלכן דו שפּילסט דיינע חסידישע ניגונים האָסטו געקויפט פאַר דבורה'ן? דערצייל דאָס דער באָבע'ן דיינער.

בקיצור, כ'על עס מאַכן אין געציילטע ווערטער — איז זי געקומען צום אויספיר. כ'האָב באַשלאָסן דיר צו געבן יעדן חודש אַ רעפּאָרט קאַרד און דו זאָלסט — ברויט־געבער מיינער — היטן די ביינער דיינע. פאַר שפּילן זיך מיט משה'ס טרעין אָדער מיט די

פּיקטשור פּאָזועלס וועסטו ביי מיר כאַפּן אַ "די" אַזוי גרויס ווי אַ וואָטערמעלאָן און פּאַר אָפּכאַפּן דאָס דאַווענען וועסטו באַקומען אַ רויטן "סי", אַזוי רויט ווי אַ רוסישער בוריק.

און פרייטאָג אָוונט — האָט זיך אין איר ערשט אָנגעצונדן די סקול־טיטשערין — זאָלסטו ניט לייענען קיין פּעיפּערס, נאָר זאָלסט אויסזינגען אַלע זמירות מיט די קינדער. און שבת בייטאָג זאָלסטו ניט אָפּשלאָפן דעם גאַנצן טאָג, נאָר זאָלסט פאַרהערן די קינדער און אַריינקוקן אין אַ ספר. וועסט נאָך פאַרגרעבט ווערן און וועסט ניט קענען מאַכן אַ מוציא איבער אַ רעטאַך.

און וואָס וועט זיין אַז איך וועל באַקומען אַ שלעכטע רעפּאָרט קאַרד? — האָב איך געפרעגט.

זאָל דיר ג־ט אָפּהיטן, שמואל יונה — האָט זי געזאָגט — פאַר אַ גוטער רעפּאָרט קאַרד וועסטו ביי מיר עסן מאַרצעפּאַנעס און געבראָטענע טויבן און פאַר אַ שלעכטער וועסטו עסן באָרשט מיט פּאָטייטאָס. דו הערסט, שמואל יונה?

איך הער, — האָב איך געענטפערט און האָב געפילט, אַז עס הויבן זיך פאַר מיר אָן שווערע צייטן. מיין סקול־טיטשערין, כ'מיין מיין ווייב, האָט זיך געקויפט אַ נאָטיץ־ביכל מיט אַ באָל־פּוינט פען, האָט אים פאַרשטעקט אין פאַרטוך, איז מיר נאָכגעקראָכן ווי אַ שאָטן, האָט געקוקט ווי אַזוי איך גיי, ווי אַזוי איך דאַוון, ווי אַזוי איך עס און ביים סוף פון חודש האָט זי מיר געגעבן אַ רעפּאָרט קאַרד פול מיט קאָטשערעס און לאָפּעטס, די'ס און נול'ס אַז ס'איז געווען אַ מורא אויף איר צו קוקן.

דעם סוף פון דער מעשה פאַרשטייט איר דאָך שוין אַליין. שוין עטלעכע חדשים אַז איך עס פּאָטייטאָס מיט הערינג אַז עס קריכט מיר שוין פון האַלדז.

בקיצור, טאָמער קומט צו אייך אַ שדכן און רעדט וועגן אַ שידוך מיט אַ מיידל אַ סקול־טיטשערין, טראַכט ניט קיין סך און וואַרפט אים אַראָפּ פון אַלע שטיגן. ער האָט דאָס כשר פאַרדינט.

# דער סוד פון באַשע׳ס לאַטקעס

שוין פילע יאָרן אַז לאַטקעס זיינען אַ פּאָפּולערער חנוכה מאכל ביי אידן. פונקט ווי קניידלאַך זענען אין פסח און קרעפּלאַך אין שבועות. יעדן חנוכה, ווען מ׳צינדט נאָר אָן דאָס ערשטע ליכטל, גייען אידישע באַלעבאָסטעס אַריין אין קיך, פּאַרקאַטשען די אַרבל, פרעגלען אָפּ לאַטקעס און באַמיען זיך זיי צו מאַכן אַזוי געשמאַק און באַטעמ׳ט ווי נאָר מעגליך.

אָבער ניט אַלע לאַטקעס האָבען דעם זעלבן טעם און לאַטקעס צו לאַטקעס זענען ניט גלייך, ווייל עס זענען פאַראַן לאַטקעס וואָס האָבן אַ טעם גן עדן, צעגייען זיך ממש אין מויל און אַז מ׳עסט זיי וויל מען נאך און נאך, און עס זענען פאַראַן לאַטקעס וואָס האָבען דער באָבע יאַכנעס טעם, מ׳עסט זיי אָן חשק און אָן אַפּעטיט און מ׳איז מיט זיי קוים יוצא די מצוה פון אכילת לאַטקעס.

האָב איך, דער שרייבער פון די שורות, פאַר צענדליגע יאָרן געגעסן לאַטקעס אין פאַרשידענע ערטער און, מ׳קען ניט לייקענען, זיי זענען אַלע געווען געשמאַק און אַפּעטיטנע. די לאַטקעס וואָס עס מאַכט אָבער אונזער שכנ׳טע באַשע לאָפּעטע, זענען די געשמאַקסטע אין דער וועלט. זיי זענען פּוכקע, קרוכלע, גוט אויסגעבאַקן, ווי פאַר׳ן קיסר צו שטעלן און ווען מ׳גיט אַ נאָבל פרייז פאַר מאַכן געשמאַקע לאַטקעס, וואָלט עס אונזער שכנ׳טע באַשע לאָפּעטע אָן צווייפל באַקומען.

יעדן חנוכה גלייך ביים ערשטן ליכטל האָט באַשע שטענדיג געמאַכט אַ לאַטקע פּאַרטי, האָט איינגעלאַדן אירע פריינט און שכנים און האָט פאַר זיי סערווירט די אמת׳ע לאַטקעס פון לאַטקע לאַנד. חברה האָט זיך פּאַסמאַקעוועט מיט די לאַטקעס, האָט זיי געלעקט ווי לאָקוטקעס און וואָלטן אַ זעלבע לאַטקעס געגעסן יעדן טאָג, כאָטש יעדע וואָך, אָבער וואו נעמט מען אַזעלכע לאַטקעס, אַז אַזעלכע לאַטקעס קען מאַכן נאָר באַשע אַליין און זי וויל קיינעם ניט דערציילן ווי אַזוי זי מאכט זיי און וואָס זי טוט אין זיי אַריין?

אַז די ווייבער פון אונדזער בלאָק זענען צו איר צוגעשטאַנען אַז זי

זאָל זיי דערציילן דעם סוד פון אירע לאַטקעס, האָט זיך באַשע געמאַכט וויכטיג און האָט געזאָגט אַז דאָס איז איר סוד און זי וועט אים קיינעם ניט דערציילן. פאַרוואָס זאָל איך דערציילן סודות — האָט זי געזאָגט — מייסיס דערציילט עפּעס גימבלס, בלומינגדעילס דערציילט עפּעס אַלעקסאַנדערס, פאַרוואָס זאָל איך דערציילן מיינע סודות?

באַשע האָט אָבער דאָך איינמאָל באַשלאָסן צו דערציילן דעם סוד פון אירע לאַטקעס. די סיבה פאַר דעם איז געווען וואָס זי האָט באַקומען אַ בריוו פון ישראל פון אַ פריינדינע, אין וועלכן זי האָט געבעטן הילף פאַר אַן אָרימע קרובה פון ירושלים. באַשע האָט געטראַכט אַז איצט האָט זי אַ שאַנס עפּעס איינצוקאַסירן פאַר דעם סוד פון אירע לאַטקעס. זי וועט טאַקע דערציילן אַלע ווי אַזוי זי מאַכט אירע באַרימטע לאַטקעס, זיי וועלן אָבער פאַר דעם דאַרפן באַצאלן אַ פּאָר גרייצער.

עס איז דערמאָלט פּונקט געווען אַ וואָך פאַר חנוכה, האָט זי ווי שטענדיג איינגעלאַדן אירע פריינט און שכנים צו איר יערליכע פּאַרטי, און האָט זיי אָנגעזאָגט די פריילעכע בשורה אַז זי וועט זיי ענדליך דערציילן דעם סוד פון אירע לאַטקעס, זיי זאָלן אָבער דאָס מאָל מיטברענגען זייערע טשעק ביכלאַך ווייל זי דאַרף געלט פאַר אַ וויכטיגן צדקה צוועק.

דעם פאָלגענדן מאָנטאָג אָוונט, עס איז געווען דאָס ערשטע חנוכה ליכטל, איז שוין באַשעס הויז געווען פיל מיט ווייבער וועלכע האָבן געוואַרט אויפן גרויסן מאָמענט אַז באַשע זאָל זיי דערציילן דעם סוד וואָס זיי זענען אַזוי נייגעריג צו וויסן. באַשע האָט געבעטן צוויי פרויען אַז זיי זאָלן אַריינגיין אין איר קיך צו זען ווי אַזוי זי מאַכט די לאַטקעס. צוויי פרויען האָבן זיך אויפגעהויבן פון זייערע ערטער, זענען אַריין אין קיך צו זען ווי אַזוי באַשע מאַכט די לאַטקעס און וואָס זי טוט אין זיי אַריין.

באַשע האָט גענומען אַ זעקל מיט גרויסע פּאָטייטאָס, האָט זיי אָפּגעשאָבן, זיי צוריבן, האָט אָפּגעגאָסן די וואַסער, האָט אַריינגעטאָן אַ ביסל זאַלץ צום טעם, זיי אַריינגעטאָן אין אַ פרייפּאַן זיי אָפּצופּרעגלען. אין בלויז אַ האַלבע שעה צייט האָט באַשע אָפּגעפּרעגלט אַ גרויסע שיסל מיט געשמאַקע לאַטקעס און האָט זיי סערווירט צו אַלע געסט. אַלע האָבן ווי אימער געגעסן די לאַטקעס

מיט אַפּעטיט, האָבן געגלויבט באַשען וואָס פּאַראַ גוטע קעכין זי איז און האָבן געוואַרט אַז באַשע זאָל זיי דערציילן ווי אַזוי זי מאַכט יעדן חנוכה אַזעלכע געשמאַקע לאַטקעס.

און איצט — האָט באַשע געזאָגט ביים סוף אָוונט — ווען די צוויי לײדיס אייך דערציילן וואָס זיי האָבן געזען ביי מיר אין קיך ווען איך האָב געמאַכט די לאַטקעס. די צוויי פרויען וואָס זענען אַריין מיט באַשען אין קיך האָבן זיך אויפגעשטעלט און האָבן געזאָגט אַז זיי האָבן פאַר אַלע אַ גרויסן ״סוירפּרייז״, באַשע האָט גאָרנישט אַריינגעטאָן אין די לאַטקעס אויסער פּאָטייטאָס מיט זאַלץ און מער גאָרניט.

די פרויען זענען געווען געפּלעפּט און האָבן ניט געגלויבט זייערע אייגענע אויערן. איז עס מעגליך אין דער וועלט צו מאַכן אַזעלכע געשמאַקע לאַטקעס פון בלויז פּאָטייטאָס און אַ ביסל זאַלץ? — האָבן זיי געפרעגט. ווער האָט דיר געלערנט צו מאַכן לאַטקעס פון בלויז פּאָטייטאָס און זאַלץ? האָבן זיי געפרעגט באַשען מיט וואונדער.

די אָרימקייט — האָט באַשע געענטפערט. מיין מוטער — האָט זי ווייטער געזאָגט — איז געווען אַן אָרימע באַלעבאָסטע, צו אונדז אין הויז זיינען ניט אַריינגעקומען קיין אייער, קיין שמאַלץ, קיין מעל און אַלע אַנדערע זאַכן וואָס איר טוט אַריין אין אייערע לאַטקעס. אייערע רייכע און פעטע לאַטקעס האָבן דעם טעם פון קנישעס, פּיצא אָדער וועדזשטעבעל קאָטלעטס, אָבער ניט פון די היימישע לאַטקעס וואָס אייער מוטער פלעגט מאַכן. די זעלבע זאַך — האָט זי צוגעלייגט — איז מיט יעדע זאַך וואָס איר קאָכט אָדער באַקט, און וואָס פּשוט׳ער און נאַטירליכער אייער עסן איז, אַלץ געשמאַקער און געזונטער וועט עס זיין.

באַשעס געסט האָבן דעם אָוונט געהאַט פון וואָס צו רעדן און צו טראַכטן, ווייל זיי האָבן אָקאָרשט געלערנט עפּעס וואָס זיי האָבן ביז דעמאָלט ניט געוואוסט. אויך באַשע איז דעם אָוונט געווען העכסט צופרידן, ווייל זי האָט פון די טשעקלאַך וואָס מ׳האָט איר געבראַכט געהאַט אַ שיינע פּאָר הונדערט דאָלאַר וואָס זי האָט איבערגעשיקט צו איר פריינדינע פּאַר איר אָרימע קרובה פון ירושלים.

# װי אַזוי מײַן װײַב גרײט זיך צום פּסח

גלײַך נאָך פּורים, װען מ׳עסט אָפּ דעם לעצטן המן־טאַש און מ׳לײגט אַװעק דעם גראַגער אױפֿ׳ן בוידעם, הױבט מײַן טרײַנע לאה באַלד אָן צו מאַכן פּסח. זי װערט גלײַך פֿאַרװאַנדעלט אין אַ שטרענגע אונבאַשרענקטע הערשערין, מאַכט געװעצן, גיט אַרױס באַפֿעלן און געװעלטיגט מיט בעזים־און־באַרשט ביד רמה.

אַזױ שנעל װי זי נעמט איבער די ממשלה אין הױז, לאָזט זי רופֿן אַ גאַנצן שטאַב מיט פּעינטערס און פּלאַסטערערס, װעלכע קומען מיט באַרשטן און צעבערס פּעינט און כליאַפּען גאַנצע פּלאַכטעס מיט פּעינט אױף דעם סופּיט, די װענט און װאו נאָר זײ קענען. פֿאַרשטײט זיך, אַז פֿון אַזאַ פּעינטן (מ׳פּעינט בײַ מיר יעדעס יאָר) װערן די װענט גרעסער און די צימערן קלענער. װען איך האָב זיך אַרײַנגעצױגן אין דעם אַפּאַרטמענט, האָב איך געהאַט פֿיר גרױסע צימערן; איצט האָב איך פֿיר קלײנע קעסטלאַך. מײַן ליװינג־רום איז די גרױס פֿון אַ טאַבאַק פּושקע, און מײַן בעד־רום איז די גרױס פֿון אַן אַש־שיסעלע. װען איר קומט אַרײַן צו מיר אין הױז, איז װאו איר זאָלט ניט שטײן, שטײט איר נעבן אַ װאַנט.

פֿאַרטיק מיטן פּעינטן, קומט די בעזים־בריגאַדע און מ׳הױבט אָן צו בעזימען און באַרשטן, װאַשען און סקראָבן. די פֿענצטער זענען צעפּראַלט, די טירן זענען אָפֿן און עס הערט זיך אַ ריח ניחוח פֿון די זײפֿען און פֿאַרשידענע פּליסיקײטן און פּודערס. אַרײַנצוגײן אין הױז שמעקט מיט סכנות נפֿשות. מ׳קען כאַפּן אַ שטורך פֿון אַ בעזים־שטעקן, אַרײַנפֿאַלן אין אַ הײסן צעבער װאַסער, אָדער זיך אױסגליטשן איבער אַ שטיקעל זײף װאָס װאַלגערט זיך אױף דער ערד.

װען די בעזים־בריגאַדע װערט פֿאַרטיק מיט׳ן באַרשטען און סקראָבען, הױבט מײַן טרײַנע לאה אָן צו טרײַבן דעם חמץ. זי טרײַבט אים מיט שמאַטעס, מיט פֿלעדערװױשען און באַרשטען, מיט אַזאַ רציחה און בײזקײט, פּונקט װי דער חמץ װאָלט געװען אַ טמא׳דיגע זאַך אָדער אַ בײזע אָנשיקעניש. זי פֿאַרגעסט, מײַן טרײַנע

לאה, אַז אַ גאַנץ יאָר איז דער חמץ דווקא אַ גאַנץ אַנגענעמער גאַסט און אָן אים קען מען זיך גאָרניט באַגיין.

ווען דער חמץ איז שוין אויפגערוימט און עס איז ניטאָ פון אים קיין זכר, הויבט זיך ביי מיין אשת חיל אָן אַ סדרה מיט שאלות. זי זיצט ביים טעלעפאָן שעה'ן לאַנג און פרעגט דעם רב פון אונזער שוהל צענדליגע שאלות ווי אַזוי צו מאַכן די הויז כשר פאַר פסח. זי פרעגט אים למשל, צי וואַסער איז ניט אַמאָל חמץ און צי מ'דאַרף ניט אַמאָל כשר'ן דעם באָילער און די קראַנען פאַר פסח. זי קען דעם רב אויך פרעגן צי מ'דאַרף ניט אַרויפטאָן אויף די טירן נייע קליאַמקעס אָדער אַריינשטעלן נייע שויבען אויף די פענצטער און נאָך אַזעלכע האַרבע שאלות.

אַז איך קיבעץ איר פאַר אירע שאלות און זאָג איר אַז זי זאָל איינשטעלן אַ "האָט־ליין" צווישן דעם רב און איר, בכדי זי זאָל קענען אים פרעגן וויפיל שאלות זי וועט נאָר אַלץ וועלן, עפענט זי אויף מיר איר מענה לשון און שרייט אויף איר קוויטשאַטורע:

אפיקורס, פושע ישראל, וואָס ווילסטו, מיר זאָלן עסן חמץ אין פסח?!

דורך די פיר וואָכן פון פורים ביז פסח, איז ביי מיר איין לאַנגער תענית. דער אייז־קאַסטן איז פוסט, דער געז־רענטש איז איבערגעדעקט מיט אַ שמאַטע און דער גראָסערי־קלאַזעט איז אויסגעליידיגט ווי נאָך אַ פּאָגראָם. אַנומעלט, ווען איך בין געקומען אַהיים פון דער אַרבעט און געפרעגט צי עס איז ניטאָ עפּעס צו עסן, האָט זי אויף מיר געעפענט איר היי־פּיי:

שוין ווידער עסן! נעכטן האָסט דו געגעסן און איצט ווילסטו שוין ווידער? וואָס דענקסטו, דאָ איז אַ רעסטאָראַן? ערב פסח דאַרף מען ניט עסן! גיי אַריין אין קענדי־סטאָר און כאַפּ אַ שטיקל קעיק און אַ גלעזל סאָדעוואַסער.

האָב איך דאָך געזען ווי איך האַלט אין דער וועלט, בין איך אַריינגעגאַנגען אין בעד־רום און זיך געלייגט שלאָפן. אָבער אויך פון שלאָפן האָב איך געהאַט ווייניג נחת. עס האָט זיך מיר גע'חלומ'ט אַז עס פאַלט אויף מיר אַ בעזים און איך פאַל אַריין אין אַ הייסן צעבער וואַסער.

איינמאָל האָט זיך מיר אפילו גע'חלומ'ט אַז מיין טרייַנע לאה איז געוואָרן אַ קעניגין און אַז זי זיצט אויף אַ טראָן, טראָגט אַ גאָלדענע

קרוין אויף איר קאָפּ און האַלט אַ צעפּטער אין האַנט. ווען כ׳האָב זיך אויפגעכאַפּט, איז זי געזעסן אויף אַ קליין לייטערל מיט אַ בעזים אין האַנט און איר קאָפּ איז געווען צוגעדעקט מיט אַ דיקער שמאַטע.

פון ניט עסן און ניט שלאָפן ווער איך דורך די פּאָר וואָכן אויסגעדאַרט און אויסגעמאָגערט און זע אויס ווי אַ גרוגרות דר׳ צדוק און ווען עס קומט צו בדיקת חמץ האָב איך קוים כח צו האַלטן דעם פלעדערוויש אין האַנט. ווען איר קוקט מיר אָן ווען איך בין בודק חמץ וואָלט איר ניט געוואוסט ווער עס איז בודק חמץ מיט וועמען, צי איך מיט׳ן פלעדערוויש, אָדער דער פלעדערוויש מיט מיר.

דערפאַר ווען עס קומט צום סדר, ווערט מיין טריינע לאה אויס הערשערין און איך נעם ווידער איבער די ממשלה אין הויז. איך רעכן זיך, פאַרשטייט זיך, אָפּ פאַר די פיר וואָכן וואָס איך בין געווען איר אונטערטאַן. איך זיץ ביים סדר־טיש אַ שטאָלצער און אַ פרייליכער, אָנגעטאָן אין אַ קיטל און אין אַ ווייסע יאַרמולקע און שיק אַלע ווילע אַריין אין קיך נאָך דעם און נאָך יענעם, און זי פאָלגט מיר, מיין אשת חיל, ווי אַ געהאָרכזאַם לעמעלע. אַ ברירה האָט זי? אָן דעם בעזים און די באַרשט איז זי מאַכטלאָז.

# ווי אַזוי פּישעלע קלאָץ איז געוואָרן אַ חזן

ווען איר כאַפּט אַ בליק אויף דעם וויזיט־קאַרטל פון חזן פּישעלע קלאָץ, וואָלט איר געמיינט אַז ער איז אַ קליין נעבעכדיק מענטשעלע, אַ כּזית אידעלע וואָס איז טפח על טפח. איר וואָלט זיך קוים געקענט פאָרשטעלן אַז דער דאָזיגער פּישעלע איז גאָרנישט קיין קליין פּישעלע, נאָר אַ גרויסער פיש, אַ העכט, אַ שלייען, אַ לויתן וואָס איז געניוע זעקס פיס הויך און וועגט זיינע אייגענע צוויי הונדערט פונט. עס וואָלט זיך אייך פון דעם נאָמען געדאַכט אַז חזן פּישעלע קלאָץ פאַרמאָגט אַ קליין קוויטשעדיג שטימעלע, ווי אַן ערשט געבוירן פייגעלע וואָס מען קען קוים הערן, וואָלט איר ווידער געהאַט אַ טעות, ווייל חזן פּישעלע קלאָץ פאַרמאָגט אַ געזונטן און שטאַרקן קול ווי אַ שור הבר וואָס קען אַ טויטן לעבעדיג מאַכן און אַ לעבעדיגן טויב מאַכן אויףביידע אויערן פאַר אַמאָל.

אויב ער איז טאַקע אַזאַ יונג מיט ביינער, טאָ פאַרוואָס רופט ער זיך פּישעלע? איז דער ענטפער אַז דאָס האָט אים אַזוי אַ נאָמען געגעבן זיינער אַ חבר אַ חזן, ווייל עס וועט געבן דעם איינדרוק, — האָט ער געזאָגט — אַז ער איז באַליבט ביי אַלע ווי אַ קליין אינגעלע און דאָס איז אַ סגולה צו באַקומען שטעלעס, און ווי מיר וועלן זען שפּעטער, האָט פּישעלע זיך גענויטיקט אין מער ווי איין שטעלע.

ווי אַזוי איז פּישעלע קלאָץ געוואָרן אַ חזן? — קען מען פרעגן. אין זיין גאַנצער משפּחה איז קיינמאָל ניט געווען קיין חזן, זיין טאַטע איז כל ימיו געווען אַ פּושקאַרט פּעדלער און זיין זיידע איז געווען אַ בעדער אין שטאָטישן מרחץ.

דער ענטפער איז אַז אין דעם איז שולדיג וואָס ער איז געבענטשט פון ג־ט מיט אַ שיינעם און שטאַרקן קול וואָס קלינגט ווי די דיקע סטרונעס פון אַ פידל און ווען ער עפנט דאָס מויל ווערן אַלע אַנטשוויגן און ווילן אים הערן. די צרה איז נאָר, וואָס מער פון דעם פאַרמאָגט ער נישט און ער איז ווי איינער וואָלט פאַרמאָגט אַ טייערן סטראַדיוואַרי פידל און קען אויף אים נישט שפּילן אָדער ווי איינער

וואָס פאַרמאָגט אַ טייערע ״פּאַרקער״־פּען און קען ניט שרייבן קיין אות. בלויז איין חזנישע מעלה האָט פישעלע קלאָץ, וואָס ער איז אַ נאַר אַ גרויסער וואָס אָן דעם קען מען גאָרנישט זיין קיין חזן און לויט זיין טפשות וואָלט ער געקענט זיין דער גרעסטער חזן אין דער וועלט, אָבער פון בלויזן זיין אַ נאַר ווערט מען נאָך נישט קיין חזן פונקט ווי פון זיין טויב ווערט מען ניט קיין קאָמפּאָזיטאָר, ווי בעטהאָווען.

פישעל׳ס שיינער קול האָט פון זיין קינדווייז אָן אָפּגעגאַרט מענטשן און האָט אויך פישעלע׳ן פאַרפירט און עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט אַז ער קען זינגען. נאָך קליינערהייט אין חדר, האָבן די קינדער אין מיטאָגצייט אים געהייסן זינגען און פישעלע האָט זיי געפאָלגט און האָט געזונגען. עס האָט געגרילצט אין די אויערן און עס האָט געקלונגען ווי אַ קאַץ וואָלט געטאַנצט אויף אַ פּיאַנאָ. די קליינע חברה־לייט האָבן זיך צוגעהאַלטן די אויערן און האָבן געלאַכט און געביכקעט און פישעלע האָט געלאַכט מיט זיי צוזאַמען.

יאָרן זענען געפלויגן. פישעלע איז אויסגעוואַקסן און עס האָט זיך ביי אים אַנטוויקעלט אַ שיינער און קרעפטיגער ליריִשער טענאָר. ער האָט שוין דעמאָלט געהאַט אַן אייגענעם פּושקאַרט מיט פרוכט און איז מיט אים אַרומגעפאָרן איבער איסט סיידער גאַסן און האָט געשריגן אויף אַ הויכן קול — פּיטשעס, פּיטשעס, 10 סענט אַ פונט.

איינמאָל האָט אַ באַקאַנטער זיינער, אַ שטיקעל לץ, אים געהערט שרייען פּיטשעס, האָט ער אים געגעבן אַ שטיקל לעקציע. פישעלע — האָט ער אים געזאָגט — מיט אַזאַ שיינע שטימע ווי דו האָסט פאַרקויפט מען ניט קיין פּיטשעס נאָר מ׳ווערט אַ חזן. קויף דיר אַ חזנישן רעקאָרד — האָט ער אים גע׳עצה׳ט — לערן זיך אויס איין חזנישן נומער, וועסט גיין אויף פּראָבע, וועסט נעמען אַ שטעלע און שרייבן אַ קאָנטראַקט און ווען דו וועסט דאַווענען אין דער שוהל אַ שבת און מ׳עט זען אַז דו ביסט אַ ווייסטע קאַליקע און דו קענסט גאָרניט וועט מען ברעכן דעם קאָנטראַקט, מ׳וועט מיט דיר סעטלען און דו וועסט כאַפּן אַ שיינע פּאָר הונדערט דאָלאַר.

פישעלען איז דער פּלאַן געפעלן, ער האָט זיך געקויפט אַ חזנישן רעקאָרד, האָט אים געשפּילט אפשר טויזענט מאָל ביז ער האָט אים געקענט גוט, האָט זיך געקויפט אַ דריי גאָרנדיגע חזנישע יאַרמולקע, איז אַ שיינעם אָוונט אין חודש אלול אַריינגעגאַנגען אין אַ שוהל,

האָט דאָרט געזונגען דעם איינציגן חזנישן נומער וואָס ער האָט געקענט, האָט געקראָגן די שטעלע און מ׳האָט געשריבן אַ קאָנטראַקט און מ׳האָט באַשטימט אַז דער חזן זאָל דאָרט דאַווענען אַ שבת און ווייזן וואָס ער קען.

צוויי וואָכן שפּעטער איז פּישעלע געקומען אין דער שוהל אויסגעפּוצט אין אַ חזנישן קיטל און אַ הויכע דריי גאָרנדיגע יאַרמולקע, האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביים עמוד און ווי נאָר ער האָט געעפנט דאָס מויל צו ״שוכן עד״, האָבן אַלע אין שוהל גלייך געזען אַז זייער חזן איז אַ וויסטע קאַליקע, קען ניט קיין עברי, קען ניט קיין נוסח און האָט ניט די מינדסטע ערפאַרונג אַלס חזן.

אין שוהל איז גלייך געוואָרן אַ טומעל, מ׳האָט די קאָמיטע וואָס האָט אַנגאַזשירט דעם חזן געוואָלט צערייסן אויף שטיקער. מ׳האָט פּישעלען אַוועקגעשלעפּט פון עמוד און אים באַוואָרפן מיט נאַסע האַנטוכער ווי שמחת תורה צו מוסף. אַ איד, אַ בייגל בעקער האָט אים דערלאַנגט אַ זעץ אין דער יאַרמולקע אַז זי האָט אויסגעזען ווי אַ ביאַליסטאָקער פּלעצל. אַ צווייטער איד אַ טראָק דרייווער האָט אים געוואָלט צערייסן ווי אַ הערינג. אַז מ׳קען ניט פאָרן — האָט ער געליאַרעמט — גייט מען ניט צום רעדל.

דעם פאָלגענדן זונטאָג, האָט די שוהל גערופן אַ ספּעשל מיטינג, פּישעלע האָט מיטגעבראַכט זיינעם אַ קאָזין אַ לאָיער, און מ׳האָט מיט אים געסעטלט פאַר 800 דאָלאַר.

דאָס פאָלגענדע יאָר האָט פּישעלע געמאַכט די זעלבע קונץ. עטליכע מאָל דורכן זומער, האָט ער געזונגען דעם איינציגן חזנישן נומער, האָט גענומען די שטעלע און ער האָט געדאַוונט אין דער שוהל אַ שבת. די שוהל האָט געבראָכן דעם קאָנטראַקט און פּישעלע האָט געכאַפּט אַ שיינע פּאָר דאָלאַר פון די קאָנטראַקטן וואָס מ׳האָט געבראָכן.

# קויפט ניט קיין קליינע קאַר

## דערציילט פון אַ אידן וואָס האָט געוואָלט איינהאַנדלען אַ מציאה

טאָמער זעט איר ערגעץ אויף 45טע סטריט און 16טע עוועניו פון באָראָ פאַרק אַ קליין קעסטעלע אויף רעדלאַך וואָס זעט אויס ווי אַ ניט־דערוואַקסענע טשערעפּאַכע, טרעט ניט אַרויף אויף דעם און שפּייט ניט אַרויף אויף דעם, ווייל דאָס איז מיין קליין קאַרעלע וואָס איך האָב מיר לעצטנס געקויפט. איך האָב עס אָפּגעקויפט ביי מיין פּלימעניק, ער האָט זיך פאַרלאָזט אַ פּאָר וואָנסעס, האָט ער אין איר ניט געקענט אַריין, און האָט איר מיר פאַרקויפט פאַר אַ שמעק טאַבאַק.

האָב איך לכתחלה געדענקט אַז פון מיין קליין קאַרעלע וועל איך האָבן לויטער נחת. קודם כל, דער נישטיגער פּרייז וואָס איך האָב פאַר דעם באַצאָלט, סך הכל אַ וואָסער פּאָר טויזענט דאָלאַר, וואָס מיינט היינט אַ פּאָר חדשים רענט. פאַר אַ גרויסער קאַר באַצאָלט מען היינט אַן אוצר מיט געלט. אָט האָט מיינער אַ פריינט לעצטנס געקויפט אַ גרויסע קאַר, האָט מען איר מיט אַ וואָך צוריק צוריקגערופן קיין דעטרויט צוליב צוויי סיבות: די קאַר האָט ניט געטויגט און דער טשעק האָט ניט געטויגט.

אַ צווייטע מעלה האָט מיין קאַרעלע, וואָס זי דאַרף ניט קיין סך עסן. אַ גרויסע קאַר זשלאָקעט געזאָלין און אויל ווי אַ שיכור, אַז מ׳קען בדלות ווערן, אַ קליין קאַרעלע אָבער קען פאָרן אַ טאָג מיט אַ נאַכט אויף אַ פינגערהוט אָדער אַ קידוש גלעזעלע געז.

געמיינט האָב איך אויך, אַז אַזוי ווי דאָס קאַרעלע איז אַזוי קליין אַז מ׳באַמערקט עס קוים, וועל איך קענען פאַרקען מיין טל ומטר קאַרעלע אויף דעם זעלבן ״מיטער״ מיט מיין איידים וועלכער האָט אויך אַ קליין קאַרעלע. האָב איך אויסגעפונען אַז מ׳זעט איר דווקא יאָ, און ווען איך האָב אַנומעלט געפּאַרקט מיין קאַרעלע ביי דעם זעלבן מיטער מיט מיין איידים און עס איז נאָך פּאָרט געווען גענוג פּלאַץ פאַר נאָך צוויי אַזעלכע קאַרס, האָבן מיר ביידע געקראָגען טיקעטס.

האָב איך אַוודאי געמיינט, אַז אויב שוין יאָ אַ טיקעט, וועט מען מיר כאָטש געבן אַ קליינעם טיקעט, ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ כזית־קאַרעלע ווי מיינע. האָב איך ווידער געהאַט אַ טעות, ווייל דער טיקעט וואָס איך האָב באַקומען איז געווען פון זעלבן גרויס וואָס עס באַקומען די אייגענטימער פון די גרויסע קעדילעקס און ביואיקס. ס׳איז געווען מאָדנע צו קוקן אויפ׳ן טיקעט נעבאַך, וועלכער איז געווען כמעט אַזוי גרויס ווי די גאַנצע קאַרעלע.

מיין האָפענונג אַז די קאַפּ׳ס וועלן ניט באַמערקן מיין קליין קאַרעלע ווען איך וועל דאָבעל־פּאַרקען, האָט זיך אויך אַרויסגעוויזען צו זיין אַ פאַלשע, ווייל די היינטיגע פּאָליסלייט מיט זייער שאַרפער זע־קראַפט דערזעען מיין קאַרעלע פון אַ מייל אַוועק. אַ גרויסן, צוויי־הונדערט־פונטיגן גנב קענען זיי ניט דערזען, אָבער מיין קליין פּיצעל קאַרעלע וואָס איז ניט פיל גרעסער פון אַ ביאַליסטאָקער פלעצל קענען זיי יאָ דערזען.

נו, מילא, קריגט מען טיקעטס פון די קאַפּס, דאָס איז צו ערוואַרטן ווען מ׳האַט אַ קאַר, אַ קליינע אָדער אַ גרויסע. ווער עמען האָט אָבער געקענט איינפאַלן אַז דאָס קליינוואַרג פון גאַס וועלן יעדן טאָג אַוועקשלעפּן מיין קאַרעלע ערגעץ הינטער די הרי חושך און איך וועל עס ניט קענען געפינען? און ווער עמען, איך בעט אייך, האָט געקענט איינפאַלן אַז אַ יונגער ראָצער אויף אַ בייסיקל וועט אַריינקראַבן אין מיין קאַרעלע און אַראָפּרייסן פון איר די אונטערשטע רעדער?

אַנומעלט, ווען איך בין אַריין אין מיין קאַרעלע, האָב אָנגעשטעלט דעם מאָטאָר און האָב געפּרעסט מיט׳ן פוס אויפ׳ן גאַזאָלין, אַלץ, דוכט זיך, אַרבעט גוט. דאָס קאַרעלע האָט זיך אָבער פאַר׳עקש׳נט ווי בלעמ׳ס אייזעל און רירט זיך ניט פון אָרט. איך גיי אַרויס פון קאַר און גיב אַ קוק: אַ יונגאַטש האַלט צו די קאַר מיט אַ שטריקל און לאָזט איר ניט פאָרן.

אָט אַזעלכע שפּיצלאַך טוהען מיר אָפּ די ווייסע חברה׳ניקעס.

כ׳האָב מורא, אַז כ׳וועל אַמאָל ווערן גוט אין כעס, כ׳וועל פאַרלירן דעם קאָנטראָל איבער זיך, וועל אויפהויבן דאָס קאַרעלע און עס עמיצן וואַרפן אין קאָפּ אַריין און פּטור אַן עסק!

# ווען איך האָב געשריבן וועגן חזנים

פון קינדווייז אָן, האָב איך שטענדיג געהאַט אַ דרך ארצ׳דיגע באַציאונג צו חזנים און האָב אויף זיי געקוקט ווי אויף בעסערע און שענערע מענטשן. דער חזן — האָב איך געטראַכט — איז דאָך אַ כלי קודש. ער זיצט שבת אין שוהל אויף מזרח, נעבן דעם ארון קודש, גלייך נעבן דעם רב און דעם ראש הקהל מוז ער דאָך זיין גלייך צו זיי. ספּעציעל אין אַמעריקע, וואו אַ חזן גייט שבת אין שוהל אָנגעטאָן אין אַ לאַנגען שוואַרצן קיטל און אַ הויכע, דריי גאָרנ׳דיגע יאַרמולקע און רופט זיך קענטאָר אָדער רעווערענד, האָב איך אַרויפגעקוקט צו יעדן חזן מיט רעספּעקט און האָב זיך געפילט געהויבן ווען אַ חזן האָט צו מיר אַרויסגערעדט אַ וואָרט.

דאָס איז בלויז געווען ווען איך האָב די חזנים געקענט פון דער ווייטנס און האָב זיי געהערט זינגען אין שוהל ביים עמוד אָדער אויף קאָנצערטן, באַנקעטן און אונטערנעמונגען. ווען איך האָב זיך אָבער מיט זיי נעענטער באַקענט און האָב מיט זיי געהאַנדעלט, האָט זיך מיין מיינונג וועגן זיי געענדערט.

עס איז געווען מיט אַ פּאָר צענדליג יאָר צוריק, אין די ערשטע פּאָר יאָר וואָס איך האָב געאַרבעט אין אַ אידישער צייטונג און מיין אויפגאַבע איז געווען צו שרייבן וועגן חזנים און חזנות און צו באַהאַנדלען אַלע חזנישע ענינים, צווישן זיי אויך אַדווערטייזמענטס און פּובליסיטי אַרטיקלען און נאָטיצען ווען איך האָב זיך באַקענט מיט די חזנים פון דער נאָענט, האָב איך איינגעזען אַז חזנים זענען אַנדערש פון אַלע אַנדערע מענטשן אין דער וועלט, זיי זענען פון אַן אַנדער טייג געקנאָטען און מ׳דאַרף זיי אַנדערש באַהאַנדלען.

קודם כל, האָב איך אויסגעפונען אַז יעדער חזן איז וועלט באַרימט, איז אַ פינקלדיגער שטערן און איז אַ חד בדרא. איך האָב אויך אויסגעפונען אַז יעדער חזן האָט אַ קאַרוזאָ־שטימע, אַ געוואַלדיגע קאָלאָראַטור, אַ זעלטענע חזנישע טעכניק און אַז יעדער חזן האָט שטודירט ביי דער שטים־בילדונג לערערין פון איטאַליע, די באַרימטע טעטראַזיני. ביי דעם ערשטן יאָר וואָס איך האָב געאַרבעט

אין מיין צייטונג, האָב איך געהאַט אפשר צוואַנציק חד בדראָ׳ס, אַ טוץ קאַרוזאָס, אַ צענדליג יאָסעלע ראָזענבלאַטס און אַ צענדליק סיראָטעס און קוואַרטינס. איך האָב שפּעטער אויך אויסגעפונען אַז פּובליסיטי איז פאַר אַ חזן ברויט און פּוטער און אַז אַ חזן מוז זען זיין בילד אין צייטונג, ווי אַ פיש מוז האָבן וואַסער און ווי אַ חסיד מוז האָבן אַ גלעזעל משקה יעדן אינדערפרי נאָכ׳ן דאַווענען.

די חזנים וואָס זענען צו מיר געקומען אַז איך זאָל פאַר זיי אָנשרייבן אַדווערטייזמענטס, זענען פאַרשטייט זיך געווען פאַרשידענע, פאַרשידענע שטימעס, פאַרשידענע סטילן און נוסחאות. צו מיר האָבן זיי אָבער אַלע געזונגען דעם זעלבן פּזמון: אַן אַדווערטייזמענט מיט צוויי פּאָר הויזן, דאָס הייסט אַז מ׳זאָל מיט יעדן באַצאָלטען אַדווערטייזמנעט מיטגעבן אַ פּאָר פרייע נאָטיצען.

ווען אַ חזן האָט געדאַרפט דאַווענען אַ שבת אין אַ שוהל, האָט מען פאַר וואָכן פריהער געמוזט טרומייטערן און בלאָזן אויף אַלע כלים אַז דער וועלט־באַרימטער חזן המכונה צמח קאַנאַריק, וועט דאַווענען שבת אין דער און דער שוהל מיט דער באַגלייטונג פון אַ סימפאָנישען דאָבעל־כאָר. נאָענט צו דעם שבת וואָס ער האָט געדאַרפט דאַווענען האָט מען געדאַרפט שרייבן אַז אימירטשעשעם גאָר בקרוב, טאַקע באַלד און גלייך, וועט ער אויפטרעטען, אַז ס׳וועט זיך טאָן אויף טיש און אויף בענק, ס׳וועט זיין די סענסאַציע פון טאָג. נאָכדעם ווי דער חזן האָט שוין געהאַט אָפּגעדאַווענט, האָט מען, פאַרשטייט זיך, אויך אַריינגעגעבן אַ באַריכט אין צייטונג, אַז דער דאָזיגער, נעמליכער חזן האָט מרעיש עולם געווען, האָט אויפגעשטורעמט דעם גאַנצן געגנד, מ׳איז געשטאַנען קאָפּ־אויף־קאָפּ און מ׳איז געקומען אין שוהל דורך טירן און פענצטער, דורך קוימענס און קעלערס, ס׳האָט זיך געטאָן חושך; אידן זענען נתפּעל געוואָרן און האָבן געשוואָרן ביי באָרד און פּיאות אַז אַזעלכעס האָבן זיי נאָכניט געהערט.

און אַזוי איז עס געגאַנגען כסדר. יעדער חזן איז געווען אַ שיינענדער שטערן וואָס מ׳זעט ניט אַזעלכען אויף דער וועלט. יעדער חזן איז געווען סענסאַציאָנעל, קאָלאָסאָל, פענאָמענאַל, יעדער חזן האָט געזונגען, מעדזאַוואָטשע, בעל קאָנטאָ און וואָס איר ווילט נאָר אַליין, כאָטש זיי אַליין האָבן ניט געוואוסט וואָס די ווערטער באַדייטען. יעדער חזן האָט געוואָלט אַז איך זאָל וועגן אים שרייבן

מיט "שמאַלץ" און באַנוצען כפול שמונה׳דיגע, הויך קלינגענדע ווערטער. איינמאָל בין איך אפילו געוואָרען אין כעס און האָב זיך אויף אַ חזן צעקאָכט און אים געגעבן אַן אָפּשניט, וואָס האַקט איר מיר אַ טשייניק מיט שמאַלץ? — האָב איך אים אָנגעשריגען — וואָס בין איך, אַ בוטשער און איך האָב אַ יאַטקע מיט שמאַלץ? אַן אַנדער מאָל בין איך אַרויס פון געדולד, האָב זיך אויפגעהויבען פון מיין פּלאַץ און האָב געזאָגט צו אַ חזן: איר ווילט שמאַלץ, זעצט זיך אַוועק אויף מיין פּלאַץ, נעמט אַ פּעדער און פּאַפּיר און שרייבט איר מיט שמאַלץ, איך קען דאָס ניט. דער חזן האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף מיין אָרט, האָט גענומען דעם פּעדער און דער האַנט, האָט אָנגעהויבען צו שרייבען און האָט זיך אַזוי צעיאָכמערט וועגן זיין אייגענער גרויסקייט אַז ער האָט זיך צעוויינט ווי אַן ערשט געבאָרענע בייבי.

צווישן חזנים זענען, פאַרשטייט זיך פאַראַן גרויסע געלערנטע, מלומדים, לאָיערס און דאָקטוירים, מוזיקער און קינסטלער, אַלע, אַלע האָבן אָבער ליב פּובליסיטי, און ווילן זען זייער בילד און נאָמען אין די פּייפּערס וואָס מער און וואָס אָפטער.

# דער בר מצוה עקספערט

דאָס איז געווען מיט אַ שיינע פּאָר יאָר צוריק, איך בין נאָך דעמאָלט געווען אַ גאַנץ יונגער בחור, פריש פון דער ישיבה און האָב געזוכט אַ שטיקל באַשעפטיגונג ביי וועלכער צו פאַרדינגען אַ פּאָר דאָלאַר. קיין פאַך האָב איך דעמאָלט ניט געקענט און דאָס בעסטע וואָס עס איז פאַר מיר געווען מעגליך צו טאָן איז געווען, צו לערנען בר מצוה אינגלאַך און זיי צוגרייטען פאַר זייער בר מצוה, מיט וועלכע מ׳האָט דעמאָלט געמאַכט אַ גאַנצען צימעס און מ׳האָט געפראַוועט מיט פּאָמפּע און צערעמאָניע, וואָס מ׳זעט ניט מער אין היינטיגע טעג. האָב איך געפינען אַ סטאָר, האָב איבערן טיר אויפגעהאָנגען אַ שילד מיט קידוש לבנה אותיות, ״דאָ לערנט מען בר מצוה׳ס״, און איך בין געוואָרן אַ בר מצוה לערער. מ׳האָט מיר טאַקע גערופען ״בי עם טי״ וואָס זענען די ראשי תיבות פון ״בר מצוה טיטשער״.

ס׳האָט ניט גענומען לאַנג און מ׳האָט מיר אָנגעהויבען ברענגען בר מצוה אינגלאַך פון אַלע זייטען. צוערשט האָב איך געלערנט מיט יעדן אינגעל באַזונדער, פריהער די ברכות, נאָכדעם מפטיר און די הפטרה און צום סוף דעם ספּיטש, וואָס איז געווען דער וויכטיגסטער טייל פון דער בר מצוה שמחה. שפּעטער בין איך אָבער געוואָרן קלוגער און האָב געקנעלט מיט אַלע אינגלאַך צוזאַמען און האָלסעיל, כ׳האָב זיי דיריגירט מיט אַ שטעקעלע און די חברה האָבן געזונגען אַז ס׳איז געגאַנגען אַ רויך.

ווען עס איז געקומען דער שבת ווען דער בר מצוה בחור איז אויפגערופען געוואָרן צו דער תורה, האָט דאָס אינגל געוויינליך מורא געהאַט צו שטיין אַליין ביים שולחן און איך האָב געמוזט שטיין נעבן אים אונטערזאָגען די ברכות מיט דעם מפטיר און הפטרה. איך האָב זיך געטיילט מיט׳ן בחור גלייך אויף גלייך, אים אַ וואָרט — מיר אַ וואָרט, אָפט האָב איך געזאָגט מער ווי דער בר מצוה בחור און אַזוי ווי איך בין געווען יונג און די בר מצוה אינגלאַך זענען געווען הויך געוואַקסענע, כמעט אַזוי הויך ווי איך,

האָט מען ניט געוואוסט ווער עס ווערט בר מצוה, דאָס אינגעל אָדער איך און מ׳פלעגט מיר ווינטשען מזל טוב. אין איין שוהל וואו איך האָב איין זומער געהאַט אַרום אַ האַלבען צענדליג בר מצוה׳ס האָט דער שמש פון שוהל מיר אָנגעכאַפּט פאַר׳ן אויער זעט — האָט ער אויף מיר געוויזען מיט׳ן פינגער — דאָס אינגעל ווערט שוין היינט בר מצוה צום פינפטען מאָל.

מיט דער צייט בין איך געוואָרן באַרימט איבערן גאַנצן געגענד אַלס עקספּערט בר מצוה לערער און ספּעציאַליסט איבער אַלץ וואָס האָט אַ שייכות מיט דער בר מצוה, און מ׳איז צו מיר געקומען מיט אַלערליי שאלות און פּראָבלעמען. איינמאָל איז צו מיר געקומען אַ פרוי מיט אַ זער טשיקאַווע שאלה:

— ראַביי — האָט זי געזאָגט — מיין זון ווערט אין גיכן בר מצוה, האָב איך אים געקויפט פאַר זיין בר מצוה אַ ברוינעם סוט, וויל איך וויסען צי איך קען אים קויפען אַ פּאָר ברוינע תפילין צוצומעטשן צו דעם סוט?

פאַרקנייטשט דעם שטערן אין טיפען ערנסט, האָב איך איר געענטפערט, אַז תפילין קומען ניט אין טעקניקאָלאָר און עס זענען ניטאָ קיין אַנדערע תפילין ווי שוואַרצע.

אַ צווייטע פרוי האָט מיר געפרעגט נאָך אַ האַרבערע שאלה:

ראַביי — האָט זי געזאָגט אין אַן ערנסטן טאָן — מיין זון ווערט באַלד בר מצוה. מיין מאַן געפינט זיך אָבער איצט אין פּריזאָן, ניט פאַר תהילים זאָגן, פאַרשטייט זיך, און דער וואָרדן פון סטייט פּריזאָן וויל אים אָבער ניט אַרויסלאָזען פון פּריזאָן צו דער בר מצוה, ער האָט מורא אַז ס׳וועט זיך אים נישט גלוסטען צוריקצוקומען, וואָס טוהט מען, ראַביי? — האָט זי געפרעגט מיט זאָרג.

זאָל מען די בר מצוה פּראַווען אין פּריזאָן — האָב איך געענטפערט — ווען דער בר מצוה וועט אָנהויבען זיין ספּיטש און וועט זאָגען, מיי דיר פאַדער ענד מאָדער, זאָל ער אויך צולייגען: ענד וואָרדן אָוו דיס וואוירדי פּריזאָן. ער זאָל אויך ניט זאָגען אין זיין ספּיטש: איך וועל נאָכפאָלגען אין מיין פאָטער׳ס טריט, וואָס מ׳זאָגט געוויינליך אין אַ בר מצוה ספּיטש, ווייל דער וואָרדן קען נאָך אַמאָל ווערן אין כעס.

אַן אַנדער מאָל איז מען געקומען צו מיר מיט נאָך אַ פּערלדיגע פראַגע. מיין זון — האָט איינער געזאָגט — ווערט באַלד בר מצוה,

דאַרף מען דאָך אים קויפֿען אַ פּאָר תּפֿילין. איז אָבער די זאַך וואָס איך האָב אַ פּאָר שפּאָגל־נייע תּפֿילין וואָס כ׳האָב אָנגעטאָן בלויז איין מאָל ווען איך בין געוואָרן בר מצוה, איז מיין פֿראַגע: צי דאַרף איך פֿאַר מיין זון קויפֿען נייע תּפֿילין אָדער ער קען ווערן בר מצוה אין מיינע תּפֿילין.

מיין ענטפֿער איז געווען אַז מ׳דאַרף דעם בר מצוה בחור נישט קויפֿן קיין נייע תּפֿילין, ווייל ער וועט דאָך אויך נישט אָנטאָן די תּפֿילין מער ווי איין מאָל, איז צוואָס אַרויסוואַרפֿן געלט. עס זענען באַקאַנט פֿאַלן — האָב איך צוגעלייגט — וואו דריי דורות זענען געוואָרן בר מצוה אין די זעלבע תּפֿילין.

עס האָט זיך ביי מיר אָנגעהויבן אַ גאַנצער סטאַק מיט בר מצוה שאלות און איך האָב געטראַכט פֿון אַרויסגעבן אַ בוך וועגן בר מצווה׳ס מיטן נאָמען מסכת בר מצווה. דערווייל זענען אויפֿגעקומען ישיבות, וואָס האָבן אַרויסגעגעבן אמת׳ע בר מצווה׳ס און מיין מסכת בר מצווה איז מער ניט געווען נויטיק.

# אַ בר מצוה ספּיטש

דיר פּאַפּ, מאַם, ליידיס ענד דזשענטלמען! —

היינט איך געוואָרען בר מצווה׳ט. היינט איך געוואָרען אַ גרויסער מענטש. איך מעג איצט טרינקען וויסקי, סמוקן סיגאַרס, שפּילן קאָרטן פונקט ווי די גרויסע. איך דאַרף מער ניט גיין אין היברו און סטאָדין די בייבל.

היינט איך געוואָרן אַ מאַן. איך קען איצט קומען שפּעט אין סינאַגאָג, רעדן אין מיטן די פּרעיערס, שלאָפן ווען דער ראַביי פּריטשט דעם סוירמען און לאַכן ווען דער קענטאָר זינגט די סוירוויסעס.

היינט איך געוואָרן אַ פול פלעדזשד מעמבער אָוו די דזשואיש פּיפּל. איך קען איצט גיין צו סאָסייעטי מיטינגס, וואַרפן טשערס און סעלטצער באַטעלס און שעלטן דעם פּרעזידענט און דעם וויים פּרעזידענט.

ביי דעם אָקעיזשאָן איך טאָן דאַנקען מאַי דיר פּערענטס פאַר דער וואָנדערפול עדיוקיישאָן זיי מיר געגעבן און פאַר טיטשען מיר צו רעדן אַן עקסעלענט אידיש. איך אויך טאָן דאַנקען דעם וואָרדן פון סטעיט פּריזאָן, פאַר אַרויסלאָזן מיין טאַטן און אָנקעל דזשאָו צו מאַי בר מצוה סעלעברעישאָן. איך אויך געבן ספּעשל טענקס טו מאַי דיר רעלאַטיוווס ענד פּרענדס פאָר די וואָנדערפול גיפטס זיי מיר געגעבן. די קעמערעס ענד טעיפּ ריקאָרדינגס איך צוגענומען. די בוקס ענד בייבלס איך צוריקגעשיקט.

ביי דעם האָלי מאָמענט אָוו מאַי בר מצוה, איך פּראַמיס צו זיין אַ גוד דזשו, ווי מיין טאַטע ענד אָנקעל דזשאָו. איך פּראַמיס ניט צו גנב׳ענען אום שבת און אַלע דזשואיש האָלידעיס. איך פּראַמיס ניט צו עסן קיין חזיר אום תשעה באב און יום כיפּור. איך פּראַמיס ניט צו דזשאָינען אַ געגנג און סמוקן פּאַט ביז איך וועל ווערן פופצען יאָר אַלט, סאָ העלפּ מי!

און איצט איך ווינטשן מאַי דיר פּאַפּ ענד מאַם, איך פון זיי אַ סך נחת האָבן. די מאַמע זאָל האָבן אַ סך סוקסעס אין פּויקער און פינאָקל געימס און זאָל שטענדיג געווינען. מיין טאַטן איך ווינטשן ער שנעל אַרויס פון פּריזאָן און די קאַפּס זאָלן אים מער ניט קעטשן ווען

ער ברעכט אַ סעיף אָדער גנב׳עט אַ קאַר. אָנקעל דזשאָו איך ווינטשן, ער חתונה האָבן מיט אַ נייס גוירל, ער מער ניט מאַכן מאָנקי ביזנעס און פּאָרדזשן טשעקס און מאַכן עי אַנעסט ליווינג עז איי בוקי ביי האָרס רעיסעס וואָס ער שטענדיג געוואָלט.

ביי דעם אָקעיזשאָן איך אויך אַפּאַלידזשייז טו מאַי דיר ראַביי פאַר געבן אים אַ האַרד טיים און פאַר אויסרייסן אים אַ האַלבע באָרד. דורך די דריי יאָר וואָס ער מיר געטיטשט די בר מצוה סטאָף, איך אים ליב באַקומען. איך אים שטענדיג געזאָגט, איידער טיטשן בר מצוה באָמס, בעסער נעמען וועלפעיר.

און איצט, איך אַלעמען בלעסן וויט די האָלי וואָרדס אָוו אַוער פראַפעטס: נאַקאַמו נאַקאַמו אַמי.

(אַזעלכע בר מצוה ספּיטשעס האָט מען אַמאָל געהאַלטן אין ניו יאָרק אין די צוואַנציגער און דרייסיגער יאָרן, איידער עס זענען אויפגעקומען די טראַדיציאָנעלע ישיבות.)

# די רעדאַקציע פון דאָס טשאָלענט טעפל

מיט אַ פּאָר צענדליג יאָר צוריק זענען אין ניו יאָרק געווען דריי טעגליכע אידישע צייטונגען, איינעם האָט מען גערופן ״דער אשמדאי״, דעם צווייטן, ״די יאַרמולקע״ און דעם דריטן ״דאָס טשאָלענט טעפל״. פון די דריי איז דער אשמדאי געווען דער איינציגער וואָס האָט געהאַט אַ לייטישע געביידע, די אַנדערע צוויי האָבן געהאַט אַלטע חורבות פון מלך סאָביעסקי׳ס צייטן און אַז מ׳איז אין זיי אַריינגעגאַנגען האָט מען געדאַרפט האַלטן עפּעס איבערן קאָפּ אויב מ׳האָט געוואָלט אַז מ׳זאָל פון דאָרט אַרויסגיין מיט אַ גאַנצע קאָפּ, ווייל ס׳איז געווען אַ סכנה אַז ס׳זאָל ניט אַראָפּפאַלן אויפ׳ן קאָפּ אַן אייזערנע רער אָדער אַ שטיקעל פון סופיט. די יאַרמולקע האָט געהאַט אַן עלעווייטאָר וועלכן מ׳האָט געדאַרפט ציהען מיט אַ שטריק, ווען מ׳האָט געוואָלט מיט אים פאָרן און ער איז געפאָרן אַזוי לאַנגזאַם אַז ווען מ׳איז געגאַנגען מיט די טרעפּ איז מען אָנגעקומען שנעלער. דאָס טשאָלענט טעפעל האָט אין גאַנצן ניט געהאַט קיין עלעווייטאָר און ווען מ׳האָט געדאַרפט אַרויפגיין צו דער רעדאַקציע, וועלכע האָט זיך געפונען אויפ׳ן דריטן שטאָק, האָט מען פאַרן אַרויפקלעטערן די הויכע טרעפּ געדאַרפט זאָגען ווידוי און אַז מ׳איז אַרויפגעקומען בשלום, האָט מען געדאַרפט בענטשן גומל.

דאָס טשאָלענט טעפל האָט זיך געפונען אויף מעקצדוק סטריט נעבן גרונם עווניו, געגענאיבער אַ קליין פּאַרקל אין וועלכן עס האָבן געהויערט שיכורים און קעשענע גנבים. ווען מ׳איז אַרויפגעקראָכן דעם צענדליג הויכע טרעפּ פון דער געביידע און מ׳האָט געעפענט די טיר, האָט מען געזען זיך אַרומדרייען אַ באָפּטע ליידיגגייערס און נודניקעס וואָס האָבן געטומעלט און געהאַקט אַ טשייניק. דאָס איז געווען דער אָפּיס וואו מ׳האָט גענומען אַלע סאָרטן אַדווערטייזמענטס. אַן אַלטער איד מיט אַ באָרוועסע קאָפּ, וועלכער איז געווען טויב ווי די וואַנט, האָט דאָרט געשריגען אויף צוויי טעלעפאָנען אַז מ׳האָט אים געקענט הערן אין יעהופּעץ. דאָס

איז געווען דער גלאַוונער אַדווערטייזינג אַגענט, וואָס האָט גענומען אַדווערטייזמענטס פאַר שוהלן און ישיבות.

גייענדיג אַ פּאָר טריט צו לינקס, האָט מען זיך געפונען נעבן אַ שמאָלן דורכגאַנג וואו עס זענען געווען אַ צענדליג קליינע קעמערלאַך און שענקלאַך, די גרויס פון אַש שיסעלאַך, מ׳האָט דאָרט געבלאָנדזשעט און געקראָכן פון איין קעמערל צום צווייטן ביז עמיצער האָט אים פון דאָרט אַרויסגעראַטעוועט, ווען ניט וואָלט ער דאָרט געקענט זיין ביז שבת בראשית.

אין דעם טשאָלענט טעפּל האָט אַלעס אויסגעזען ווי וואָס עס איז ניט געווען און יעדער איינער האָט דאָרט געטאָן די אַרבעט וואָס ער האָט ניט געקענט און פאַר וועלכער ער איז ניט געווען פּאַסיק. דער אַדווערטייזינג מענעדזשער למשל, האָט ניט געקענט שרייבן קיין אידיש, ער האָט אָבער געקענט גוט חשבון. דער בוכהאַלטער, דאַקעגן, האָט געקענט שרייבן אידיש, ער האָט אָבער ניט געקענט קיין חשבון. דער הומאָריסט האָט זיך שטענדיג אַרומגעדרייט אַן אָנגעדראָלענער און אַ ברוגז׳ער און האָט געוואָרטשעט ווי אַ קאַץ וואָס קען קיין מייזלאַך ניט כאַפּן. דער ליטעראַטור־קריטיקער האָט אַליין ניט געקענט אָנשרייבן קיין איין לייטישע שורה, נאָר ווען עמיצער האָט אָנגעשריבן עפּעס אַ זאַך, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש און האָט אָנגעשריבן אַ פאַרניכטענדע קריטיק און האָט געמאַכט דערפון אַש און פּאָרעך. דער קאַפּי־טרעגער וואָס האָט געטראָגן די נייעס פון נייעס־צימער צו די זעץ־מאַשינען, האָט געהאַט צוויי לינקע פיס, מיט הינער אויגן אויףביידע און ער איז געגאַנגען אַזוי לאַנגזאַם, אַז ווען ער האָט זיי געבראַכט אין דער זעצעריי, איז שוין די נייעס געווען פאַרעלטערט. איינמאָל, ווען ער האָט ענדליך געבראַכט די נייעס פון דער מלחמה אין וויעטנאַם, איז שוין די מלחמה געווען געענדיגט און מ׳האָט די נייעס געדאַרפט אַריינוואַרפן אין פּאַפּיר קאָרב.

ביי דעם האַלבן צענדליג אַדווערטייזינג אַגענטן פון דאָס טשאָלענט טעפּל, האָט געהערשט שלום ושלוה. זיי האָבן זיך ניט געקריגט, האָבן זיך ניט אַרומגעריסן, האָבן ניט גערעדט איינער צום צווייטן, נאָר וואָס זיי האָבן געוואונטשן איינער דעם צווייטן, האָט געמעגט אַריינפאַלן אין ים. שלום ושלוה האָט אויך געהערשט ביי די שרייבער פון טשאָלענט טעפּל. זיי האָבן גראַדע יאָ גערעדט איינער

צום צווייטן, נאָר זיי האָבן גערעדט שאַרף און שפּיציג מיט נאָדלען און שטעכלקעס און האָבן שטענדיג געטראָפן אין פּינטעל. פאַרשטייט זיך, אַז זיי האָבן איינער דעם צווייטן ניט פאַרגינען דאָס לעבן און ווען איינער האָט אָנגעשריבן עפּעס אַ געלונגענע זאַך, האָבן אַלע קאָלעגן געהאַט גרימעניש אין בויך און האָבן געמוזט נעמען אַלקאַ סעלצער. דאָס איז אָבער נאַטירליך ביי טאַלאַנטפולע מענטשן מיט קינסטלערישע נשמות.

ווי ס׳האָט געפּאַסט פאַר אַ אידישע צייטונג, האָבן די זעצער ניט געקענט זעצן און די שרייבער האָבן ניט געקענט שרייבן. די שרייבער האָבן אָבער געקענט זעצן און די זעצער האָבן געקענט שרייבן. איין האַלבן טאָג האָבן די שרייבער געלערנט די זעצער ווי אַזוי צו זעצן און דעם צווייטן האַלבן טאָג האָבן די זעצער געלערנט די שרייבער ווי אַזוי צו שרייבן. דער רעדאַקטאָר האָט פאַרשטייט זיך, ניט געקענט שרייבן. ווען ער וואָלט געקענט שרייבן וואָלט ער דאָך געווען אַ זעצער. וואָס ער האָט יאָ געקענט איז געווען, אָפּצוהאַקן די הענט און פיס פון די זאַכן וואָס מ׳האָט אים געבראַכט און מאַכן איבער זיי נאַרישע קעפּ וואָס האָבן זיך אַזוי געפּאַסט צו די אַרטיקלען און ערציילונגען ווי אַ פּאַטש צו גוט שבת.

קיין אונטערשייד אָבער וואָס די שרייבער פון די אידישע צייטונגען האָבן געקענט אָדער ניט געקענט, האָבן זייערע לעזער זיי רעספּעקטירט און פון זיי געהאַלטן אַן עולם ומלואה אַלס שיין־גייסטער און קולטור מענטשן, וואָס זיי זענען ניט געווען.

# אַ מעשה וועגן אַ פּאָנטשליין

עס איז געווען מיט אַ שיינע פּאָר יאָר צוריק. איך האָב דאַן געשריבן אין אַ צייטונג הומאָריסטישע מאָנאָלאָגן וועגן פאַרשידענע זאַכן און האָב אָפּגעלאַכט און אָפּגעחוזק׳ט פון דער גאַנצער וועלט. איך האָב געלאַכט פון גאַליציאַנער און ליטוואַקעס, פון מענער און פרויען, פון שרייבער און פּאָעטן און פון זיך אַליין. מערסטנס האָב איך אָבער אָפּגעלאַכט פון מיין אידענע. איך האָב פון איר אָפּגעלאַכט ווייל עס איז געווען פון איר וואָס צו לאַכען, ווי אַזוי זי קאָכט און פאַרברענט דאָס עסן, ווי אַזוי זי וואַשט דישעס, ווי אַזוי זי גייט אײַנקויפן. איינמאָל, ווען זי איז געגאַנגען קויפן אַ פּאָר דרעסעס, האָט זי שיער פאַרנודעט צום טויט דריי סעילסליידיס אַז מ׳האָט זיי געדאַרפט פירן צו דער ״עמוירדזשענסי״ אָפּטיילונג פון אַ שפּיטאָל. פון דעמאָלט אָן אַז זי גייט קויפן דרעסעס גיי איך מיט איר מיט און נעם מיט אַ פלעשעלע חלשות-טראָפּענס, טאָמער פאַלט אַוועק נעבן איר אַ סעילסליידי און מ׳דאַרף איר ראַטעווען.

שרייבן קען זי, פאַרשטייט זיך, ניט אפילו קיין איין שורה, אָבער אַ מבינטע איז זי גאָר אַ גרויסע און איך האָב איר געמוזט איבערלייענען יעדע זאַך וואָס איך האָב געשריבען פאַרן צייטונג. ווען זי האָט נאָכ׳ן איבערלייענען מיר ניט געזאָגט, אַז די זאַך טויג אויף כפּרות און מ׳דאַרף דאָס אַריינוואַרפן אין מיסט-קאַסטן, האָב איך געוואוסט אַז עס איז אַ גוטע זאַך און עס וועט אַלעמען געפעלן. אויסער מיין אידענע, פלעג איך אויך לייענען מיינע מאָנאָלאָגן צו מיין אָנקעל חיים איטשע און צו מיין שכן לייזער עליע, און אויב מיין אָנקעל איז ניט אַנשלאָפן געוואָרן אין מיטן לייענען און מיין שכן האָט זיך ניט צעוויינט ווי אַ בייבי, האָב איך געוואוסט אַז עס איז אַ געלונגענע זאַך.

מיטן רעדאַקטאָר מיינעם האָב איך ניט געהאַט קיין צרות. ווען איך האָב געבראַכט אַ זאַך האָט ער געטאָן אויף דעם אַ האַלבן בליק, האָט געזאָגט, ״שקשה״ און האָט עס געגעבן אויפצוזעצן. עס פלעגט אַמאָל טרעפן אַז ער פלעגט מיר צוריקגעבן דעם מאַנוסקריפּט

און מיר זאָגען אַז איך זאָל עס פאַרריכטן און צוטאָן אַביסל שמאַלץ. פלעג איך אים דעם פאָלגענדן טאָג ברענגען דעם זעלבן מאַנוסקריפּט, אָן ענדערן אַ וואָרט און עס אים געבן. דער רעדאַקטאָר פלעגט עס צונעמען, האָט געטאָן אַ שמייכעל און האָט געזאָגט זעסט — אַז דו ווילסט קענסטו.

איינמאָל האָב איך אים געבראַכט אַ גאַר גוטע זאַך, מיט אַ סאַך הומאָר, מיט גוטע וויצן און אָריגינעלע ווערטלאַך און האָב ערוואַרטעט צו באַקומען פון אים אַ קאָמפּלימענט וואָס ער האָט זעלטן געגעבן. דאָס מאָל האָט מיין רעדאַקטאָר דווקא געלייענט דעם מאָנאָלאָג, האָט אים מיר צוריקגעגעבן און האָט געזאָגט אַז עס איז אַ גוטע זאַך נאָר עס פעלט אַ פּאַנטש ליין.

אַ וואָס? — האָב איך אים געפרעגט.

אַ פּאַנטשליין! — האָט ער געענטפערט.

וואָס איז אַזוינס אַ פּאַנטשליין? — האָב איך אים ווידער געפרעגט — איך ווייס וואָס אַ פּאַנטש איז און וואָס אַ ליין איז — האָב איך אים געזאָגט — וואָס פאַר אַ מחותן אַ פּאַנטש איז מיט אַ ליין, הויב איך ניט אָן צו וויסן — האָב איך צוגעלייגט.

אַ פּאַנטשליין איז — זאָל איך אַזוי וויסן פון אַ בייזער וועטשערע ווי איך ווייס וואָס אַ פּאַנטשליין איז — האָט ער געזאָגט — קראַצענדיג זיך דערביי אונטערן לינקן אויער. אַ פּאַנטשליין איז — האָט ער פאַרגעזעצט — אַ סוף, אַ שלוס, אַ קלימאַקס און דיין מעשה האָט זיך ניט געענדיגט און איז געבליבן הענגען אין דער לופט ווי אַ לופט באַלאָן. נעם דיין מעשה אַהיים און מאַך אַ פּאַנטשליין — האָט ער מיר געזאָגט. איך האָב מיין מאָנאָלאָג גענומען אַהיים, האָב צוגעשריבן אַ פּאָר שורות, אים איבערגעגעבן צום רעדאַקטאָר און ער האָט עס אָפּגעדרוקט.

איינמאָל איז מיר איינגעפאַלן אַ געדאַנק: וויבאַלד אַז דער רעדאַקטאָר האָט אַזוי ליב פּאַנטשליינס, פאַרוואָס ניט אָנשרייבן אַ מעשה וועגן פּאַנטשליינס? — האָב איך מיר געפרעגט.

און גערעדט און געטאָן: כ׳האָב זיך אַוועקגעזעצט נעבן טיש און האָב אָנגעשריבן אַ מעשה וועגן אַ שרייבער וואָס האָט אָנגעשריבן אַן אינטערעסאַנטן בוך מיט אַ שפּאַנענדן סיפור המעשה, שיינע סצענעס בילדלעך געשילדערט אין אַ רייכער פּאָעטישער שפּראַך. דאָס בוך האָט געהאַט אַלע מעלות און ווען עס וואָלט געדרוקט

געוואָרן וואָלט מען עס צעכאַפּט ווי מצה וואַסער און עס וואָלט זיך פאַרקויפט אין צענדליגע טויזענטער קאָפּיעס. עס האָט אָבער געהאַט איין גרויסן חסרון: — עס האָט ניט געהאַט קיין פּאָנטשליין, דער שרייבער האָט זיך אַרומגעדרייט אין זיין צימער צאָללאָזע מאָל, האָט געטראַכט, זיך געבראָכן דעם קאָפּ און האָט געזוכט אַ פּאָנטשליין און האָט ניט געקענט געפונען. דער שרייבער איז נעבאַך אַראָפּ פון זינען, ער איז אַרומגעלאָפן איבער די גאַסן און ווען נאָר ער האָט עמיצן באַגעגנט האָט ער אויף אים געשריגן אַז ער זאָל אים געבן אַ פּאָנטשליין. "גיט אַהער אַ פּאָנטשליין" — האָט ער געשריגן! — "איך דאַרף האָבן אַ פּאָנטשליין".

איך האָב מיין מעשה וועגן פּאָנטשליין פאַרענדיגט און אַוועקגעלייגט אויפ'ן רעדאַקטאָרס טיש און בין געווען זיכער אַז ער וועט איר דרוקן. מיין מעשה וועגן פּאָנטשליין איז אָבער קיינמאָל ניט געדרוקט געוואָרן, ווייל די מעשה וועגן פּאָנטשליין — האָט ניט געהאַט קיין פּאָנטשליין.

# מיין ווייב, מיין שטרענגסטע קריטיקערין

שרייבער זענען פון דער נאַטור סענסיטיווע מענטשן און זיי האָבן מורא פאַר דער גאַנצער וועלט. קודם כל האָבן זיי מורא פאַר זיך אַליין, אַז זיי זאָלן חלילה ניט נכשל ווערן מיט אַ ניט פּאַסיק וואָרט אָדער אַ ניט ריכטיגען אויסדרוק. צווייטענס, האָבן זיי מורא פאַר די לעזער זייערע, אַז זייער שרייבן זאָל זיי געפעלן און טאָמער זענען זיי אין דער סאָבוועי אָדער אין באָס ווי עמיצער לייענט זייערס אַ זאַך און גיט דערביי אַ גענעץ אָדער ווערט אַנטשלאָפן, ווערט זיי קאַלט אין די געדערים און זיי שלאָפן ניט גוט די נאַכט. דריטנס האָבן זיי מורא פאַר די קריטיקער, וועלכע זענען אַליין ניט בכח אָנצושרייבן קיין איין אָריגינעלע שורה, נאָר ווען עמיצער שרייבט אָן עפּעס אַ זאַך, זעצן זיי זיך אַוועק ביי טיש און שרייבן אויף דעם אָן אַ פאַרניכטענדע קריטיק און מאַכן פון דעם אַש און פּאָרעך. האָבן דאַך די שרייבער, דוכט זיך, אַ ברירה ניט צו שרייבן, וועלן די קריטיקער ניט האָבן וואָס צו קריטיקירן, האָבן זיי אָבער פאַר דעם, ווי עס זעט אויס, ניט קיין שכל.

דער שרייבער פון די שורות, וועלכער זינדיגט שוין מיט טינט און פעדער פאַר אַ שיינע פּאָר יאָר, איז אויך ניט קיין אויסנאַם און האָט מורא פאַר דעם אַלמעכטיגען לעזער אַז זיין שרייבן זאָל ביי אים נושא חן זיין און ווען ער זעט ווי איינער לייענט זיינס אַ זאַך און גיט אַ מאַך מיט דער האַנט מיט ביטול, פּונקט ווי איינער זאָגט, ער האַקט אַ טשייניק, האָט ער פון דעם עגמת נפש און טראַכט זיך אַז זיין אַרבעט ווערט ניט אָפּגעשאַצט.

אַממערסטן האָב איך אָבער מורא, ס׳איז אַ חרפּה צו דערציילן, פאַר מיין אייגענער אידענע, וועלכע איז מיין שטרענגסטע קריטיקערין און ס׳איז מיר שווער אָנצושרייבן עפּעס וואָס זאָל איר געפעלן. ווען נאָר איך שרייב אָן אַ הומאָרעסקע אָדער פעליטאָן און לייען עס איר איבער (זי אַליין לייענט אידיש שווערליך) גיט זי אַ דריי מיט דער נאָז און זאָגט אַז עס טויג אויף כפּרות. דאָס איז הומאָר — זאָגט זי — דאָס איז דאָך קוואַטש, קליאַטשע, עס קלינגט

ווי אַ הספּד, וואַרף עס אַריין אין מיסט־קעסטל און שרייב אָן עפּעס אַנדערש. אַן אַנדער מאָל ווען איך לייען איר איבער עפּעס אַ זאַך, פאַרוואַרפט זי דעם קאָפּ אויף אַ זייט, פאַרגלאָצט די אויגן און גיט אַ געשריי אַז איך זאָל איר ברענגען אַ גלאָז קאַלטע וואַסער. און אַז איר געפעלט עפּעס ניט און לייגט אויף דעם אַוועק אַ וועטאָ, טאָר איך דאָס ניט דרוקן, מעג עס זיין די בעסטע זאַך אין דער וועלט. זי האָט מיר שוין וועטאָאירט מער מאָל ווי גראַמיקאָ האָט עס געטאָן אין די יונייטעד ניישאָנס.

ווען זי שטעלט מיר פאָר אַמאָל פּאַר עמיצן אויף אַ חתונה אָדער בר מצוה זאָגט זי, דאָס איז מיין מאַן, ער איז אַ שראַבער, אַרבעטן וויל ער ניט, גנב׳ענען האָט ער מורא, שרייבט ער נאַרישע מעשות אַף די פּייפּערס און זיי, די נאַרישע רעדאַקטאָרן, דרוקן זיי און באַצאָלן אים נאָך פאַר זיי.

איינמאָל ביי אַ חתונה זענען ביי איר טיש געזעסן עטליכע אידישע שרייבער. האָט זי געהערט ווי זיי רעדן פון זייערע קאָלעגן און נוצן אַזעלכע ווערטער ווי גראַפאָמאַן, פּלאַגיאַט, פּאַטשקון און טינטלער. וואָס איז אַזוינס אַ גראַפאָמאַן? — האָט זי נאַאיוו געפרעגט. אַ גראַפאָמאַן — האָט מען איר געענטפערט — איז אַזאַ סאָרט מענטש וואָס וויל נעבאַך שרייבן פאַרשידענע זאַכן, ווי עסייען, ערציילונגען און קען ניט. דאָס איז דאָך מיין מאַן — האָט זי געזאָגט — ער וויל אויך שרייבן גוטע זאַכן, נאָר ער קען ניט. און וואָס איז אַ פּלאַגיאַט? האָט זי ווייטער געפרעגט די שרייבער. אַ פּלאַגיאַט — האָט מען איר געענטפערט — איז איינער וואָס פּוצט זיך אין פרעמדע פעדערן, ער נעמט אַ זאַך פון אַ באַרימטן שרייבער, שטעלט אויף דעם אַרויף זיין נאָמען און לאָזט עס דרוקן ווי עס וואָלט געווען זיין אייגענע שאַפונג. דאָס איז דאָך אויך מיין מאַן — האָט זי ווייטער געזאָגט — ער נעמט אַרויס זאַכן פון מוישע נאַדיר און פון דעם טונקעלן און שיקט זיי אַוועק צו די פּייפּערס צו דרוקן. גראַפאָמאַן, פּלאַגיאַט, פּאַטשקון, טינטלער, אָט די ווערטער — האָט זי געזאָגט ווי צו זיך אַליין, — פּאַסן אים ווי פּאַר אים געמאַכט צו אָרדער. כ׳האָב גאָרניט געוואוסט ביז איצט וואָס פאַראַ נעמען אים צו רופן.

בכלל האָט מיין אידענע פון מיר ניט קיין געהויבענע מיינונג און האַלט אַז איך בין דער גרעסטער בטלן און טויגעניכט, וואָס געפינט

זיך אויף דער וועלט. דו קענסט גאָרניט, דו טויגסט צו גאָרניט און דו קענסט אַ קאַץ דעם עק ניט פאַרבינדן — האַלט זי מיר אין איין זאָגן. האָסט דיין גאַנץ לעבן געלערנט אין ישיבות און ווען עס איז געקומען צו זאָגען דעם "הרי את." אונטער דער חופה האָסטו זיך פארהיקעט צוויי מאל און האָסט אים אָפּגעפּרעפּלט ווי א פארטאטש, אפילו דאס געלזל אונטער דער חופה האסטו ניט געקענט צעברעכן. ביי לייטן אַ חתן גיט א זעץ מיטן פוס אויפן גלעזל און צעברעכט עס אויף טויזנט שטיקער און דו האסט אויף דעם געקלאפּט אפשר צוואנציג מאל ביז דו האסט עס צעבראכן.

נו, וואס טוט מען אזא אידענע, וואס קריטיקירט שטענדיק און געפינט אויף מיר חסרונות און פּגימות? גיט אַן עצה אידן, גיט. די איינציקע זאַך וואס איך קען טאָן איז זיך אָוועקזעצן און אָנשרייבן וועגן איר אַ מעשה און כאָטש דערציילן פאַר דער וועלט וואָס איך האָב זיך אַלץ אויסצושטיין פון מיין געוועזענער כלה.

# עצות פאַר שאַך־שפּילער

די געשיכטע פון שאַך־שפּיל איז אומבאַקאַנט און מ׳ווייסט ניט ווער עס האָט איר ערפונדן און וואו זי איז צום ערשטן מאָל געשפּילט געוואָרן. פאַראַן אַ מיינונג אַז מ׳האָט שוין געשפּילט שאַך אין נח׳ס תיבה. אַזוי ווי פאַר בעיזבאָל און טעניס איז אין דער תיבה ניט געווען קיין פּלאַץ, האָט מען דאָרט געשפּילט שאַך.

עס איז אויך דאָ אַ מיינונג אַז לבן הארמי, יעקב אבינו׳ס שווער האָט געשפּילט שאַך און מחמת דעם האָט מען אים גערופן לבן, ווייל ער האָט שטענדיג געשפּילט מיט די ווייסע שטיקער. לבן, ווי מיר ווייסן, איז געווען אַ גרויסער רמאי און בלאָפער, פלעגט ער שטענדיג צוריקנעמען צוגן און ווען זיין געגנער איז געזעסן און געטראַכט וואָס פאַראַ צוג צו מאַכן, האָט דערווייל לבן אַראָפּגע׳לקח׳נט זיין געגנערס אַ כלי אָדער האָט איר איבערגערוקט אויף אַן אַנדער אָרט.

בלעם הרשע, דער באַרימטער שעלטער — האָלטן אייניגע שאַך־פאָרשער — האָט געשפּילט שאַך מיט זיין קלוג אייזעל און האָט שטענדיג פאַרלאָרן, און צוליב דעם טאַקע — זאָגען זיי — איז ער שטענדיג געווען בייז און האָט אַלעמען געשאָלטן אין טאַטענ׳ס טאַטן אַריין. זיי זענען אויך מיט דער מיינונג, אַז בלעם איז געווען דער ערשטער וואָס האָט געשפּילט שאַך מיט פאַרמאַכטע אויגן, ווייל סיי־ווי־סיי איז ער געווען בלינד אויף איין אויג, האָט ער צוגעמאַכט דאָס צווייטע אויג אויך און האָט געשפּילט „בליינדפאָלדעד", ווי מ׳רופט עס אין דעם לשון פון דעם שאַך־שפּיל.

פאַר פילע הונדערטער יאָרן איז שאַך געווען די שפּיל פון מלכים און גענעראַלן און ווען זיי האָבן נישט געפירט קיין אמת׳ע מלחמות האָבן זיי געפירט מלחמה אויפן שאַך־ברעטעל. היינט איז דאָס שאַך־שפּיל אַריין אין דער שוסטער גאַס און עס שפּילען היינט שאַך טראָק־דרייווערס און גאַסן־קערער, באַרבערס און שוך־פוצער, האָלצהאַקער און בייגעל־בעקער, דינסטן און בייבי־סיטערס.

באַזונדערס איז דאָס שאַך־שפּילן היינט זער פּאָפּולער אין סאָוועט

רוסלאַנד, כאָטש שאַך איז אַן אימפּעריאַליסטישער שפּיל מיט מלכים און מלכה׳ס, וואָס איז ביי די קאָמוניסטן, טאַבו, שפּילט דאָרט שאַך קליין און גרויס, קינד און קייט, פּשוט צוליב דעם וואָס דאָס שאַך־ברעטל איז דער איינציגער פּלאַץ וואו מ׳קען זיך פריי באַוועגן. פּרויען שפּילן געוויינליך ניט קיין שאַך, ווייל ביים שאַך־שפּיל מוז דאָס מויל פון די שפּילער זיין פאַרמאַכט און מ׳טאָר ניט אַרויסרעדן קיין איין וואָרט און דאָס איז ביי חוה׳ס טעכטער אַן אוממעגליכקייט. אין רוסלאַנד שפּילן אָבער אפילו פרויען שאַך, ווייל דאָרט איז דאָס מויל סיי־ווי־סיי פאַרמאַכט ביי יעדן איינעם פון לאַנד.

צו זיין אַ גוטער שאַך־שפּילער דאַרף מען, פאַרשטייט זיך, האָבן אַ גוטן קאָפּ און אַ גוטן זכרון און מ׳דאַרף זיך האַלטן ביי אַ צאָל כללים וועלכע זענען אויספּרובירט פאַר פילע יאָרן.

קודם כל, שפּילט ניט קיין שאַך מיט אידיאָטן, ווייל איר קענט נאָך ביי זיי פאַרלירן און איר׳ט זיך שעמען צו ווייזען אייער פּנים ביי מענטשן. אַ גרופּע סטודענטן פון אַ באַרימטן אוניווערזיטעט האָבן אַמאָל געשפּילט מיט אַ צאָל פּאַציענטן פון אַ משוגעים הויז און זיי האָבן מיאוס פאַרלאָרן און די משוגעים האָבן זיך מיט די סטודענטן גערייצט און זיי אַרויסגעבלעקט די צונגען, ווי משוגעים פירן זיך געוויינליך.

שפּילט ניט קיין שאַך מיט איינעם וואָס טראָגט לאַנגע אַרבעל, ווייל אָט דאַכט זיך האָט איר אייער געגנער באַזיגט און אָט שלעפּט ער אַרויס פון זיין אַרבעל אַ כלי וואָס איר האָט ניט געזען און מאַכט אייך פאַרטיג. שפּילט ניט קיין שאַך מיט פרויען, ווייל מיט אַ פרוי קענט איר קיינמאָל ניט געווינען.

דער מלך איז די וויכטיגסטע פיגור אויפ׳ן שאַך־ברעט. ער איז אָבער אַ שוואַכער נפש, קוים וואָס ער לעבט, זאָלט איר אים דעריבער היטן ווי אַן אויג אין קאָפּ, ער זאָל זיך חלילה ניט פאַרקילן. האַלט אים אין אַ וואַרים אָרט און רינגעלט אים אַרום מיט שטאַרקע שומרים.

די מלכה איז דווקא שטאַרק אייזן און קען געבן קלעפּ ווי אַ קאָזאַק. איר דאַרפט אָבער זיין פאָרזיכטיג מיט איר און איר ניט אַרומשלעפּן אויף אַלע חתונות, ווייל טאָמער ווערט דער מלך חלילה אַן אלמן איז זיין לעבן ניט ווערט קיין שמעק טאַבאַק.

די פערד, די לויפערס און די טורמס זענען אַלע וויכטיגע כלים.

ברענגט זיי אַרויס אויפ׳ן פעלד, זאָלן זיי פאַרדינען זייער ברויט.
די פּויערלאַך אייערע זענען טאַקע פּראָסטע סאָלדאַטן, זיי זענען אָבער זער וויכטיג. זאָלן זיי זיך אַלע האַלטען ביי די הענט און שיצען איינער דעם צווייטן, ווייל טאָמער פאַרקריכט אַ פּויערל ערגעץ קיין יעהופּעץ איז זיין לעבן אין אַ גרויסער סכנה. אויב דאָס מזל שפּילט אים צו קען אַ פּראָסט פּויערל ווערן אַ גרויסע און שטאַרקע מלכה. מ׳קען אויף דעם זאָגען דאָס זעלבע וואָס מ׳זאָגט אויף אַ רך הנימול — זה הקטן לגדול יהיה.

# אין אַ וועלט פון אויטאָמאַציע

מיר לעבן היינט אין אַ וועלט פון אויטאָמאַציע, ווען אַלץ אין דער וועלט ווערט געטאָן פון אויטאָמאַטן און דעם מענטשנ׳ס הענט פאַרלירן ביסלעכוויז זייער נוצליכקייט פון טאָג צו טאָג נעמט דער אויטאָמאַט איבער דעם מענטשנס אַרבעט, און עס וועט ניט נעמען לאַנג און מענטשן וועלן גאָרניט דאַרפן טאָן, אויסער מאַכען אויטאָמאַטן, און אפילו דאָס וועלן זיי מיט דער צייט ניט דאַרפן טאָן, ווייל אויטאָמאַטן וועלן מאַכן אויטאָמאַטן.

און אָט אַזוי וועט דאָס מענטשליכע לעבן אויסזען אין דער גאָר ניט ווייטער צוקונפט:

איר׳ט זיך אויפהויבן אינדערפרי פון בעט און אַן אויטאָמאַט וועט אייך אָפּגיסען די נעגעל, וועט אייך אָפּוואַשען דאָס פּנים, וועט אייך אויסקעמען די באָרד, וועט אייך אָנטאָן די קליידער, וועט אייך דערלאַנגען אַ וואַרימע גלאָז טיי און וועט אייך טראָגען דעם טלית און תפילין אין שוהל אַריין. ווען איר וועט קומען אַהיים פון שוהל וועט דער אויטאָמאַט אייך סערווירען אַ פולן ברעקפעסט און וועט פאַר אייך לייענען די נייעס פון טאָג פון דער פרימאָרגען צייטונג.

איר׳ט זיך אַריינזעצן אין אַן אויטאָמאָביל און פאָרן צו דער אַרבעט. אַן אויטאָמאַטישער קאַר אַטענדענט וועט אָנפילען אייער קאַר מיט געזאָלין און אָנבלאָזען אייערע טייערס מיט לופט. אַן אויטאָמאַטישער פּאָליסמאַן וועט אייך געבן אַ טיקעט פאַר פאָרן צו שנעל און וועט זיך הייסן דערלאַנגען אַ פינף און צוואַנציגער.

איר׳ט אַרויפגיין אין אייער שאַפּ, אַן אויטאָמאַטישער פאָרמאַן וועט אויף אייך געבן אַ בייזען בליק און אייך זאָגען אַז אייער אַרבעט טויג אויף כפרות. אַן אויטאָמאַטישער אָפּיס באָי וועט אייך איבערגעבן אַ מעסעדזש אַז אייער שוויגער האָט אייך גערופען.

ווען איר וועט קומען אַהיים פון דער אַרבעט וועט אַן אויטאָמאַט אייך באַגריסען מיט אַ וואַרימען "העלאָו באָס" און וועט אייך צונעמען אייער הוט און מאַנטעל. אַן אויטאָמאַט וועט אייך וואַשן די הענט צו נטילת ידיים און וועט אייך סערווירען אַ פולן מאָלצייט פון דער פאָרשפּייז ביז׳ן קאָמפּאָט. בשעת איר וועט עסן וועט דער

אויטאָמאַט פאַר אייך שפּילען פידעל, זינגען חסידישע ניגונים און אויך דערציילן די לעצטע וויצן און אַנעקדאָטען.

איר וועט אַבסאָלוט ניט האָבן וואָס צו טאָן און דער אויטאָמאַט וועט פאַר אייך רעדן פּאָליטיק, וועט פאַר אייך האַלטען רעדעס און לעקציעס, וועט זיך פאַר אייך קריגען מיט׳ן לענדלאָרד, אָפּשמייסען די קינדער, אָפּזידלען די שכנים און וועט זיך פאַר אייך דינגען ווען איר וועט גיין עפּעס קויפן. אַן אויטאָמאַט וועט אייך אָפּווישן די נאָז, אייך קראַצען אונטערן אויער, אייך מעסטן די טעמפּעראַטור, אייך דערלאַנגען אַ גלעזעל אַלקאָ סעלצער און וועט פאַר אייך הוסטן, ניסן, גענעצן און קרעכצן ווען עפּעס וועט אייך וויי טאָן.

ביי אַ מיטינג פון אייער חברה אָדער אָרגאַניזאַציע וועט אַן אויטאָמאַט זיך פאַר אייך כעס׳ענען, היצן, קאָכען ווי אַ סאַמאָוואָר, וועט פאַר אייך אַרגומענטירן, דעבאַטירן און דערלאַנגען עמיצן אין באַק אַריין ווען עס וועט זיין נויטיג.

אין שוהל וועט אַן אויטאָמאַטישער ראַביי מיט אַ שפּיציג בערדל פאַר אייך זאָגען די דרשה, אַן אויטאָמאַטישער חזן מיט אַ הויכער יאַרמולקע וועט פאַר אייך זינגען, אַן אויטאָמאַטישער שמש אין אַ צילינדער־הוט וועט אויפרופען צו דער תורה און אַן אויטאָמאַטישער טראָסטו, וועט האַלטן אַן אויג אַז מ׳זאָל ניט רעדן אין מיטן דאַווענען.

אייערע קינדער וועלן לערנען אין חדר ביי אַן אויטאָמאַטישן מלמד מיט אַ טייטעל און אַ לאָקשן־קאַנטשיק. די קינדער וועלן פון אים חוזק מאַכן און אים רופן, יאָסעלע גולם, וועלן אים אַרויסבלעקן אַ צונג און וועלן אויף אים וואַרפן שטיקלאַך פּאַפּיר און שאָלאַכץ פון ניסלאַך.

ווען דאָס לעבן וועט ווערן נאָך מער אויטאָמיזירט וועט איר נישט דאַרפען אַרבעטן מער ווי איין שעה אין טאָג. איר׳ט זיך אַרומדרייען גאַנצע טעג שלינג און שלאַנג און איר׳ט ניט האָבן וואָס צו טאָן. ווען ס׳עט אייך ווערן שטאַרק נודנע און לאַנגווייליג און דאָס לעבן וועט אייך ווערן נמאס וועט איר זיך אַוועקזעצן שפּילן שאַך מיט׳ן אויטאָמאַט, אָבער אויך פון דעם וועט איר האָבן ווייניג נחת, ווייל דער אויטאָמאַט וועט שטענדיג געווינען.

# דער סוד פון ביינישעס דערפאָלג

פון קינדורייז אָן איז ביינישל דער אַפּעררייטאָר געווען אַ שטיל מענטשל, האָט מיט יעדן געלעבט בשלום און איז מיט יעדן געווען אַ גוטער ברודער. טאָמער האָט אים עמיצער מיט עפּעס אָנגעריירט, אָדער אָנגעטראָטן אויף די הינער־אויגן, האָט ער אים שטענדיג פאַרשוויגן און האָט געטראַכט, זאָל מיינס איבערגיין.

זענענדיג אַז ער איז אַ ווייך מענטשל און מ׳קען מיט אים טאָן וואָס מ׳וויל, האָבן אַלע געהאַט פון אים דאָס גענאַר און זיך געמאַכט מיט אים פריילאַך. אין חדר האָבן אים די קינדער אַלע ווילע געגעבן אַ שנעל אין נאָז אָדער אַ ריס פאַר׳ן אויער, האָבן אים אונטערגעשטעלט פיסלאַך, ער זאָל זיך איבערקערן און אַריינפאַלן אין בלאָטע, האָבן אים געשאָטן פעפער אין נאָז און בעבלאַך אין די אויערן און ביינישל האָט זיי אַלץ פאַרשוויגן.

אַז די שדכנים האָבן געזען אַז ער איז אַ לעמעשקע און לאָזט זיך בלאָפן פון יעדן איינעם, האָבן זיי זיך צו אים אַ נעם געטאָן און וואו ערגעץ אַ מיידל וואָס קיינער האָט איר ניט געוואָלט, האָט מען אים גע׳שדכנ׳ט. דער סוף איז געווען אַז מ׳האָט אים פאַרשלייערט מיט אַן אָרים מיידל אָן אַ גראָשן נדן און מיט אַ גרויסער משפּחה.

נאָך דער חתונה האָט זיין ווייב, פאַרשטייט זיך, געוועלטיגט איבער אים ביד רמה, האָט פון אים געמאַכט דעם אמת׳ן פאַנטאָפּל מאַן און ער איז פאַר איר געשטאַנען כעבד לפני מלך. ווען ער איז געקומען אַהיים פון דער אַרבעט, פלעגט זי שטיין ביים טיר אָן אויסגעפּוצטע, און האָט אים געזאָגט דאַרלינג, וועסט זיך היינט נעמען אַליין עסן, איך האָב דיר אָנגעגרייט עטליכע קענדלעך און פאַרגעס ניט צו וואַשן די דישעס, איך גיי צו אַ פּאַרטי פון דער בנות צלפחד סאָסייעטי און וועל קומען אַהיים שפּעט.

אין שאַפּ האָבן אַלע געהאַט מיט אים אַ פּיקניק. איינער האָט אים אויפגעגעסן זיין לאָנטש, אַ צווייטער האָט אים אַרויסגעשלעפּט דאָס בענקל אויף וועלכן ער האָט זיך געוואָלט אַוועקזעצן און אַ דריטער האָט אים אונטערגערוקט אַ באַנאַנאַ שאָלאַכץ, ער זאָל זיך

אויסגליטשן. קיין אָווערטיים אָדער אַנדערע פּריווילעגיעס, האָט מען אים אין שאַפּ קיינמאָל ניט געגעבן. פאַר דעם זענען שטענדיג געווען בילכערע פון אים. אפילו אין שוהל וואו ער האָט געדאַוונט יעדן שבת און יום טוב, האָט מען אים אויך באַהאַנדלט ווי אַן איבריגן, אַן איינגעבעטענעם און ווען מʼהאָט אַנדערע אויפגערופן צו שלישי, שישי, מפטיר, האָט מען אים געגעבן הגבה אָדער גלילה.

איין מאָל איז צו אים געקומען אַ קאָזין פון פלאָרידאַ און זעענדיג ווי אַלע רעגירן איבער אים און פירן אים ביי דער נאָז, האָט ער אים געגעבן אַ לעקציע וואָס איז אים אַריין אין קאָפּ. ביסט אַ ווייכע שמאַטע, ביינישל, אַ לעמעשקע, אַ דוראַק, אַ קאָני־לעמל, אַ שוטה בן פּיקהאָלץ. דו לאָזט זיך נאַרן פון יעדן איינעם, ווער עס וויל מאַכט פון דיר חוזק און לאַכט דיך אויס. ג־ט האָט דיר געגעבן אַ מויל צו רעדן, ניט צו שווייגן. ווען איינער באַליידיגט דיר און רירט דיר אָן מיט עפּעס, גיב צוריק כפל כפליים, וועט מען פאַר דיר האָבן דרך ארץ און קוקן אויף דיר מיט אַנדערע אויגן. ביזט אַ מענטש, ביינישל, אַ מאַן, אַ איד, זאָלסטו זיך אויפפירן ווי אַ זעלבער!

ביינישן זענען די ווערטער פון זיין קאָזין אַריין אין קאָפּ און ער איז פּלוצלונג געוואָרן אַן אַנדער מענטש. אין איינעם אַ טאָג, ווען דער פאָרמאַן פון זיין שאַפּ האָט אויף אים געטאָן אַ בייזן בליק און האָט אים געזאָגט אַז זיין אַרבעט טויג אויף כפרות און אַז מʼדאַרף אים אָפּזאָגן פון דער אַרבעט, האָט ביינישל זיך אויפגעשטעלט צו זיין פולער הויך און האָט דעם פאָרמאַן געמאַכט אַ קאָזאַצקן מי שברך, וואָס ער האָט נאָך ביז דעמאָלט פון קיינעם נישט געהערט.

געמיינט האָט ביינישל אַז ער וועט זיך צעקריגן מיטʼן פאָרמאַן וועט מען אים אין שאַפּ אָנטאָן צרות און מʼוועט מיט אים וואַשן די פּלאָר. איז עס אָבער געווען פונקט פאַרקערט, ווייל די זעלבע וואָך איז צו אים צוגעקומען דער אַסיסטענט פאָרמאַן און אים געזאָגט אַז ער זאָל אַרבעטן 2 שעה אָווערטיים.

געהערט אַז מען צעקריגט זיך באַקומט מען גאָר פּריווילעגיעס, איז ער געגאַנגען אַהיים און זיך צעקריגט מיט זיין ווייב און עס האָט ווידער געהאָלפן. זי האָט אויפגעהערט צו גיין צו פּאַרטיס. זי זיצט אין הויז און קאָכט געשמאַקע סאַפּערס, וואָס ער האָט שוין לאַנג ניט געגעסן. זי זיצט איצט לאַנגע שעהʼן אין הויז, קאָכט, באַקט, שטריקט און טוט אַלץ וואָס אַ גוטע באַלעבאָסטע דאַרף טאָן.

דעם פאָלגענדן שבת אין שוהל, האָט ביינישל זיך צעקריגט מיט'ן גבאי פון שוהל און האָט אים אַריינגעזאָגט אין טאַטנ'ס טאַטן און געזאָגט וואָס ער דענקט וועגן אים. און ווידער האָט עס געהאָלפן, ווייל דעם נעקסטן שבת האָט מען אים אויפגערופן צו שלישי און מ'האָט אים געמאַכט אַ געקרייזלטן מי שברך וואָס ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געהערט אין שוהל. מ'האָט אים אַוועקגעזעצט אויבן אָן אויף מזרח. עס פּאַסט ניט אַז אַזאַ חשוב'ער איד ווי ער זאָל זיצן ביים טיר, — האָט מען אים געזאָגט.

שפּיץ בקיצור, נאָך אַ סך יאָרן האָט ביינישל דער אָפּערעיטאָר ענדליך אויסגעפונען דעם וועג צו דערפאָלג: זיך צו קריגן מיט אַלעמען. איצט דאַרף ביינישל זיך צעקריגן מיט זיין לענדלאָרד, דעם סופער און עטלעכע פריינט און שכנים און ער וועט זיין אַ לייט מיט לייטן גלייך.

# עס איז ניט די זעלבע לבנה

איר רעדט וועגן דער לבנה, רעדט איר? וועגן דער לבנה לאָזט מיר, ווייל איך בין אַ לבנה־קוקער שוין ניט פון היינט און ווען איך וואָלט געלערנט אַסטראָנאָמיע וואָלט איך געווען אַ גרויסער אַסטראָנאָם און אפשר נאָך אַ גרעסערער.

ווען איך בין נאָך געווען אַ קליין אינגעל פלעג איך שעהן לאַנג שטיין און קוקן אויף דער לבנה ווי זי זיצט זיך אַזוי מאַיעסטעטיש אין הימעל ווי אַ ליכטיגער שטערן, באַלייכט די גאַנצע וועלט און פאַלט ניט אַראָפּ. די קינדער אין חדר פלעגן מיר טאַקע צוליב דעם רופן: "דער הימעל־קוקער".

מאָלט אייך אַז איך פלעג פאַר מיין שטענדיגען קוקן אויף דער לבנה כאַפּן גוטע פעטש פון מיין רבין, חיים שאַיע, דער מלמד. עס איז געווען גענוג אַז אַ אינגעל פון חדר זאָל אַ זאָג טאָן צום רבין: "רבי, שמיליק האָט שוין ווייטער געקוקט אויף דער לבנה", אַז דער רבי זאָל מיר מקיים פסק זיין און מיר מכבד זיין מיט אַ גוטער פּאָרציע פעטש.

וואָס איז עס עפּעס געווען דעם רבינס עסק וואָס איך האָב געקוקט אויף דער לבנה? עס איז עפּעס געווען זיין לבנה? ער האָט איר אָפּגעקויפט? נאָר וואָס דען, ער האָט סתם ליב געהאַט צו פּאַטשן! פון יעדן פּאַטש אָדער קנייפּ וואָס ער האָט מיר געגעבן, איז אים צוגעקומען אַ שטיק געזונט. מיר איז אָפּגעקומען געזונט, אים איז צוגעקומען געזונט.

אַ אינגעלע — פלעגט ער זאָגן בעת'ן פּאַטשן — דאַרף קוקן אויף דער ערד וואו ער גייט און ניט אויפן הימעל.

און הלמאי זאָל איך לייקענען? ער איז געווען אַ ביסל גערעכט, ווייל פון מיין שטענדיגען קוקן אויף דער לבנה, פלעג איך אַריינפאַלן אין אַ גרוב אָדער אַ בלאָטע און זיך צעמזיקן און פאַרשמירן, און איך בין שטענדיג אַרומגעגאַנגען מיט אַ צעקלאַפּטער נאָז ווי אַ פּרייז־פייטער און מיט אַ פאַרשמירטן פּנים ווי אַ קוימענקערער.

ווען איך האָב פאַרלאָזט מיין היים־שטאָדט אין פּוילן און בין

געפאָרן קיין אַמעריקע, האָב איך מיר צוגערשט געזאָרגט וואָס איך לאָז איבער אַזאַ שיינע לבנה און פאַר אַוועק אין מרחקים. ווי אַזוי וועל איך קענען לעבן אין אַמעריקע אָן מיין שיינע ליכטיגע לבנה? — האָב איך געטראַכט. מיין זאָרג איז אָבער געווען אַן אומזיסטע, ווייל די לבנה איז נאָכגעפאָרן נאָך אונזער שיף מייל נאָך מייל, און ווען איך בין אָנגעקומען קיין אַמעריקע האָט שוין די לבנה געוואַרט אויף מיר ביים פּאָרט, די לבנה איז נאָך אָנגעקומען קיין אַמעריקע פאַר מיר.

ווען די אַסטראָנאַטן האָבן מיט פופצען יאָר צוריק זיך געקליבן אַרויפצוכאַפּן אויף דער לבנה, איז אויף מיר געפאַלן אַ שרעק. ווער ווייסט וואָס די דאָזיגע לאַפּאַצאַנעס וועלן טאָן צו מיין שיינער און ריינער לבנה ווען זיי וועלן אויף איר אַרויפקריכן? — האָב איך געטראַכט מיט זאָרג. גזלנים, רוצחים — האָב איך געוואָלט אויסשרייען צו די אַסטראָנאַטן — טשעפּעט ניט די לבנה, לאָזט איר צורו! זי הענגט שוין אין הימעל פאַר אַזוי פיל טויזענט יאָרן און לייכט פאַר די מענטשן־קינדער אין די פינסטערע נעכט. ווען איר וועט אַרויפקריכן אויף דער לבנה מיט אייערע בלאָטיגע שטיוועל, וועט איר די לבנה חלילה פאַרשמירן און פאַראומרייניגען. ווי אַזוי וועל איך קענען מחדש זיין אַ פאַראונרייניגטע לבנה?

מיין געבעט איז אָבער געווען אומזיסט, די אַסטראָנאָטן האָבן געטאָפּשטעט אויף דער לבנה מיטביידע פיס, האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף איר קאַרק, האָבן איר אַריינגעקלאַפּט אַ שטעקן, האָבן פון איר געריסן שטיקער און זענען אויף איר אַרומגעפאָרן מיט אַ קאַר ממש ווי מ׳פאָרט אַרום אויף דער ערד. ווער ווייסט וואָס נאָך זיי האָבן געטאָן ווען זיי זענען אויף איר געזעסן? — האָב איך געטראַכט.

זינט דעמאָלט קוקט די לבנה אַראָפּ אויף דער ערד אַ פאַרשעמטע, פונקט ווי זי וואָלט געהאַט טענות צו מענטשן פאַרוואָס מ׳האָט איר פאַרשוועכט.

אַמאָל ווען איך פלעג מחדש זיין די לבנה און טאַנצן קעגן איר, פלעגט זיך מיר דאַכטן אַז איך זע דאָרט אַ קליין מענטשעלע מיט אַ שמייכלעדיג פנים, מיט אויגען און אַ מויל, היינט זע איך דאָרט מער גאָרניט. אַמאָל אַז איך פלעג טאַנצען געגן דער לבנה ווען איך האָב איר מחדש געווען און האָב געזאָגט ״שלום עליכם״, פלעגט זיך מיר

דאַכטן אַז זי ענטפערט אָפּ — ״עליכם שלום״. היינט אָבער הער איך מער גאָרניט. עס איז ניט מער די זעלבע לבנה...

# קויפט ניט ביי קיין פריינט

טאָמער ווילט איר עפּעס קויפן, זאָלט איר, איר הערט, קויפן נאָר ביי אַ ווילד־פרעמדן מענטשן וואָס איר האָט קיינמאָל ניט געזען, ווייל טאָמער וועט איר קויפן עפּעס ביי אַ פריינד, ספּעציעל אַ גוטן פריינד, וועט ער אייך אָפּנאַרן פון קאָפּ ביז די פיס און וועט אייך פאַר דעם רעכענען אַ געשוואָלענעם פּרייז. איך זאָג דאָס ווייל איך ווייס פון ערפאַרונג.

הערט אַ מעשה:

מיט אַ יאָר צוריק האָט מיין האַנט־זייגערל וואָס איך האָב געטראָגן העכער צוואַנציג יאָר, פּלוצלינג באַשלאָסן אויפצוהערן צו גיין. האָב איך דעם זייגער, פאַרשטייט זיך, גענומען צו אַ זייגערמאַכער און אים געפרעגט וואָס מ׳קען מיט אים טאָן. דער זייגערמאַכער האָט געעפנט דעם זייגער, האָט אים באַקוקט פון אַלע זייטן און האָט אַרויסגעגעבן זיין פּסק: אייער זייגער — האָט ער געזאָגט — איז אַן אויסגעדינטער סאָלדאַט, ער האָט ריטייערט און איז באַרעכטיגט צו סאָשעל סעקיוריטי, מעדיקעיר און אַלע אַנדערע בענעפיטן, צו וועלכע אַ סיניאָר סיטיזן איז באַרעכטיגט.

האָב איך לכתחילה געדענקט זיך צו באַגיין אָן אַ זייגער. צו וואָס דאַרף איך אַ זייגער? — האָב איך געטראַכט. אַכט אַזייגער אינדערפרי פאָרן די קינדער אין חדר, ניין אַזייגער גייען די גאַרבעדזש טראָקס, עלף אַזייגער שטעלט מיין שכן אָן זיין ראַדיאָ, און צוועלף בייטאָג פייפן די שיפן אויפ׳ן איסט ריווער. טאָ צו וואָס דאַרף איך אַ זייגער?

האָב איך דאָך אָבער אַ פריינט וואָס האַנדלט מיט זייגערס, האָט דער דאָזיגער פריינט זיך אויף מיר אָנגעזעצט אַז איך זאָל ביי אים קויפן אַ זייגער און אַז דער פריינט מיינער, וואָס הייסט שכנא קרעפּל פאַרלייגט זיך אויף עפּעס, פּירט ער שטענדיג אויס. אַ מענטש אָן אַ זייגער — האָט שכנא מיר געלעקטשורט, איז בלויז אַ האַלבער מענטש, ער איז ווי אַ קאַץ אָן אַ עק אָדער ווי אַ שייגעץ אָן אַ פּייפּל. און אַזוי ווי איך האָב נישט געוואָלט זיין אַ האַלבער מענטש, האָב איך געקויפט ביי אים אַ זייגערל פאַר הונדערט דאָלאַר און שכנא האָט מיר פאַרזיכערט אַז עס איז דאָס בעסטע זייגערל אין דער וועלט און אַז דער פרינץ אָוו וועילס האָט נישט קיין בעסערס.

איז דאָס נייע זייגערל מיינס, וואָס דער פרינץ אָוו וועילס האָט נישט קיין בעסער׳ס, געגאַנגען אַ טאָג מיט אַ נאַכט און האָט זיך אָפּגעשטעלט. בין איך, פאַרשטייט זיך, געגאַנגען מיט מיין זייגערל צו שכנא׳ן און נאָכדעם ווי ער האָט אים פאַרריכט, האָט ער זיך פאַרשפּעטיגט אויף גאַנצע צוויי שעה. ווידער האָב איך געבראַכט דאָס זייגערל צו שכנא׳ן און דאָס מאָל האָט ער אָנגעהויבן צו לויפן ווי אַ ווילדע ציג און די ווייזערס האָבן זיך אַרומגעדרייט פיר מאָל דורכ׳ן מעת לעת. קוקנדיג אויף מיין משוגענעם זייגער, בין איך געווען אין שרעק אַז מיין לענדלאָרד זאָל אים נישט דערזען און מיר רעכענען פאַר מיין דירה דאָפּלט רענט. ביי מיין לענדלאָרד וואָלט איר דאָס געקענט פועל׳ן. שכנא האָט ווידער פאַרריכט מיין זייגערל און עס איז געגאַנגען אַ שטיקל צייט, האָב איך אָבער געהאַט דערמיט אַנדערע צרות.

איינמאָל, זיצנדיג אין סאָבוועי, האָב איך פאַרשאַרט דעם אַרבעל פון מיין מאַנטל צו זען אויף וויפל מינוט די טרעין האָט זיך פאַרשפּעטיגט, איך גיב אַ קוק, דאָס שייבעל פון זייגערל איז ניטאָ און ביידע ווייזערס פעלן. שכנא האָט ווידער פאַריכט מיין זייגערל און עס איז געגאַנגען גוט אַ טאָג מיט אַ נאַכט. ווען איך בין אָבער

איינמאָל געגאַנגען אָנציען דעם זייגער איז דער אָנציער אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד, און איך האָב אים בשום אופן נישט געקענט געפינען.

שפּיץ־בקיצור, איך האָב פון דעם זייגערל געהאַט די אמת׳ע צרות, שכנא האָט עס געהאַלטן אין איין פאַרריכטן און דאָס זייגערל האָט געהאַלטן אין איין צעבראָכן ווערן. איך האָב כסדר געטראָגן דאָס זייגערל צו און פון שכנא׳ן און האָב דערביי צוריסן אַ פּאָר שיך. דאָס זייגערל איז ביי שכנא׳ן געווען מער ווי ביי מיר און איך האָב זיך שוין מייאש געווען אַז שכנא זאָל נאָך פון דעם עפּעס מאַכן און עס זאָל גיין ווי אַלע זייגערס.

שכנא איז צוליב מיין זייגערל, פאַרשטייט זיך, מיר געוואָרן א דם שונא און האָט מיר גערופן אַלע סאָרטן נעמען, מטורף, צעדרייטער, נודניק און יעדעס מאָל וואָס ער האָט מיר געזען ביי זיין טיר האָט ער מיר אָנגעקוקט ווי אַ גזלן און האָט אַ געשריי געטאָן צו זיין ווייב: "כאַשע, גיב אַהער דעם בעזים, דער משוגענער איז שוין ווידער דאָ מיט׳ן זייגער".

דער סוף איז געווען אַז איך האָב שכנא׳ס זייגערל אַריינגעוואָרפן אין מיסט־קאַסטן, בין אַריינגעגאַנגען אין אַ עלעקטריקל אַפּלייענס סטאָר און האָב געקויפט אַ זייגערל פאַר צען דאָלער און וואָס זאָל איך זאָגן: עס גייט ווי אַ זייגער דאַרף גיין און נישט ווי אַ זייגער וואָס מ׳קויפט ביי אַ פריינט.

# זימל ברוגזמאַן, דער בייזער איד

זימל ברוגזמאַן איז געבוירן געוואָרן אין אַ זויערע מינוט. ווען זיין מאַמע האָט מיט אים געטראָגן — זאָגען לצים — האָט זי דעמאָלט כסדר געגעסן לימענעס און זויערע אוגערקעס, און זיין טאַטע איז געווען אין כעס ווען ער האָט מקדש געווע, זיין מאַמען. איז טאַקע זימל ברוגזמאַן שטענדיג אין כעס אויף דער גאַנצער וועלט. זיין פּנים איז אייביק פאַרכמורעט און ער גייט אַרום דעם גאַנצן טאָג און וואָרטשעט ווי אַ קאַץ וואָס קען קיין מייזלאַך ניט כאַפּן.

פאַרוואָס איז זימל שטענדיג אין כעס אויף דער גאַנצער וועלט, פונקט ווי אַלע וואָלטן אים שולדיג געווען געלט און ווילן אים ניט באַצאָלן? ווייל ער האָט שטאַרק הנאה פון זיין אין כעס און עס קומט אים צו אַ שטיק געזונט פון בייזערן זיך אויף מענטשן. ווען ער זידעלט עמיצן אָן און זאָגט אים אַריין שאַרף און שפּיציג פּילט ער זיך ווי אַ פיש אין וואַסער און ווען ער וואָלט ניט געהאַט וועמען צו שימפן און זידלען און צו דערגיין די יאָרן וואָלט ער עס חלילה ניט אויסגעהאַלטן.

דאָס טרעפט אָבער זעלטן און אַזוי ווי ג־ט שיקט יעדן שיכור צו זיין משקה, אַזוי שיקט ער זימלען שטענדיג צו זיין קרבן. ס׳איז גענוג אַז איינער זאָל נאָר עפענען דאָס מויל און עפּעס זאָגן, זאָגט זימל באַלד קאַפּויער און פאַלט אויף יענעם ווי ער וואָלט געווען דער גרעסטער פאַרברעכער. בכלל רעדט זימל קיינמאָל ניט דער ערשטער, ווייל ווען ער רעדט דער ערשטער וואָלט דאָך געקענט טרעפן אַז דער צווייטער זאָל מיט אים מסכים זיין, וועט דאָך דעמאָלט זימל ניט האָבן וואָס צו זאָגן. וואַרט ער דעריבער אַז דער צווייטער זאָל רעדן פריהער און דעמאָלט זאָגט ער קאַפּויער. וואָס איר זאָלט זימלען ניט זאָגן, מעג עס זיין די אינטערעסאַנטסטע זאַך, גיט ער גלייך אַ מאַך מיט דער האַנט און אַ דריי מיט דער נאָז און איז עס מבטל כעפרא דארעא.

קיין זאַך אימפּאָנירט ניט זימלען, קיין זאַך באַגייסטערט אים ניט. אַנומעלט האָט ער געזען ווי אַן אַקראָבאַט איז געהאָנגען מיטן קאָפּ

אַראָפּ און מיט די פּיס אַרויף און האָט געשפּילט פידעל, אַלע זענען געווען אַנציקט, האָבן געפּאַטשט בראַוואָ און האָבן געדונערט מיט אַפּלאָדיסמענטן, זימעל ברוגזמאַן איז אָבער געזעסן אויף זיין פּלאַץ ווי אַ קאַלטער גזלן און האָט ניט געזאָגט קיין איין וואָרט. אַז מ׳האָט אים געפרעגט וואָס ער זאָגט אויף דעם, האָט ער געענטפערט גלייכגילטיג: קיין יאַשאַ חפץ איז ער ניט.

איר הערט — יענער הענגט אַראָפּ ווי אַ הערינג מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פּיס אַרויף און שפּילט פידעל, וויל ער נאָך אַז ער זאָל שפּילן ווי יאַשאַ חפץ.

מ׳זאָל פּאַר אים אַוועקשטעלן דעם גרעסטן חזן מיט׳ן בעסטן כאָר, וועט ער ניט זיין צופרידן, אַ יאָסעלע ראָזענבלאַט וויל ער און ניט קיין אַנדערן. זימל ברוגזמאַן איז ניט קיין יונגער צוציק, ער האָט טאַקע געהערט יאָסעלע ראָזענבלאַט ווען ער האָט געלעבט מיט פופציג יאָר צוריק, אָבער די וואָס געדענקען דאָס זאָגן אַז ער איז דעמאָלט אויך ניט געווען צופרידן מיט אים, דעמאָלט האָט ער געוואָלט אַ ווילנער בעלבעסעל.

זיין ווייב און קינדער האָבן, פאַרשטייט זיך, פון אים צו זינגען און צו זאָגן. קאָכט מען לאָקשן, וויל ער בולבעס, קאָכט מען בולבעס, וויל ער קאַשע. ווען די קינדער זענען געווען קליין האָט ער זיי יעדן אינדערפרי אויסגעשטעלט אין אַ רייע און זיי אָפּגעשמיסן איינס און איינס. איצט אָבער, ווען די קינדער זענען שוין גרויס און זענען שוין באַלד העכער פון אים, קען ער זיי מער ניט שמייסן און דאָס טוט אים ווי וואָס עס איז אים צוגענומען געוואָרן אַזאַ גרויסער פאַרגעניגן.

בלויז איין מאָל אין דער וואָך איז זימעל ברוגזמאַן אין אַ גוטער שטימונג, ער איז דעמאָלט ניט אין כעס, בייזערט זיך ניט אויף קיינעם, און דאָס איז שבת אינדערפרי נאָכ׳ן דאַווענען ווען מ׳מאַכט קידוש. ווען ער זעט נאָר ווי מ׳טראָגט דאָס פלעשל משקה, ווערט ער אַן אַנדער מענטש, זיין פּנים גלייכט זיך אויס, די בייזקייט פאַרשווינדט און אַ גליקזעליגער שמייכל באַווייזט זיך אויף זיין פּנים, דאָס איז אָבער בלויז איינמאָל אין דער וואָך.

# מיין וואַקאַציע אין האָטעל וחלקלקות

זענט איר שוין געווען דעם זומער אויף וואַקאַציע ערגעץ אין די בערג? אויב ניט, נעמט מיין עצה און פאָרט ניט. אָט בין איך דעם פאַרגאַנגענעם זומער געווען אויף וואַקאַציע אין די קעטסקיל בערג, בין איך צוריקגעקומען אַ צעביסענער און אַ צעדראַפּעטער פּונקט ווי איך וואָלט געווען אין לבנון אָדער אין אַפגאַניסטאַן. ווען די היצן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אונז און אַלע זענען אַוועקגעפאָרן אין די בערג זיך אָפּצוקילן אַביסל, האָב איך מיטגעהאַלטן מיט אַלע. איך האָב איינגעפּאַקט מיין טלית און תפילין און נאָך אַ פּאָר קליינניקייטן, מיין ווייב האָט איינגעפּאַקט אַ פּאָר הונדערט דרעסערס און זענען אַוועקגעפאָרן אין האָטעל וחלקלקות פון צדוקסוויל, ניו יאָרק.

ווען מיר זענען אַראָפּ פון באָס, האָבן אונז גלייך באַגעגענט אַ גאַנצע כאָפּטע פליגן און מאָסקיטאָס פון אַלע סאָרטן און האָבן אונז אָנגעהויבן צו בייסן און רייסן שטיקער פון אונז. דאַכט זיך פרעמדע פליגן, מיר קענען זיי ניט און ווייסן זיי ניט און זיי, די זלידנע חברה האָבן זיך געמאַכט היימיש מיט אונז ווי מיט אַלטע באַקאַנטע. ווען מיר זענען אַריין אין אַ טעקסי אונז צו נעמען אין האָטעל, זענען די פליגן אויך אַריין אין קאַר און זענען געפאָרן אין האָטעל צוזאַמען מיט אונז. וואָס — האָב איך געזאָגט צום דרייווער — די פליגן פאָרן מיט אונז אין האָטעל, וועלן זיי דאָך אונז געבן די אמת׳ע וואַקאַציע. זאָרגט ניט, ר׳ איד — האָט ער מיר געענטפערט — די פליגן בלייבן דאָ אין דער טעקסי מקבל פנים צו זיין פרישע געסט און אין האָטעל וועט איר האָבן אַנדערע פליגן, פליגן פאַר׳ן דיינינג רום, פאַר׳ן בעד רום, פאַר׳ן פּאָרטש, איר׳ט האָבן פליגן וואו נאָר איר׳ט שטיין אָדער גיין.

און ער איז געווען גערעכט, דער דרייווער, ווייל ווי נאָר מיר זענען אויפ׳ן פּאָרט פון האָטעל, זענען אונז באַפאַלן אַ פרישע כאָפּטע פליגן. איין פליג האָט געלאַנדעט ביי מיר אויפ׳ן שפּיץ נאָז, האָט מיר געטאָן אַ ביס און איז אַנטלאָפן. ער איז געקומען אַ צווייטן מאָל, האָט ווידער געטאָן אַ ביס און איז ווידער אַנטלאָפן. דאָס איז געווען

אַ מין "היט ענד ראַן" אַטאַקע, וואָס שיכור'ע דרייווער טוען אַמאָל. אַ צווייטע פליג — אַ גרויסער עזות פּנים — האָט אַרומשפּאַצירט אויף מיין שטערן אַהין און צוריק ווי ביי איר טאַטען אין ווייַנגאָרטן. חוצפּניצע — האָב איך אויף איר אַ געשריי געטאָן — מיין שטערן איז ניט קיין טו ווערי סטריט. אַ דריטע פליג האָט צורו געלאָזט מיין פּנים, איז אָבער געשטאַנען אויף איין אָרט, האָט געזשומעט און געפּאַטעט מיט די פליגל ווי אַ העליקאָפּטער ווי זי וואָלט מיר געסטראַשעט מיט עפּעס. זי האָט מיר הפּנים געוואָלט זאָגען אַז זי וועט מיר גאָרניט טאָן נאָר מורא זאָל איך פאַר איר האָבן.

ווען איך בין אַריין אין האָטעל און האָב געפרעגט דעם באַלעבאָס פון האָטעל וויפל עס וועט קאָסטן צו שטיין דאָ פּאַר מיר מיט מיין פרוי, האָט ער מיר אויפגעזינגען אַזאַ פּרייז אַז איך האָב זיך דערשראָקען. מיסטער, האָב איך אים געזאָגט — איר האָט אַ טעות, איך וויל ניט אָפּקויפן דעם האָטעל, איך וויל בלויז שטיין דאָ אַ וואָך צייט מיט מיין פרוי. מעכל — האָט דער באַלעבאָס אויסגעשריגען — מיר האָבן ערשט אַריינגעקראָגען אַ קאָמיקער, ער'ט אונז פריילייך מאַכן, עס וועט זיין ליהודים. מיר האָבן פונדעסטוועגן גענומען אַ צימער אויפ'ן פערטן שטאָק. ער האָט אונז געגעבן דעם שליסעל און מיר זענען געגאַנגען נעמען דעם עלעווייטאָר אַרויפצוגיין אויפ'ן פערטן שטאָק.

דער עלעווייטאָר איז נאָך אָבער ניט געווען. ער איז געקראָכן ווי אַ טשערעפּאַכע און ווען ער איז ענדליך אָנגעקומען האָבן זיך אַלע אין אים אַריינגעקוועטשט ווי סאַרדינען אין אַ קענדל. ס'איז דאָרט געווען אַזוי ענג, אַז איינער האָט געוואָלט חלש'ן, האָט ער ניט געהאַט וואו אַוועקצופאַלן און ער האָט גע'חלש'ט שטייענדיגערהייד. אַז איך האָב געפרעגט איינעם וויפל עס איז דער זייגער האָט ער מיר געענטפערט מיט כעס אַז אין דעם עלעווייטאָר פרעגט מען ניט וויפל עס איז דער זייגער נאָר וועלכער טאָג עס איז. איינמאָל — האָט ער צוגעלייגט — איז אין עלעווייטאָר אַריינגעקומען אַ קליין אינגל און ווען ער איז אַרויס איז ער שוין געווען בר מצוה. און אַ איד איז אַמאָל אַריינגעקומען אַהער — האָט אַ צווייטער איד צוגעלייגט — און ווען ער איז אַרויס האָט ער שוין געקענט קריגען סאָשעל סעקיוריטי.

ווען מיר זענען אַריין אין צימער און געזען וואָס דאָרט טוט זיך, איז אונז ניט גוט געוואָרן. קיין וואַרים וואַסער איז דאָרט אין גאַנצן

ניט געווען און פון דער קאַלטער קראַן האָט גערונען טראָפּענווייז ווי עס רינט אַ קינד פון נעזל. די עלעקטריק האָט דאָרט ניט געאַרבעט און פון סופיט איז געווען אויסגעבראָכן אַ שטיק אַז מ׳האָט געזען דעם הימל. איך האָב, פאַרשטייט זיך, אַרויפגערופן דעם מענעדזשער און אים געגעבן אַ פּסק פאַר דעם צימער וואָס מ׳האָט אונז געגעבן.

דער מענעדזשער איז אַרויפגעקומען, האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ בעט און מיר געגעבן אַ לעקציע וועגן הלכות וואַקיישאָן. דאָס וואָס עס איז ניטאָ אין צימער קיין הייסע וואַסער — האָט ער געזאָגט — איז גאָרניט, עס איז דאָך זומער און זומער גייט אַלעס קאַלט. און דאָס וואָס די וואַסער פון דער קאַלטער קראַן גייט לאַנגזאַם און ס׳עט אייך נעמען אַ יאָר מיט אַ מיטוואָך זיך אָפּצוואוואַשן, איז אויך גאָרניט. איר זענט דאָך אויף וואַקאַציע, האָט ער ווייטער געזאָגט — עס פעלט אייך צייט. דאָס וואָס דער דאַך איז צובראָכן און מ׳זעט אַרויס דעם הימעל — דאָס איז נאָך אַ מעלה — האָט ער געזאָגט —, איר וועט קענען זיצן דאָ אויפ׳ן בעט און מחדש זיין די לבנה. דאָס וואָס די עלעקטריק אין צימער אַרבעט ניט און עס איז חושך מצרים איז ניט קיין גרויסער פּראָבלעם — נאָט אייך מיין פלעשלייט און פּטור אַן עסק — האָט ער פאַרענדיגט זיין לעקציע.

שפּיץ בקיצור, מיר האָבן געהאַט די אמת׳ע וואַקאַציע. אַלעס אין האָטעל וחלקלקות איז געווען וואָס עס האָט ניט געדאַרפט זיין. די זופּ איז געווען קאַלט, די אייס קרים איז געווען וואַרים, די ברויט איז געווען ווייך, די פלייש איז געווען האַרט, דער עלעווייטאָר איז געפאָרן לאַנגזאַם אָבער די בעטן און דער דרעסער זענען אַרומגעפאָרן איבערן צימער ווי אַ בייזער רוח וואָלט זיי געטריבן. און די פליגען פון דיינינג רום, כ׳האָב נאָך אין מיין לעבן ניט געזען אַזעלכע גרויסע אויסגעפאַשעטע פליגען. איך האָב אין האָטעל וחלקלקות אויסגעפונען פאַרוואָס ג־ט האָט באַשאַפן אַ מענטשן מיט צוויי הענט, מיט איינער צו עסן און מיט דער צווייטער צו טרייבן די פליגן. — אין דעם האָטעל האָט מען געקענט נוצן אַ דריטע און אַ פערטע האַנט.

# דער גליקליכער בעטשלאָר

פיניעלע זעץ איז דער גליקליכסטער מענטש אין דער גאַנצער וועלט, ער גייט אַרום גאַנצע טעג אַ שמייכלדיגער און אַ פרייליכער, קייעט סעמעטשקעס און ברומט חסידישע ניגונים.

וואָס פרייט זיך פיניעלע, וואָס איז מיט אים די גדולה?

קודם כל פרייט זיך פיניעלע וואָס ער איז געבוירן געוואָרן, ווייל ווען ער ווערט ניט געבוירן, ווי וואָלט ער געקענט עסן קרעפּלאַך מיט וואַרעניקעס, מאַרציפּאַנעס און אַלע סאָרטן לאַקוטקעס, וואָס ער האָט אַזוי ליב?

צווייטנס, פרייט זיך פינעלע וואָס ער איז נאָך אַ בחור, וואָס מ׳רופט אויף ענגליש, אַ בעטשלאָר און איז נאָך דער באַלעבאָס איבער זיין באַנק־ביכל און געלט בייטל. פיניעלעס אַלע פריינט זענען שוין לאַנג באַווייבט און באַקינדלט און האָבן שוין בערג מיט דאגות און חובות און ער, פיניעלע, איז נאָך אַ פרייער פויגעל, לאַכט פון דער גאַנצער נאַרישער וועלט און פייפט אויף איר אַ תקיעה גדולה.

געווען אַ צייט ווען ס׳האָט אויסגעזען אַז אויך ער וועט גיין אין שפּאַן און וועט חתונה האָבן ווי אַלע זיינע פריינט האָבן געטאָן. זיין קלוגער אָנקעל שלום בער, האָט אים אָבער שטענדיג אָפּגערעדט פון דעם. פיניעלע — האָט דער אָנקעל אים געוואָרנט — זאָלסט זיך ניט לאָזן פירן אין באָד אַריין פון די שדכנים וואָס לויפן דיר נאָך. אונז אַלע האָט מען אַריינגענאַרט אין זאַק און פאַרבונדן מיט שטריק. אַלע לייסענס זאָלסטו אַרויסנעמען, דרייווערס לייסענס, שאָפערס לייסענס, ריעל עסטייט לייסענס, פון מערידזש לייסענס זאָלסטו אָבער וויכן ווי אַ שד פאַר ווייררוך. האָט פיניעלע געפאָלגט זיין אָנקעל, האָט געהיט זיין ביסל פרייהייט, האָט אויסגעמיטן אַלע שדכנים און זיך ניט געלאָזט פאַרשדכענען.

אין שוהל וואו פיניעלע דאַווענט יעדן טאָג, מאַכט מען זיך איבער אים פרייליך און מ׳קיבעצט אים אויף וואָס די וועלט שטייט. גלייך נאָכ׳ן דאַווענען, ווי מ׳לייגט נאָר אָפּ די טליתים און די תפילין,

רינגלען אים אַרום אַ גאַנצע כאָפּטע קיבוצערס און די קאָמעדיע הויבט זיך אָן:

פּיניעלע, ס׳איז דיר ניט קאַלט צו דאַווענען אָן אַ טלית? — האָט איינער אים געפרעגט.

און אַ צווייטער האָט געענטפערט:

ער טראָגט וואַרימע הויזן.

פּאַרטיג מיטן ערשטן קיבעץ קומט גלייך דער צווייטער:

ביזט דאָך אַ פרומער בחור, פּיניעלע — האָט אים אַ דריטער געזאָגט — טאָ פאַרוואָס פּאָלגסטו ניט אויס דעם בן שמונה עשרה לחופה, וואָס עס שטייט אין פּרקי אבות? און עמיצער פון רינג ענטפערט גלייך —

״ער שטייט אַ לאַנגע שמונה עשרה״.

אַמאָל גאָר לאָזט פּיניעלע זיך ניט שפּייען אין דער קאַשע און צאָלט צוריק מיט דער זעלבער מטבע. אַנומעלט, ווען אַ איד פון שוהל וועלכער האָט אין אים געוואָלט פאַרדינען שדכנות געלט, האָט פּיניעלען געפרעגט די זעלבע קשיא הלמאי ער איז ניט מקיים דעם בן שמונה עשרה לחופה, האָט פּיניעלע אים צוריקגעפרעגט:

און פאַרוואָס זענט איר נישט מקיים דעם בן ארבעים לבינה?

אַמאָל גאָר קומען צו פּיניעל׳ן צו אַ פּאָר שדכנים וועלכע האָבן שוין ביי אים צוריסן אַ פּאָר שיך, פּרובירענדיג אים צו פאַרשדכנען. זיי וועלן אים אַזוי דערגיין די יאָרן — זאָגן זיי — ביז ער׳ט מוזן חתונה האָבן.

פּיניעלע — גיט איינער אַ זאָג — נעכטן בין איך דיר געגאַנגען רעדן אַ שידוך מיט אַ מיידעל וואָס וואוינט אויפ׳ן דריטן שטאָק, האָט מען מיר אַראָפּגעוואָרפן פון אַלע טרעפּ. האָב איך באַשלאָסן מער ניט צו רעדן דיר אַ שידוך אויף אַ הויכן שטאָק, אויפ׳ן ערשטן שטאָק וועל איך מיט דיר נעמען אַ שאַנס.

און איך — האָט אַ צווייטער געזאָגט — האָב פאַר דיר גאָר אַ פיין מיידל, זי האָט אָבער אַ שטיקעל חסרון, זי קען ניט קאָכן.

ס׳מאַכט ניט! — האָט אַ דריטער געזאָגט — זי וועט ביי אים ניט האָבן וואָס צו קאָכן.

אַ פערטער ווידער זאָגט צו פּיניעלען אַז ער האָט פאַר אים אַ טייערן שידוך מיט אַ מיידעל פון קראָקע, אַ גרויסע מיוחסת.

ער וויל ניט קיין גרינע — האָט געזאָגט אַ פינפטער.

זי איז ניט קיין גרינע; זי איז שוין פערציג יאָר אין אמעריקע — ענטפערט צוריק דער ערשטער.

חברה שיסט אויס אין אַ געלעכטער און פיניעלע לאַכט צוזאַמען מיט זיי. זאָלן זיי לאַכן און זיך פרייליך מאַכן — טראַכט ער — קיין צרות פעלט זיי דאָך ניט. זיי זענען דאָך אַלע פאַרהייראַטע, האָבן ווייבער מיט שוויגערס. זיי פאַרגינען אים ניט זיין פרייהייט, זאָלן זיי זיך משמח זיין, כאָטש אויף זיין אַדרעס, וואָס קען עס אים שאַטן?

# וועגן נאַראָנים, שוטים און טיפּשים

מיר לעבן, איר הערט, אין אַ וועלט פון נאַראָנים, שוטים און טיפּשים, צעבראָכענע טעפּלאַך, איבערגעדרייטע שלעסלאַך, האַלבע און גאַנצע אידיאָטן. מ'וואָלט געדאַרפט אָט די אַלע מטורפים בינדן הענט און פיס און זיי איינשפּאַרן אין אַ משוגעים הויז. נאָר וואו וואָלט מען גענומען אַזאַ גרויסן משוגעים־הויז? און וואו וואָלט מען גענומען אַזוי פיל שטריק זיי אַלע צו בינדן? און ווער וואָלטן געווען די בינדערס, אַז די וואָס וואָלטן געבינדן די אידיאָטן וואָלט מען אויך געדאַרפט בינדן די הענט און די פיס און זיי איינשפּאַרן אין אַ משוגעים־הויז.

ניט אַלע נאַראָנים און טיפּשים זענען פון זעלבן קלאַס און גאַטונעק און עס זענען דאָ פאַרשידענע סאָרטן און קאַטעגאָריעס. איין סאָרט, פון וועלכן עס איז דאָ אַ גאָר גרויסע צאָל, זענען פּראָסטע חי וקיימ'ס, וועלכע קענען גאָרניט און ווייסן גאָרניט, קוקן מיט וואַסערדיגע אויגן אויף דער גאַנצער וועלט און ווייסן ניט וואָס עס טוט זיך מיט זיי און ווער עס האָט זיי געשלייערט. די דאָזיגע אידיאָטישע חברה זענען ווייך ווי פּוטער און בויגעוודיג ווי אַ דין צווייגל. איר קענט זיי קנעטן ווי טייג, פלעכטן ווי אַ קוילעטש, אָנדרייען ווי אַ זייגער און אָנסטרויען ווי אַ פידל און טאָן מיט זיי וואָס נאָר איר ווילט.

נאַראָנים און טיפּשים זענען בטבע לייכט־גלויביגע מענטשן און גלויבן אייך אַלץ אויפ'ן וואָרט. איר קענט זיי זאָגן, אַז די לבנה איז געמאַכט פון שווייצער קעז, אַז דער פּלאַנעט מאַרס טאַנצט אַ האָפּקע און זיי וועלן עס אָננעמען פאַר גוט געלט. איר קענט זיי אויך דערציילן אַז איר האָט אַליין געזען ווי אַ וועווריקל האָט געשפּילט אויף אַ פידל, אַ יאַשטשערקע האָט געזונגען חזנות און אַ טשערעפּאַכע איז געפלויגן אויף אַ בעזים איבער'ן דאַך און זיי וועלן אייך גלויבן אָן אַ שבועה. זיי גלויבן, אָט די חברה, אין כישוף־מאַכערס און זנאַכערס, אין רוחות און לאַפּיטוטן, אין פּיפּערנאָטערס און ים־קאָטערס און אין אַלץ אין דער וועלט. און פאַרוואָס זאָלן זיי ניט גלויבן? אויף דעם זענען זיי דאָך נאַראָנים.

אַ צווייטער סאָרט נאַראָנים קענען און ווייסן דווקא יאָ עפּעס. עס דוכט זיך זיי אָבער אַז זיי ווייסן אַלץ און איר ווייסט גאָרניט. זיי זענען כיטרע און איבערגעשפּיצט, האָבן קרומע קעפּ און אַ קרומע לאָגיק. צוויי מאָל צוויי איז ביי זיי אַ שטעקן און דריי מאָל דריי, אַ לאָקשנברעט, און אַלץ איז ביי זיי מיט'ן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף. זיי באַנוגענען זיך ניט מיט דעם וואָס זיי אַליין זענען משוגע און מטורף און ווילן אייך פאַרוואַנדלען אין אַזעלכע צודרייטע ווי זיי זענען. זיי האַלטן קרומע רעדעס, משוגענע לעקציעס און אַרבעטן מעשים אייך אויפצואווייזן אַז זיי זענען געזונט און איר זענט משוגע און אין אַ סך פאַלן געלונגט עס זיי.

אַ דריטער סאָרט אידיאָטן זענען ווילד און היסטעריש, ס'דוכט זיך זיי אַז זיי זענען קליגער פון אַלע און אַז זיי האָבן אָנגעכאַפּט דעם אמת ביי די הערנער און אַז זיי זענען באַשטימט פון ג-ט אַליין צו פאַרבעסערן די דאָליע פון מענטשן און צו לייזן אַלע זייערע פּראָבלעמען. זיי האַלטן היסטערישע רעדעס, רעווען ווי אָקסן און טראַכטן צו אַלע סאָרטן משוגענע טעאָריעס און אידייעס.

זענען ביי אידן דאָ אַזוי פיל נאַראָנים און שוטים ווי ביי די אומות העולם? דער ענטפער איז אַז ניט. אידן זענען אַ קליין פאָלק, ממילא זענען ביי אידן דאָ ווייניגער נאַראָנים ווי ביי אַנדערע פעלקער. דאָס איינציגע ביסל נאַראָנים וואָס געפינען זיך ביי אידן, זענען צווישן די חזנים ביי וועמען טיפּשות איז אַ מערקבאַרער כאַראַקטער־שטריך און אָן דעם קען מען כמעט ניט באַקומען קיין חזנות־שטעלע. ס'איז באַקאַנט אַ פאַל ווען אַ חזן האָט פאַרמאָגט אַלע מעלות און קוואַליפיקאַציעס וואָס אַ חזן דאַרף פאַרמאָגן. ער האָט פאַרמאָגט אַ לאַנגן חזניש'ן קיטל און אַ הויכע דריי גאָרנדיגע יאַרמולקע, ער האָט אפילו פאַרמאָגט אַ שיינע שטימע און האָט געקענט אַ ביסל חזנות. פונדעסטוועגן האָט ער ניט געקענט באַקומען קיין שטעלע. די סיבה פאַר דעם איז געווען וואָס ער איז ניט געווען קיין נאַר, האָט מען ניט געגלויבט אַז ער איז אַ חזן. פאַרוואָס דאָס איז אַזוי איז נאָכניט גרינטליך אויסגעפאָרשט געוואָרן. עס איז אָבער אַ פאַקט אַז אַ חזן איז אַ נאַר און וואָס גרעסער דער חזן איז, אַלץ גרעסער איז דער נאַר אין אים.

וויפיל נאַראָנים זענען דאָ אויף דער וועלט? עס האָט נאָך ביז איצט קיינער ניט גענומען די מי דאָס אויסצוגעפינען. מ'וואָלט פאַר

דעם געדאַרפט האָבן אַ פּאָר טויזענט עלעקטראָנישע רעכן־מאַשינען און אַ שטאַב פון עטליכע מיליאָן אַקאַונטענטס. די צאָל איז אָבער גאָר אַ גרויסע און יעדעס יאָר ווערן אויף דער וועלט געבוירן אַרום הונדערט מיליאָן נאַראָנים.

וועלן אייביג זיין נאַראָנים אויף דער וועלט? דער ענטפער איז אַז ניט. ווען די וועלט וועט אימערטשעם חרוב ווערן אין 257 יאָר אַרום וועלן מער ניט זיין קיין נאַראָנים.

# ווי אַזוי חיימ׳קע פּאַוואָליע היט זיין געזונט

ווען חיימ׳קע פּאַוואָליע איז אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע מיט אַ סך יאָרן צוריק, האָט זיין מוטער אים אָנגעזאָגט אַז ער זאָל למען השם אָפּהיטן דאָס געזונט זיינס, ער זאָל גיין שלאָפן פרי, ער זאָל גוט עסן און ניט אַרבעטן שווער. דער עיקר האָט זי אים אָנגעזאָגט אַז ער זאָל זיך היטן פאַר אָפענע פענצטער און צוג־ווינטלאַך, ווייל צוג־ווינטלאַך זענען מזיקים און קענען אָנטאָן גרויסע צרות.

און חיימ׳קע האָט זיין מאַמע׳ס קלוגע עצות זיך גוט אַריינגענומען אין קאָפּ און ווי נאָר ער איז געקומען קיין אַמעריקע האָט ער זיך גלייך גענומען צו דער אויפגאַבע פון היטן דאָס געזונט. ער האָט זיך אויסגעזוכט לייכטע פרנסות, ער האָט געהאַנדעלט מיט פעדערן, מיט וואַטע, מיט ביבלקע פּאַפּיר, ווייל זיי זענען לייכט צו טראָגן. ער האָט געגעסן גוט, האָט געהאַלטן די פענצטער פון זיין וואוינונג פאַרמאַכט און האָט זיך געלייגט שלאָפן מיט די הינער גלייך.

ווען ער איז געוואָרן עלטער און קלוגער האָט ער אויסגעפונען אַלץ נייע עצות און תחבולות ווי אַזוי צו היטן דאָס געזונט און אויסצומיידן צרות. ער האָט אויסגעפונען פון אַ לאַנדסמאַן אַז רוהען איז געזונט פאַר׳ן האַרץ, האָט ער זיך אָפּגערוהט אַלע ווייַלע, האָט געאַרבעט איין שעה און גערוהט צוויי שעה, ער האָט גערוהט מער ווי ער האָט געאַרבעט.

איבערהויפּט האָט חיימ׳קע זיך געהיט פון כאַפּן ״דזשווירמס״, ווייל פון דזשווירמס — האָט מען אים געזאָגט — נעמען זיך אַלע צרות און אָנשיקענישן. איז חיימ׳קע ניט געפאָרן אין איבערגעפּאַקטע סאָבוועיס און באָסעס און איז קיינמאָל ניט געשטאַנען צו נאָענט צו עמיצן ער זאָל זיך חלילה ניט אָנשטעקן מיט אַ דזשווירם. האָט ער געזען עמיצן הוסטן אָדער פייפען מיט דער נאָז, איז ער אַנטלאָפן וואו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט. חיימ׳קע האָט זיך אויך געהיט פאַר אָפענע פענצטער און צוג־ווינטלאַך און ווען ער האָט געזען אַז עמיצער גייט עפענען אַ פענצטער האָט ער גלייך אויפגעשטעלט דעם

קאָלנער פון זיין דזשאַקעט און געמאַכט אַ געוואַלד אַז מ'גייט אים שחט'ן אָן אַ מעסער.

ווען ער איז געוואָרן נאָך עלטער און האָט דערגרייכט די מיטעלע יאָרן, האָט ער אָנגעהויבן צו היטן זיין געזונט אויף אַן אמת און האָט געהיט די דיעטע ער זאָל חלילה ניט קראַנק ווערן. עסן — האָט ער געהאַלטן — איז אַ שלעכטע טבע און פירט צו פאַרשידענע קראַנקהייטן. פלייש טויג ניט פאַר'ן בלוט דרוק, פעטע זאַכן זענען שעדליך פאַר'ן האַרץ, פיש אַנטהאַלטען קוועקזילבער, אייער האָבן קאָלעסטעראָל און מילך ווערט פאַרפעסטעט פון אַטאָמישן אָפּפאַל. פרוכטן — האַלט ער — זענען גראָד געזונט צום עסן, ווערן זיי אָבער באַשפּריצט מיט אַזאַ סם וואָס טויטעט די פליגען און מוראַשקעס, און אַז דער סם טויטעט פליגן און מוראַשקעס קענען זיי אים אויך אַוועק'הרג'ענען, האָט ער געטראַכט.

מיידט חיימ'קע אויס אָט די אַלע זאַכן און עסט בלויז גרינסן. ער עסט גרינסן פאַר ברעקפעסט, גרינסן פאַר דינער און גרינסן פאַר סאָפּער. ער עסט אַזוי פיל גרינסן — וויצעלט ער זיך אַז ער וועט נאָך אָנהויבן צו מעקען ווי אַ ציג.

פאַרשטייט זיך, אַז חיימ'קע האָט קיינמאָל ניט חתונה געהאַט ווייל ווי וועט ער קענען אָפּהיטן דאָס געזונט מיט אַ אידענע אין הויז? וואָס וועט ער טאָן ווען זי וועט עפענען אַ פענצטער און ער וועט זיך צוקילן און הוסטן? און וואָס וועט ער טאָן ווען זי וועט רעדן פינף און צוואַנציג שעה אין מעת לעת און אים ניט לאָזען שלאָפן? און וואָס וועט זיין אַז ער'ט אַריינקריגען אַ בייזע שוויגער מיט אַ מויל אויף שרויפן, אַה?

און אַז אַ ווייב האָט ער ניט, קיין קינדער געוויס ניט, וואָלט ער כאָטש זיך געוואָלט אָנטאָן דעם פאַרגעניגן און אַרומפאָרן איבער דער וועלט צו זען די שיינע זאַכן וואָס ג־ט האָט באַשאַפן, איז ווי אַזוי פאָרט מען? פאָרן מיט אַ שיף, האָט ער מורא אַז ער זאָל ניט אַמאָל קריגן די ים־קראַנקהייט. פאָרן מיט אַ באָס אָדער אַן אייזנבאַן און זיך קאַטשען פאַר לאַנגע שעהן ווי אַ גאָמעלקע אין אַ פוטער פאַס וואָס איז ניט פאַר זיין געזונט. פליהען מיט אַן עראָפּלאַן? איז וואָס וועט זיין אַז מ'עט היידזשעקן דעם עראָפּלאַן און אים האַלטן פאַר אַ משכון אַ וואָך אָדער צוויי? ער וועט עס חלילה ניט אויסהאַלטן.

פּאָרט חיימ׳קע ניט אין ערגעץ, זיצט שטענדיג אין הויז מיט פאַרמאַכטע פענצטער, עסט גרינסן און פאַרטרינקט מיט אַ גלעזל טיי מיט לימענעס און האָפט אַז ער וועט שטענדיג זיין געזונט און שטאַרק און וועט קומען אויף יענער וועלט געזונט אויף אַלע אברים.

# אַ רונדע שוהל אָן אַ מזרח וואַנט

ווען איר קוקט זיך צו ווי אַזוי עס פירט זיך אין די שוהלן און בתי מדרשים, געפינט איר אויס אַז די גאַנצע איינגעשטעלטע שוהל־הנהגה טויג ניט און דאַרף געענדערט ווערן.

נעמט, למשל, קודם כל, די מזרח־וואַנט פון יעדע שוהל וואו עס זיצן די שיינע אידן, די נכבדים. אָט די שיינע אידן קומען געוויינליך שפּעט אין שוהל, גייען לאַנגזאַם, מיט גענדזענע טריט און מחמת זיי האָבן אַזאַ גרויסע הנאה פון גיין אויף מזרח אַז עס נעמט זיי אַ יאָר מיט אַ מיטוואָך ביז זיי קומען צו זייערע פלעצער און צוליב זיי טאַקע, די מזרח־זיצער, הויבט מען אָן שפּעט צו דאַווענען, און ווען מ'האָט שוין געקענט האָבן לאַנג אָפּגעדאַווענט און אָפּגעקידוש'ט, האַלט מען ערשט ביי קריאת התורה.

אָדער נעמט דאָס אויפרופן צו דער תורה! עס פירט זיך שוין פאַר מי יודע וויפל יאָרן אַז מ'איז די גבירים און נכבדים מכבד מיט שלישי, שישי, מפטיר און פאַר די אָרימעלייט בלייבט איבער הגבה־גלילה אָדער אַ פּאָר פסוקים ערגעץ ביי דער סוף פון דער סדרה. איז עס ניט ריכטיג אַז מ'זאָל אַלע כיבודים אַריינפּאַקן אין די גבירים. פאַרוואָס טאַקע זאָל דער אָרימאַן אויך ניט ווייסן דעם טעם פון שלישי, אָדער שישי? ער האָט דאָך ניט קיין אַנדערע פאַרגעניגענס.

אויך מיט די מי שברכ'ס וואָס דער גבאי מאַכט נאָך יעדע עליה, איז אויך ניט ווי עס באַדאַרף צו זיין, מ'רופט למשל אויף אַ אידן צו דער תורה, איז ער מנדר אַ צענערל אָדער אַ פינף און צוואַנציגער און הייסט מי שברכן דעם און יענעם און ווען דער גבאי ווערט פאַרטיג מיט די מי שברכס איז דאָס עסן שוין קאַלט און דער טשאָלענט פאַרשטאַנען.

זענען קודם כל, די מי שברכס פאַרבונדן מיט פאַרדרוס און הקפּדה. ווייל אַז דעם מי שברכט מען יאָ און דעם ניט, פאַרדריסט עס דעם וואָס מ'האָט אויסגעלאָזן און ער האָט פון דעם חלישת הדעת. מיר קענען אפילו אַ אידן וואָס לאָזט זיך ספּעציעל אויפרופן צו דער תורה בכדי ער זאָל אַ געוויסן אידן פון שוהל — ניט מאַכן

קיין מי שברך. אַגב, זאָגט מען אין דעם מי שברך "את כל המתפללים כאן", דאָס מיינט וואָס דאַווענען. און וואָס איז עפּעס מיט די וואָס שמועסן, זיי דאַרף מען ניט מי שברכ'ן? זיי זענען דאָך אויך אידן און זיי קומען אין שוהל אַריין יעדן שבת.

עס איז אויך ניט ריכטיג וואָס מ'שטעלט אַוועק ביים עמוד אַ חזן מיט אַ שטאַרקן קול, וויל דאָך יענער וויזן וואָס ער קען אָדער קען ניט, גאָרגעלט זיך און זאָגט איבער יעדעס וואָרט אַ צענדליג מאָל און ווען ער ווערט פאַרטיג מיטן דאַווענען איז שוין צייט צו דאַווענען מנחה.

האָב איך, אני הקטן, באַשלאָסן דאָס אַלץ מתקן צו זיין. די ערשטע זאַך וואָס איך וואָלט געטאָן איז, צו בויען אַ רונדע שוהל אָן אַ מזרח, עס זאָלן דאָרט ניט זיין קיין מיוחסים און פּריווילעגירטע און ווער עס וועט קומען פריהער, וועט פאַרכאַפּן דעם בעסטן פּלאַץ און אויב די שיינע אידן און נכבדים וועלן קומען שפּעט, וועלן זיי זיצן ביי דער טיר.

עליות וואָלט מען אין מיין נייער שוהל געגעבן לויטן א"ב און אויב שלישי אָדער שישי וועט אויספאַלן אויף אַן אָרימען אידן וואָס פאַרמאָגט ניט קיין גרייצער, איז עס זיין גליק. פאַרשטייט זיך, אַז אויב איינער הייסט ראַבינאָוויץ אָדער שניאור, וועט ער קריגן אַן עליה דער לעצטער און אויב איינער וועט האָבן טענות הלמאי מ'גיט אים אַן עליה דער לעצטער וועט מען זאָגן אַז ער זאָל בייטן זיין נאָמען.

די צענדליגע מי שברכ'ס פאַר דעם און יענעם וואָלט מען אין מיין נייער שוהל אָפּגעשאַפט און אנשטאט דעם וואָלט מען געמאַכט איין גרויסן "מאַסטער" מי שברך פאַר אַלע אידן פון שוהל און צו דעם אַלטן, סקאַרבאָוון "את כל המתפללים כאן" וואָלט מען צוגעלייגט "ואת כל השמועסערס", ווייל זיי קען מען ניט איגנאָרירן.

אַ רב וואָלט איך פאַר דער נייער שוהל צוגענומען וואָס אַ גרעסערן למדן און וואָס אַ קלענערן רעדנער, אויב מעגליך אַ "כבד פה" און אַ דרשה וואָלט ער ביי מיר געזאָגט בלויז צוויי מאָל אין יאָר, שבת הגדול און שבת שובה און אַז ער וואָלט געהאַט זעקס חדשים צייט זיך צוצוגרייטן, וואָלט מען פון אים טאַקע געהערט די אמת'ע דרשה.

אַ חזן, וואָלט איך פאַר דער שוהל אָנגעשטעלט אַן ערליכן איד

וואָס קען עברי און פאַרשטייט פּירוש המילות, אָבער מיט אַ קליינער שטימע און וואָס קען ניט קיין חזנות, וועט ער ניט אויסציהען דאָס דאַווענען, וועט זיך ניט גאָרגלען און מ׳עט קענען גיין אַהיים מאַכן קידוש.

וועט מען דאָך אַוודאי פרעגן, אַז אויב קיין מזרח־וואַנט וועט אין דער שוהל ניט זיין, די כיבודים וועט מען אויסטיילן צו די אָרימעלייט און די גבירים וועלן זיצן ביים טיר, וועלן דאָך די גבירים ניט געבן קיין געלט. טאָ ווער וועט אויסהאַלטן די שוהל און וואו וועט מען נעמען געלט צו באַצאָלן שכירות פאַרן רב, דעם חזן, דעם שמש און אַלע אַנדערע הוצאות פון שוהל? פאַר דעם האָב איך נאָך דערוייל ניט קיין ענטפער.

# שימעלע באַרבער גיט מיר אַ הערקאָט

פאַר פינף יאָר צייט בין איך יעדן טאָג אַדורכגעגאַנגען דורך שימעלעס באַרבער־שאַפּ פון וויליאַמסבורג און איך בין צו אים קיינמאָל ניט אַריינגעגאַנגען. איך האָב געהאַט אַ מאָדנעם פאָרגעפיל אַז אויב איך וועל לאָזן שימעלען מיר אָפּשערן די האָר, וועל איך ניט גוט אָפּשניידן. ראשית, איז מיר ניט געפעלן געוואָרן וואָס אויף שימעלעס פענסטער איז געשטאַנען אָנגעשריבן מיט קידוש לבנה אותיות, "מיר שטעלן באַנקעס", וויבאַלד שימעלע איז אַ באַנקעס שטעלער, מוז ער זיין אַ קנאַפּער באַרבער, האָב איך געטראַכט. צווייטנס, איז מיר ניט געפעלן וואָס אין פענסטער פון זיין באַרבער שאַפּ, זענען געלייגן אַ צוויי צענדליג שער־מאַשינקעס, אויב ער האָט אַזוי פיל שער־מאַשינקעס — האָב איך געטראַכט — מוזן זיי אַלע טויגן אויפ׳ן פייער. עס איז מיר אויך ניט געפעלן וואָס אַרום זיין באַרבער־שאַפּ האָבן זיך שטענדיג אַרומגעדרייט אַ גאַנצע כאַפּטע מיט קעץ און הינט, מיט אַרויסגעשטעקטע צונגען גרייט עמיצן איינצושלינגען.

איינמאָל, דורכגייענדיג דורך שימעלעס באַרבער שאַפּ, האָט זיך מיר פאַרגלוסט צו טרייבן אַביסל קאַטאָוועס. זאָגט מיר, שימעלע — האָב איך אים געפרעגט — וואָס זענט איר, אַ באַרבער אָדער אַ באַנקעס שטעלער? איך בין אַ ספּעציאַליסט אויףביידע זאַכן, אַז איך שטעל עמיצן אַ צוויי צענדליג באַנקעס אויף דער פּלייצע, כאַפּט ער מער קיינמאָל ניט קיין קאָלד — האָט ער געענטפערט. און אַז איר שערט עמיצן די האָר — וועט ער מער קיינמאָל ניט דאַרפן זיך שערן — האָב איך אים אַריינגעהאַקט אין די רייד. גערעכט ווי גאָלד — האָט שימעלע מיר געענטפערט — נאָכדעם ווי איך וועל אים אָפּשערן די האָר וועט ער מער ניט האָבן וואָס צו שערן. און זאָגט מיר, שימעלע — האָב איך אים ווייטער געפרעגט — פאַרוואָס ליגן ביי איך אין פענסטער אַזוי פיל שער־מאַשינקעס? דאָס איז צוליב פּאָרזיכטיקייט — האָט שימעלע געענטפערט — טאָמער אַרבעט ניט איין מאַשינקע, נעם איך אַ צווייטע, אַ דריטע און אַמאָל אַ פערטע.

עס האָט שוין איין מאָל געטראָפן אַז איך האָב אויף איינעם גענוצט אַלע מאַשינקעס וואָס ליגן אין פענסטער. און פּאַרוואָס שימעלע — האָב איך אים ניט אָפּגעלאָזט — דרייען זיך דאָ נעבן אייך אַרום אַזוי פיל קעץ און הינט? דאָס איז צוליב דעם וואָס זיי באַקומען ביי מיר אַמאָל אַ שטיקל אויער, אַ שפּיץ נאָז אָדער אַ שטיקל מאָרדע און נאָך אַזעלכע היימישע זאַכן — האָט ער געזאָגט מיט אַן ערנסטן אויסדרוק אויף זיין פּנים. איר זענט אַ לץ, שימעלע — האָב איך אים געזאָגט און בין אַוועקגעגאַנגען.

איינמאָל בין איך אָבער נכשל געוואָרן און בין אַריינגעגאַנגען צו שימעלען אין זיין באַרבער־שאַפּ. שימעלע האָט זיך דערפרייט מיט מיר ווי מיט אַן אַלטן גוטן פריינד, זעצט זיך דאָ אַוועק אויף דער שטול און איך וועל אייך אָפּפּוצן אַ קעפּל אַז אייער ווייב וועט אייך ניט דערקענען. איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אויף דער שטול, שימעלע האָט מיר איבערגעדעקט מיט אַ שמאַטע פון דעם קאָפּ ביז די פיס, האָט גענומען אַ מאַשינקע און אָנגעהויבן צו שערן.

צוערשט האָט די מאַשינקע געשאָרן גאַנץ גוט און איך האָב געמיינט אַז ס׳עט נעמען בלויז אַ פּאָר מינוט און ער וועט מיט מיר פאַרטיג ווערן. שפּעטער האָט אָבער די מאַשינקע אָנגעהויבן צו רייסן און צו פליקן גאַנצע זשמעניעס האָר און איז ענדליך געבליבן שטעקן אין גאַנצן אויף מיין רעכטע פּאה, ווי אַ וואָגן אין בלאָטע און ער האָט איר ניט געקענט רירן פון אָרט. איך האָב געמאַכט אַ געוואַלד און האָב געוואָלט אַראָפּגיין פון דער שטוהל, שימעלע האָט מיר אָבער ניט געלאָזט און האָט גענומען אַ צווייטע מאַשינקע און האָט דערווייל געלאָזט הענגען די ערשטע מאַשינקע אויף מיין רעכטער פּאה. עס האָט ניט גענומען לאַנג און אויך די צווייטע מאַשינקע איז געבליבן שטעקן אויף דער צווייטער פּאה. ס׳עט זיין אָלרייט — האָט שימעלע מיר פאַרזיכערט און זיך גענומען צו פאַרריכטן די מאַשינקעס. ער האָט גענומען אַ צווענגעל, אַ שרויפנציהער און אויל און האָט גענומען פאַרריכטן די מאַשינקעס און אַזוי ווי ער האָט געוואָלט האָבן אַלעס ביי דער האַנט, האָט ער דערווייל אַוועקגעלייגט די געצייג אויף מיין קאָפּ און מיר באַפוילן אַז איך זאָל ניט שאָקלען מיט׳ן קאָפּ, ווייל איך וועל אַראָפּוואַרפן די געצייג.

עס איז מיר געוועזן גוט. איך זיץ אויף אַ שטול איינגעהילט אין אַ שמאַטע, אויף ביידע פּאות הענגען מיר שער מאַשינקעס, אויפ׳ן קאָפּ

ליגט מיר אַ גאַנצער ווערקשטאַט מיט געצייג און איך טאָר ניט דרייען מיטן קאָפּ, איך זאָל ניט אַראָפּוואַרפן די געצייג. איך האָב געהאַט דעם געפיל אַז איך זיץ אויף דער עלעקטריק טשער און אָט וועט מען אַ דריי טאָן דעם סוויטש און אַז שימעלע איז מיין הענקער. שימעלע האָט געאַרבעט אויף די מאַשינקעס אַ שעה צייט און האָט ניט געקענט אַראָפּנעמען די מאַשינקעס פון מיין קאָפּ, ביז עס איז געקומען זיין איידים, אַ פּלאָמבער, און זיי קוים מיט צרות אַראָפּגענומען.

שימעלע האָט דעמאָלט גענומען אַ פּראָסט שערל און האָט מיר גענומען שערן (קיין עלעקטרישע שער מאַשינקעס זענען נאָך דעמאָלט ניט געווען) און האָט געשניטן מיינע האָר ווי מ׳שניידט קרויט און האָט געלאָזן אויף מיין קאָפּ, בערג און גריבער, פעלדער און וועלדער און ווען איך בין אַראָפּ פון דער שטול, האָב איך אויסגעזען ווי נאָך אַ פּאָגראָם, בין געווען צעקיילט און צעביילט, מיט אויסגעפליקטע פּאות און אַ גרויסע ליסענע אויפ׳ן קאָפּ.

דעם פאָלגענדן שבת בין איך געגאַנגען אין שוהל, האָב געבענטשט גומל, האָב מנדר געווען פאַר דער שוהל אַ שיינע נדבה און האָב געדאַנקט דעם באַשעפער פון דער וועלט וואָס איך בין אַרויס אַ לעבעדיגער פון שימעלעס באַרבער שאַפּ.

# פייווקע פידרעך, דער זשעניע

פייווקע פידרעך איז אַ זשעניע מבטן ומרחם און זיין מח שפּרודעלט שטענדיג מיט געניאַלע איינפאַלן און המצאות פון וועלכע קיין אַנדער מענטש אין דער וועלט טראַכט ניט. ווען ער איז נאָך געווען אַ קליין אינגעל אין חדר האָט מען שוין געקענט זען אַז ער וואַקסט אַ כלי און ער פלעגט אָפּטאָן שטיקעס פון וועלכע די גאַנצע שטאָט האָט געקייכט פון געלעכטער. איינמאָל, ווען ער איז נאָך געווען אַ קליין אינגעל פון צען יאָר, האָט ער געכאַפּט אַ טשיקן און האָט אויף אים געגאָסן הייסע, קאָכעדיגע וואַסער. ער האָט געוואָלט — האָט ער געזאָגט — אַז די טשיקן זאָל לייגן געקאָכטע אייער. אַ צווייטן מאָל, ווען חיים חייקל דער בעקער האָט אים אָנגעפּאַטשט און אַרויסגעוואָרפן פון שוהל האָט פייווקע אים גוט אָנגעלערנט אַז ער האָט דאָס געדענקט זיין גאַנץ לעבן. ער האָט גענומען אַ שטיק פּאַפּיר. האָט אויף דעם אָנגעשריבן מיט גרויסע אותיות: "חיים חייקל דער בעקער, מיין בעסטער חבר" און האָט דאָס אָנגעקלעבט אויף אַ הונט, דער כלב איז אַרומגעלאָפן איבער דער גאַנצער שטאָט מיטן צוגעקלעבטן שטיקל פּאַפּיר, די גאַנצע שטאָט האָט געלאַכט פון פייווקעס שטיקל אַרבעט, און חיים חייקל׳ס פּנים איז געווען שוואַרץ ווי בלאָטע פון בושה. איינמאָל, שבת אינדערפרי ביים לייענען, ווען מ׳האָט אויפגערופן צו דער תורה דעם גביר און קמצן, צמח פּעטרושקע און ווען ס׳איז געקומען צו "בעבור שנדר", האָט פייווקע נאָכגעמאַכט צמח׳ס קול און האָט אויסגעשריגן: "צען זלאָטעס!", וואָס איז דעמאָלט געווען אַ גרויסע מטבע. דער גבאי האָט אויסגערופן הויך אויפ׳ן קול "צען זלאָטעס" און צמח׳קע קמצן האָט צוגעשאָקלט מיט׳ן קאָפּ. נאָך שבת האָט מען זיך אין שטאָט דערוואוסט אַז דאָס איז געווען פייווקעס אַרבעט און עס איז געווען פון וואָס צו לאַכן.

ווען ער איז געקומען קיין אַמעריקע האָט זיך פייווקעס געניאַליטעט צעבליהט און צעוואַקסען און ער האָט געהאַט אַ קלוגן איינפאַל פאַר יעדע זאַך אין דער וועלט. פאַר ליטוואַקעס וואָס האָבן

ליב צו עסן פּאַטייטעס מיט הערינג, האָט פייווקע געאַרבעט אויף אַן ערפינדונג דורך וועלכע אַ פּאַטייטע זאָלן וואַקסן צוזאַמען מיט אַ הערינג, וועלן זיי דורכדעם זיך איינשפּאָרן אַ סאַך טירחה. פאַר בעלי שמחה וועלכע טיילן אויס יאַרמולקעס מיט בענטשערלאַך צו זייערע געסט, האָט פייווקע אַ ספּאָסוב ווי אַזוי צו שפּאָרן געלט. יאַרמולקעס — האָט ער געזאָגט — מוז מען באַשטימט האָבן, מ׳קען דאָך ניט עסן און טאַנצן מיט גרויסע און שווערע הוטן. בענטשערלאַך, זאָגט ער, זענען ניט נויטיג, ווייל מ׳קען דאָס בענטשן אָפּדרוקן אויף די יאַרמולקעס און ווען ס׳עט קומען צום בענטשן וועט יעדער איינער זיך אויסדרייען צום שכן און וועט דאָס בענטשן אַראָפּלייענען פון זיין יאַרמולקע.

פייווקע האָט אויך אַ געניאַלע עצה פאַר דער אַמעריקאַנער רעגירונג. אין אַן עלעקשאָן יאָר — זאָגט פייווקע — לויפען אַ סך מענטשן פאַר פּרעזידענט און זיי לויפן אַזוי שנעל אַז מ׳קען זיי ניט כאַפּן. טאָ פאַרוואָס רייסן זיי זיך אַזוי צו ווערן דער פּרעזידענט — פרעגט ער — ס׳איז דען אַזאַ טייערער דזשאַב? נאָר וואָס דען, זיי ווילן וואוינען אין ווייסן הויז פון וואַשינגטאָן. איז דאָך דאָ אַן עצה — זאָגט ער. זאָל מען פאַרדינגען צימערן אין ווייסן הויז צו אַלע קאַנדידאַטן, וועלן זיי פאַרשפּאָרן צו לויפן און פּטור אַן עסק.

די בעסטע עצות פון אַלע — האָט אָבער פייווקע פאַר דער רעגירונג פון מדינת ישראל. אין מדינת ישראל — זאָגט פייווקע — מאַכט מען זיך נאַריש און מ׳גראָבט אויס זאַכן פון אברהם אבינו׳ס צייטן וואָס זענען ווערט אַ שמעק טאַבאַק און ברענגען ניט קיין נוצן. וואָלט געווען בעסער — עצה׳ט ער — אַז מ׳זאָל זיך אַרויסלאָזן אויף אַן עקספּעדיציע צו געפינען נח׳ס תיבה, משה רבינו׳ס שטעקן, קרח׳ס אוצרות און דעם געביין פון דער עגלה ערופה אָדער פון בלעמ׳ס אייזעל. ווען מיר האָבן היינט בלעמ׳ס אייזעל — זאָגט פייווקע — וואָלט עס געווען דער בעסטער קאַמפּעין־רעדנער אָדער טעלעוויזשאָן אַנאָנסירער און מ׳וואָלט עס אפשר געקענט נעמען אויף אַ לעקציע־טור.

אין מדינת ישראל — זאָגט פייווקע — פלאָגט מען זיך מיט אַ האַנדלס דעפיציט פון ביליאָנען דאָלאַרן, וואָס נעמט זיך פון דעם וואָס מ׳אימפּאָרטירט מער ווי מ׳עקספּאָרטירט און אויך פאַר דעם איבעל — האָט ער אַ גוטע עצה. אין ים המלך — זאָגט ער — איז

דאָ אַ סך וואַסער, קען מען אָנפילען אַ סאַך פלעשלאַך מיט וואַסער פון ים המלך און זיי פאַרקויפן צו אידן איבער דער גאַנצער וועלט צו די סדרים. ס'וואָלט אויך געווען אַ יושר — זאָגט ער — אָנצופילן פלעשלאַך מיט וואַסער פון ירדן און זיי פאַרקויפן צו אידן פאַר מים אחרונים. פאַר דעם אָבער — האָט ער מורא — וואָלט די ירדן מלוכה פאַרקלאָגט מדינת ישראל פאַר די יונייטעד ניישאָנס און זי וואָלט פאַר דעם פאַרדאַמט געוואָרן פאַר איר אַגרעסיוון אַקט.

# שאַיע געצל האָט ענדליך באַקומען אַ דזשאַב

זינט דער רויטער שאַיע געצעל איז אויפגעוואַקסן און איז געוואָרן גרויס גענוג צו גיין אַרבעטן און פאַרדינען געלט, האָט ער נאָכניט געאַרבעט קיין איין טאָג אין זיין לעבן. אַרבעטן — האַלט שאַיע געצל — איז בלויז פאַר די וואָס טויגען ניט צו עפּעס אַנדערש. אינטעליגענטע מענטשן וואָס קענען רויכערן ציגאַרעטן און שפּילן אַ פּינאַקעל — האַלט ער — דאַרפן זיך ניט אָפּגעבן מיט אַזאַ נאַרישע זאַך ווי אַרבעטן.

דרייט זיך טאַקע שאַיע געצל אַרום גאַנצע טעג שלינג און שלאַנג, רויכערט געשנאָרטע ציגאַרעטן און טוט ניט אַריין די האַנט אין קאַלט וואַסער. טאָמער פרעגט מען אים פאַרוואָס ער אַרבעט ניט ווי אַלע מענטשן, ענטפערט ער אַז ער אַרבעט ניט איבער אַ פּרינציפּ, אַ פּרינציפּ ניט צו אַרבעטן. יעדער מענטש — זאָגט שאַיע געצל — האָט זיך זיין ספּעציאַליטעט, איינער שפּילט פידל, אַ צווייטער מאָלט בילדער און זיין ספּעציאַליטעט איז ניט אַרבעטן. אָפּט מאָל — לייגט ער צו — האָט ער מורא זיך צו לייגן שלאָפן, עס זאָל זיך אים אַמאָל ניט חלומ׳ן אַז ער אַרבעט. איין מאָל ווען ס׳איז אים מיאוס געוואָרן דאָס אַרומגיין ליידיג, איז ער אפילו אַריינגעגאַנגען אין אַ געשעפט פון זיין געגנד און האָט געזאָגט אַז ער זוכט אַ דזשאַב. גוט — האָט מען אים געזאָגט — מיר דאַרפן טאַקע איצט אַ מענטשן, קומט מאָרגן אַרבעטן. וויפל ועט איר מיר געבן פאַר אַ וואָך אַרבעט? — האָט ער געפרעגט, מיר׳ן אייך געבן אַזויפיל וויפל איר זענט ווערט — האָט מען אים געענטפערט. איך אַרבעט ניט פאַר אַזוי ווייניג געלט — האָט ער געזאָגט און איז אַוועקגעגאַנגען.

האָט דאָך שאַיע געצל, ווי אַלע שאַיע געצלס, אַ ווייב מיט קינדער און אַ ווייב מיט קינדער האָבן דאָך אַ טבע אַז זיי ווילן עסן, האָט ער געבאָרגט ביי דעם אַ פינף און צוואַנציגער און ביי דעם אַ פופציגער און האָט דערמיט מפרנס געווען זיין בני בית. איז דאָך אָבער די צרה וואָס פינף און צוואַנציגערס און פופציגערס האָבן אַ טבע אַז מ׳דאַרף

זיי צוריקגעבן, אויב ניט האָט מען פון זיי צרות, האָט אונזער שאַיע געצלען — מאָלט אייך — קיין צרות ניט געפעלט. האָט ער געזען עמיצן ווען ער איז געווען שולדיג אויף איין זייט גאַס, איז ער אַריבער אויף דער צווייטער זייט. האָט ער געזען אויף דער צווייטער זייט עמיצן וואָס ער איז געווען שולדיג געלט, איז ער צוריק אַריבער אויף דער ערשטער זייט. איז ער אַזוי געשפּרונגען פון איין זייט גאַס אויף דער צווייטער ביז ער האָט געהאַט מענטשן אויףביידע זייטן גאַס וועמען ער איז שולדיג געווען געלט. איז אים אויסגעקומען צו גיין אין מיטן גאַס, אין מיטן גאַס וואו עס פאָרן טראָקס און אויטאָמאָבילן און עס איז אַ סכנה דאָרט צו גיין, וועט אים קיינער ניט טשעפּן. האָט ער אָבער געהאַט אַ ביטערן טעות, ווייל איינמאָל האָבן זיך אויף אים אַ לאָז געטאָן מענטשן פון ביידע זייטן גאַס, האָבן אים אונטערגעהאַקט די אויגן און האָבן אים אויסגעזעצט צוויי ציין.

שלעכט — האָט געזאָגט דער אָרימער שאַיע געצל — אין מיטן גאַס קען מען אויך ניט גיין. האָט ער גענומען זיין בינטל ביינער, און איז אַוועק צו זיך אַ היים. ביי אים אין זיין אייגן הויז — האָט ער געטראַכט — וועט אים קיינער ניט באַלעסטיגען. האָט ער ווידער געהאַט אַ טעות, ווייל אַזוי שנעל ווי זיין אידענע האָט געזען איר שלימזל אין מיטן העלן טאָג, ווען די גאַנצע וועלט איז ביי דער אַרבעט, האָט זי אויף אים געעפּענט אַ מויל אַזוי גרויס ווי דער מיסיסיפּי ריווער און האָט פאַרמאַכט די טיר.

איז שאַיע געצלען געווען ערגער ווי שלעכט. איז ער אַוועק פון הויז און איז צוגעגאַנגען צו אַ קליין פּאַרקעל, וואָס האָט זיך געפונען אַרום צוואָנציג בלאָק פון זיין הויז, וואו קיינער קען אים ניט, האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק און האָט געטראַכט וואו מ׳נעמט אַ ציגאַרעטל צו פאַרציהען.

אַזוי ווי ער איז געזעסן אויף דער באַנק אַ באַטריבטער, איז דורכגעגאַנגען זיין לאַנדסמאַן בערל וואַרעניק, אַ באַקאַנטער לץ און קיביצער און זעענדיג ווי שאַיע געצל זיצט דאָ איינער אַליין מיט אונטערגעהאַקטע אויגן, האָט ער גלייך באַמערקט אַז עפּעס האָט מיט אים פּאַסירט. האָט ער זיך אַוועקגעזעצט נעבן אים און האָט אָנגעהויבן מיט אים צו רעדן.

הער, שאַיע געצל — האָט ער געזאָגט צו אים — איך פאַרשטיי

וואָס עס האָט פּאַסירט מיט דיר: אַ סוואָלאָטש וועמען דו ביזט שולדיג געלט האָט דיר מסתמא אָנגעבראָכן די ביינער דיינע, איך ווייס דיין פּראָבלעם, אַ מחלה אַזאַ ביי דיר, דו ווילסט ניט אַרבעטן. איך האָב אָבער פאַר דיר אַ פאָרשלאַג. איך האָב אַ שאַפּ פון הויזן, עס אַרבעטן ביי מיר פופציג אַרבעטער, וועסט קומען צו מיר אין שאַפּ, וועסט גאָרניט דאַרפן טאָן. איך האָב אַ פאָרמאַן, ער טוט גאָרניט און דו'סט אים צוהעלפן. ער רויכערט ציגאַרן און שרייט אויף די אַרבעטער. ווען ער'ט אַמאָל ניט קומען — וועסטו שרייען אויף די אַרבעטער, וועסט באַקומען פאַר דעם הונדערט דאָלאַר אַ וואָך. מסכים? — האָט בערל געפרעגט.

מסכים — האָט שאַיע געצל געענטפערט — אָבער מיט איין באַדינג: אויב איך וועל שרייען אויף די אַרבעטער אָווערטיים וועסטו מיר באַצאָלן דאָפּלט געלט. מסכים?

מסכים — השט געזשגט בערל ווארעניק, און שאַיע געצן האָט ענדלעך געקראָגן זיין ערשטן דזשאב.

# ווען עס האָט געשנייט אין ניו יאָרק

דערציילט אַ איד:

ווען אַ שטאַרקער שניי שטורם האָט פאַר צוויי יאָרן ווינטער באַדעקט ניו יאָרק מיט אַ ריזיגן באַרג שניי און מ'האָט פאַר צוויי טאָג צייט ניט געקענט אַרויסשטעלען אַ פוס אין דרויסן, האָבן אַלע מענטשן פון שטאָט זיך באַקלאָגט אויפ'ן ביטערן וועטער און האָבן געהאַט טענות צום מעיאָר פאַרוואָס מ'רוימט ניט אָפּ די שניי פון די גאַסן. מענטשן זענען געזעסן אין זייערע הייזער ווי אַרעסטירטע, האָבן אַרומגעשפּאַנט נערוועז איבער די צימערן, האָבן אַלע ווײַלע אַרויסגעקוקט דורכ'ן פענצטער צו זען צי מ'רוימט שוין אָפּ די שניי וואָס דער שטורם האָט אָנגעוואָרפן. אַלע זענען געווען אומגעדולדיג און האָבן געוואָלט פּטור ווערן פון שניי וואָס שנעלער.

אַלע אויסער מיר. מיר האָט די שניי גאַנץ ווייניג אָנגעריִרט, איך בין ניט געווען אומגעדולדיג אַז מ'זאָל די שניי אָפּרוימען. פאַרקערט, איך בין פון דעם ווייסן גאַסט געווען גאָר שטאַרק צופרידן און האָב געוואָלט אַז דער שניי זאָל ליגן אויף די גאַסן וואָס לענגער.

פאַרוואָס בין איך געווען אַזוי שטאַרק צופרידן פון דעם שניי און וואָס פאַראַ גוטס האָב איך אין דעם געזען?

קודם כל, האָב איך זיך געפרייט וואָס די גאַנצע שטאָט איז באַדעקט מיט שניי און דעקט צו די גאַנצע חרפּה פון ניו יאָרק. אַזאַ שטאָט ווי ניו-יאָרק — האָב איך געטראַכט — דאַרף זיין צוגעדעקט וואָס מער און וואָס אָפטער. צוליבען שניי האָט מען ניט אַרויסגעזען די צובראָכענע טראָטואַרן, די צושפּאָלטענע גאַסן, די טויזענטער מיסט-קעסטלאַך וואָס שטייען נעבן די הייזער. איך האָב אויך געהאַט גרויס הנאה וואָס די אויטאָמאָבילן זענען געשטאַנען ווי פּגרים און האָבן ניט געקענט פאָרן איבער די גאַסן און פאַרפּעסטן די לופט פון שטאָט וואָס זיי טוהען שטענדיג ווען עס שנייט ניט. די לופט אין שטאָט איז פאַר צוויי טאָג צייט געווען ריין און געזונט, ממש ווי אין די קעטסקיל בערג אין זומער. עס האָט מיר אויך הנאה געטאָן וואָס מיין ווייב האָט צוליבן שניי ניט געקענט "שאָפּן" אין די

דעפּאַרטמענט סטאָרס, ווייל יעדעס מאָל וואָס זי גייט אין די דעפּאַרטמענט סטאָרס, ווערן די דעפּאַרטמענט סטאָרס רייכער און איך אָרימער.

איך בין — האָט דער איד ווייטער דערציילט — אַ שווער פאַרהאָרעוועטער מענטש און האָב קיינמאָל ניט קיין איבעריגע מינוט עפּעס צו טאָן אין הויז. דורך די צווייט טאָג וואָס די שניי איז געלעגן אויף די גאַסן, האָב איך אָבער אָפּגעטאָן אַ סך אַרבעט. אויפצומאָרגענס ווען עס האָט אויפגעהערט צו שנייען, האָב איך זיך אויפגעהויבן זער פרי, האָב אָפּגעשמיסן דאָס קליינוואַרג, פאַר וועלכעס איך האָב קיינמאָל ניט קיין צייט, האָב זיי אויסגעשטעלט אין אַ רייע און זיי אַריינגעציילט אחת ואחת אחת ושתים, אַזוי ווי עס שטייט אין יום כיפּור׳דיגן מחזור.

פאַרטיג מיט דעם קליינוואַרג, האָב איך זיך גענומען צו די גרויסע. דעם עלטערן באַי מיינעם, אַ היפּי, וואָס האָט שוין לאַנג פאַרגעסן ווי אַזוי וואַסער זעט אויס, האָב איך אַריינגעוואָרפן אין אַ הייסער וואַנע וואַסער, זאָל ער אויך עפּעס געניסן פון דעם שטורעם. מיין אינגערן באַי, וועלכער איז באַוואַקסן ווי אַ גאָרילע מיט אַ ריזיגע קוטשמע האָר אויף דער פּאַטעלניצע, האָב איך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול, אים איבערגעדעקט מיט אַ שמאַטע און אים אַרומגעקאָשעט אַביסל די פּעדערן זיינע, ער זאָל כאָטש אויסזען ווי אַ בהמה און ניט ווי קיין חיה. ווען מיין גרויסע טאָכטער, אַ כלה־מויד, וועלכע גייט שוין אין קאַלעדזש און מעידזשאָרט אין חוצפּה, האָט געזען וואָס עס טוהט זיך אין הויז, האָט זי געוואָלט זיך אַרויסשאַרן פון הויז, אָבער וואו וועט זי גיין אַז אין דרויסן איז דער נאָרט פּאָל, איז זי געבליבן אין הויז און האָט פון מיר געכאַפּט אַ פּסק וואָס זי וועט געדענקען ביזן נעקסטען שניי שטורעם.

די בעסטע זאַך איז געווען וואָס מיין אשת חיל האָט צוליב דעם שניי ניט געקענט גיין אין די ״טעיק האָום פוד סטאָרס״ צו קויפן פאַרטיג עסן וואָס זי טוהט כמעט יעדן טאָג, איז זי אַריין אין קיך, האָט אָנגעטאָן אַ פאַרטוך און האָט אָפּגעקאָכט אַ געשמאַקן היימישן מאָלצייט וואָס מ׳האָט שוין לאַנג ניט געגעסן ביי מיר אין הויז.

ווי איר זעט — האָט דער איד פאַרענדיגט זיין מעשה — האָב איך צו דעם שניי שטורעם ניט דערלייגט און איך קוק שוין פאָראויס צו אַ צווייטן שטורם פון דעם סאָרט. עס האָט זיך ביי מיר

אָנגעזאַמעלט אַ היבש ביסל אַרבעט וואָס איך וואָלט געדאַרפט אָפּטאָן — האָט ער צוגעלייגט.

# ווי אַזוי איך האָב פאַרבראַכט מיין פאַדערס דעי יום טוב

דערציילט אַ איד: איך בין אַ טאַטע. בין איך, ווי אַלע טאַטעס, מיט זין און טעכטער, מיט חובות, מיט דאגות און פּראָבלעמען. מיין הויפּט פּראָבלעם איז, וואָס איך זע ניט אויס ווי אַ טאַטע. ביי לייטן אַ טאַטע איז הויך־געוואַקסן, מיט ברייטע פּלייצעס, מיט אַ באַסאָווער שטימע און אַן ערנסטן פּנים. און איך בין מ׳שטיינס געזאָגט, אַ קליין דאַר טאַטעלע, ממש דלת על דלת, מיט אַ קוויטשיג קול׳כל און אַ לאַבעדיג, יונג־אויסזעענדיגן פּנים. מאָלט אייך, אַז עס האָט פון מיין יונגן אויסזען קיין צרות ניט געפעלט און אויך אין שוהל ביים דאַווענען האָב איך געכאַפּט אַלע ווײַלע אַ שנעל אין נאָז, אַ ריס פאַר׳ן אויער, אַ שטורך אין דער זייט און נאָך אַזעלכע היימישע זאַכן, פון וועלכע עס קומט ניט צו קיין געזונט. ווען איך בין שוין געווען אַ יונגערמאַנטשיק און האָב געהאַט אַ ווייב און אַ שוויגער און האָב געדאַווענט אין אַ גרויסן טערקישן טלית, פלעג איך הערן ווי אידן אין שוהל שושקען זיך: זע נאַר, אַ קליין אינגל האָט ערגעץ געכאַפּט אַ טלית און האָט זיך אין אים איינגעהילט. אפילו היינט, ווען איך בין שוין אַ זיידע און שלעפּ שוין דעם זעקסטן צענדליגער, זע איך נאָך אַלץ אויס ווי אַ יונגער צוציק און ווען איך

גיי אין גאַס מיט מײַן עלטערן זון, זע איך אויס ווי זײַן אינגערער ברודער, און ווען מײַן פֿרוי און איך גייען אין גאַס מיט מײַן אינגערן זון אינמיטן, זעט עס אויס ווי ער וואָלט געטראָגן צוויי וואַליזקעס.

פֿאַרשטייט זיך אַז פֿאַר אַזאַ קליין בזית טאַטעלע האָט מען ווייניג וואָס מורא און נאָך ווייניגער דרך ארץ. רופֿן מיר די קינדער "פּאַפּ, פּאַפּקע, פּאַפּסיקל" און נאָך אַזעלכע נעמען, פֿאַר וועלכע איך וואָלט ניט גוט אָפּגעשניטן ווען איך וואָלט זיי גערופֿן מײַן טאַטן. אַמאָל גאָר, רופֿן זיי מיר בלויז "פּאַ", דאָס טוהען זיי מסתמא צוליב דעם וואָס איך זע אויס ווי אַ האַלבער טאַטע.

איז מורא און דרך ארץ האָבן זיי טאַקע ניט פֿאַר מיר, אָבער ליב האָבן זיי מיר דאָס לעבן און ווען עס קומט "פּאַדערס דעי" ווייסן זיי פּשוט ניט וואָס צו טאָן מיט מיר און באַוואַרפֿן מיר מיט מתנות. פֿאַרשטייט זיך, אַז די מתנות וואָס זיי ברענגען מיר זענען פֿאַר מיר ניט ווערט קיין שמעק טאַבאַק. צו־וואָס, למשל, ברענגען זיי מיר אַלע סאָרטן שנאַפּסן און ליקערס, אַז איך קען ניט טרינקען און טאָמער נעם איך אַמאָל אַ טראָפּן משקה צום גומען, פֿאַרדרייט זיך מיר דער קאָפּ און עס דאַכט זיך מיר אַז איך בין אַן אַסטראָנאַט און פֿלי אין די הימלען. און צו־וואָס, איך בעט אײַך, ברענגען זיי מיר אַטאַשע קעיסעס? וואָס בין איך אַן אַטאַשע? צו טראָגן מײַן לאָנטש צו דער אַרבעט און מײַן רעגן־מאַנטעל דאַרף איך ניט אַנדערש ווי אַן אַטאַשע קעיס פֿון קראָקאָדעיל לעדער? פֿונדעסטוועגן אַז קינדער ברענגען עפּעס נעמט מען עס צו און מ׳פֿרעגט ניט קיין קשיות.

דעם פֿאַרגאַנגענעם פֿאַדערס דעי איז מײַן טאָכטער מיט מײַן איידעם געקומען צו מיר מיט זייער לינקאָלן־קאָנטינענטל און האָבן מײַן פֿרוי און מיר גענומען אין אַ פֿענסי כשר׳ן רעסטאָראַן. ביים טיר פֿון רעסטאָראַן האָב איך געזען דעם משגיח, אַ איד מיט אַ קמץ בערדל און איך האָב אים געפֿרעגט צי עס איז כשר דאָרט און צי מ׳מעג דאָרט עסן. פֿון וואַנען זאָל איך וויסן — האָט ער מיר געענטפֿערט — מ׳לאָזט מיר דען אַריין אין קיטשען? פֿונדעסטוועגן — האָט ער מיר גע׳עצה׳ט — דאָרט וואו איר זענט ניט זיכער מיט די כשרות, עסט מען קליינע פּאָרציעס. האָב איך דאָך געזען וואו איך בין ערגעץ אין דער וועלט און האָב געטראַכט אַז איך וועל דאָרט עסן אַ ביסל גרינסן און טרינקען אַ גלעזעל סאָדעוואַסער. איך האָב אַ קוק געטאָן אויף דער שפּייז־קאַרטע און האָב דאָרט געזען אַזעלכע

מאָדנע טערקישע ווערטער, ווי קאַנסומעי פלעקל, פּילעי קעיפּאַן, פּילעי מיניאָן און נאָך אַזעלכע ווערטער וואָס שטייען ניט אין מיין ווערטער בוך. וואָס איז קאַנסומעי פלעקל? — האָב איך געפרעגט מיין טאָכטער. קאַנסומעי פלעקל — האָט זי מיר געענטפערט — איז אַ טעלער זופּ מיט לאָקשן. און וואָס איז פּילעי קעיפּאַן? — האָב איך ווייטער געפרעגט. פּילעי קעיפּאַן איז אַ פערטל טשיקען וואָס איז אָנגעפילט מיט קאַשע אָדער אַן אַנדער זאַך — האָט זי ווייטער געענטפערט. אַ מאָדנע זאַך — האָב איך געזאָגט — איך האָב גאָרניט געוואוסט אַז איך האָב מיין גאַנצן לעבן געגעסן קאַנסומעי פלעקל און פּילעי קעיפּאַן.

אין רעסטאָראַן איז געווען שטאָק־פינצטער און אויפ׳ן טיש איז געשטאַנען אַ קליין ליכטעלע וועלכעס אַ פליג האָט געקענט אויסלעשן און ווען דער ווייטער האָט מיר געבראַכט אַ טעלער מיט גרינסן, האָב איך מורא געהאַט צו עסן, איך זאָל אַמאָל ניט פאַרפאָרן מיט מיין גאָפּעל צו עמיצן אַנדערש אין מויל. מיין ווייב האָט גראַדע יאָ געגעסן, ווייל מיט אַ מויל פון איר סייז, קען מען טרעפן אין דער גרעסטער פינצטערניש.

לכבוד פּאַדערס דעי האָט מען נאָכ׳ן עסן געגעבן אַ ביסל אונטערהאַלט. צוערשט זענען אַרויפגעקומען אויף דער בינע צוויי לצים, איינער אַ הויכער און אַ דיקער וואָס האָט געוואויגן אפשר 400 פיס און דער צווייטער אַ קליין ליליפּוטל וואָס האָט געקענט שפּאַצירן אונטערן טיש. איך בין אַזוי גרויס און דיק, האָט דער הויכער געזאָגט — אַז ווען עס איז אַמאָל געווען אַ פייער אין מיין הויז, האָבן די פייערלעשער געדאַרפט גיין דריי מאָל מיר אַראָפּצוטראָגן פון דריטן שטאָק, און דעם קליינעם ווערעריק — האָט ער אָנגעוויזן אויפ׳ן ליליפּוטעל — קען איך איינשלינגען און פאַרבייסן נאָך אַ טרונק בראָנפן. ווען דו שלינגסט מיר איין — האָט דאָס ליליפּוטל אים געענטפערט — וואָלסטו געהאַט מער שכל אין בויך ווי אין קאָפּ.

נאָך די לצים איז אַרויף אויף דער בינע אַ שוואַרצקינסטלער און ער האָט ממש געוויזן וואונדער אויף דער בינע. עס זענען געשטאַנען אַ טיש מיט שטולן, אָ סאָפע און אַ גרענד פּיאַנאָ און מיט אַ מאַך מיט דער האַנט איז אַלעס נעלם געוואָרן. דאָס איז מיר גראַדע זער געפעלן געוואָרן און ווען ער איז אַראָפּ פון דער בינע האָב איך אים

געפרעגט, צי ער קען ניט אַמאָל מאַכן אַ קונץ אַז מיינע בעל חובות זאָלן פאַרשווינדן.

נאָכ'ן רעסטאָראַן זענען מיר געגאַנגען אַהיים, איך האָב אויסגעטרונקען אַ גלעזעל טיי און בין געגאַנגען שלאָפן און דערמיט האָט זיך געענדיגט מיין פאַדערס דעי יום טוב.

# צאַלקע רעטעך, דער איפּכא מסתברא׳ניק

צאַלקע רעטעך איז אַ פּשוט מענטשל, אַ פּראָסטע חי וקיים און צייכנט זיך ניט אויס מיט קיין איין זאַך וואָס זאָל אים מאַכן פּאָפּולער ביי מענטשן. צאַלקעס אַלע חברים האָבן געוויסע זאַכן מיט וועלכע זיי געבן זיך אָפּ און מאַכן זיי פּאָפּולער, איינער קען מאָלן אָדער צייכענען, אַ צווייטער קען זינגען, אַ דריטער קען שפּילן אויף אַ פידל. צאַלקע קען אָבער גאָרניט, ער קען ניט מאָלן, קען ניט זינגען און קען ניט שפּילן אויף קיין אינסטרומענט און בעת זיינע חברים שיינען מיט זייער טאַלאַנט און אַלע קוקן אויף זיי און גיבן זיי קאָמפּלימענטן, שטייט צאַלקע אין אַ ווינקל און קיינער קוקט זיך אויף אים ניט אום פּונקט ווי ער וואָלט גאָרניט עקזיסטירט. האָט דאָס צאַלקען פאַרדראָסן. ער וואָלט געוואָלט אַז מ׳זאָל אויך אים אָנזען און פון אים רעדן. אָבער פאַרוואָס און מיט וואָס, אַז ער האָט ניט קיין זאַך מיט וואָס זיך צו באַווייזן פאַר מענטשן און ציען אויפמערקזאַמקייט?

איז צאַלקע געפאַלן אויף אַ פּלאַן: ער וועט טאָן אַלעס אַנדערש פון אַלע מענטשן, ער׳ט עסן אַנדערש, זיך קליידן אַנדערש און מ׳עט שוין אויף אים קוקן און רעדן פון אים. און ער האָט טאַקע אַזוי געטאָן. ער האָט זיך אָנגעהויבן צו קליידן אין מלבושים מיט שרייעדיגע קאָלירן, מיט רויטע שניפּסן און גלאַנציגע שיך אַז מ׳האָט זיך אין זיי געקענט איינשפּיגלען. מ׳האָט שוין איצט צאַלקען גוט באַמערקט, מ׳האָט אויף אים געקוקט און זיך געוואונדערט וואָס ער איז פּלוצלינג געוואָרן אַן אַנדער מענטש און צאַלקע איז געווען אויפ׳ן וועג פון דערפאָלג.

צו רייסן די אויגן ביי מענטשן מער אַז מ׳זאָל אויף אים קוקן און רעדן פון אים, האָט צאַלקע איבערגעדרייט די יוצרות. אין אַ הייסן זומער טאָג, ווען די זון האָט געברענט און מענטשן זענען געגאַנגען אָנגעטאָן אַזוי לייכט ווי מעגליך, האָט ער זיך אָנגעטאָן אַ שווערן מאַנטל, גאַלאָשן און הענטשקעס און איז אַזוי געגאַנגען אין גאַס, און ווינטער ווען עס האָט געברענט אַ פראָסט און בייזע ווינטן האָבן

געבלאָזן, האָט ער זיך אָנגעטאָן אַ פּאָר ווייסע שוך און אַ שטרויענעם הוט און האָט אַזוי אַרומשפּאַצירט אין גאַס. מענטשן האָבן אויף אים געקוקט און געמיינט אַז עס איז שוין זומער. ס׳איז אָבער ניט געווען זומער, ס׳איז געווען צאַלקעס משוגעת.

צאַלקע איז געוואָרן דער אמת׳ער איפּכא מסתברא׳ניק און האָט געטאָן אַלעס קאַפּויער. אין מיטן טאָג, ווען די זון האָט געשיינט, האָט ער געזאָגט אַ גוטן אָוונט, אין אַ פּראָסטן מיטוואָך האָט ער געזאָגט גוט שבת, חנוכה צייט האָט ער שוין געוואונטשן אַ כשר׳ן און אַ פרייליכן פּסח און פּסח האָט ער שוין געוואונטשן אַ כתיבה וחתימה טובה. אין אַ רעסטאָראַן האָט ער צום ערשטן געגעסן דעם קאָמפּאָט — טיי און קעיק, נאָכדעם האָט ער געגעסן די פליישׁ, נאָכדעם די זופּ און צום סוף די פאָרשפּייזע. וואָלט ער געקענט וואָלט ער געשטאַנען אויפ׳ן קאָפּ, געגאַנגען מיט די הענט און געגעסן מיט די פיס. ער האָט אַנדערש ניט געקענט ווי טאָן קאַפּויער.

טאָמער האָט צאַלקע ניט געהאַט גענוג משוגעת׳ן האָט ער געהערט אַז געוויסע קינסטלער קענען שאַפן אילוזיעס פון פאַרשידענע בילדער און סצענעס און דאַגעגן אָפּשאַפן די אילוזיעס אַז זיי זאָלן מאָמענטאַל פאַרשווינדן, האָט זיך צאַלקע׳ן געדאַכט אַז ער קען אויך די קונץ און האָט פּרובירט צו שאַפן פּאַר זיינע צושויערס אילוזיעס פון טייכן און ימ׳ען, בערג און טאָלן, חיות און בהמות. זיינע צושויערס האָבן גאָרניט געהערט און גאָרניט געזען, צאַלקען האָט זיך אָבער געדאַכט אַז ער איז אויף אַן אַנדער וועלט און ער האָט זיך צערעדט און צעיאַכמערט.

איינמאָל האָט צאַלקע ניט גוט אָפּגעשניטן מיט זיינע אילוזיעס און ער האָט אַריינגעכאַפּט אַ פיינעם מתנת יד וואָס ער האָט געדענקט פּאַר אַ גאַנץ לאַנגער צייט. ס׳איז געווען אַ שיינער זומערדיגער בין השמשות. צאַלקע איז געזעסן מיט אַ גרופּע חברים אויף אַ באַנק אין אַן איסט סייד־ער פּאַרק. די זון האָט געהאַלטן ביים אונטערגיין אין מערב און האָט אויסגעזען ווי אַ רויטע פייערדיגע פּולקע, פויגעלעך האָבן געסוויסטשעט און פון דער ווייטענס האָבן זיך געטראָגען קלאַנגען פון אַ גיטאַרע.

צאַלקע האָט איצט געהאַט אַ געלעגנהייט צו ווייזן זיין כח און שאַפן און אָפּשאַפן אילוזיעס און האָט זיך צערעדט:

זעט — האָט ער געזאָגט, אונטערברעכענדיג די שטילקייט —

אייך דוכט זיך דאָך געוויס אַז מיר זיצן דאָ אויף אַ באַנק, די זון האַלט ביים אונטערגיין, פויגעל סוויסטשען און מ׳הערט עמיצן גרומפּלען אויף אַ גיטאַרע! עס איז אָבער לא דובים ולא יער. עס איז בלויז אַ חלום, אַן אויסדאַכטעניש, עס הויבט זיך גאָרניט אָן און עס לאָזט זיך ניט אויס, עס זענען ניטאָ קיין פויגעל, מ׳הערט ניט קיין קלאַנגען, ס׳איז ניטאָ קיין באַנק און קיין זאַך עקזיסטירט ניט.

אַלע אויפ׳ן באַנק זענען געבליבן זיצן ווי אין אַ טראַנס, ווי אין אַ הינער־פּלעט און האָבן פאַר אַ מאָמענט געטראַכט אַז אפשר איז עס טאַקע אַ חלום, אַן אויסדאַכטעניש און מער גאָרניט.

דערווייל האָט איין בחור זיך אויפגעשטעלט פון באַנק און האָט דערלאַנגט צאַלקען צוויי פייערדיגע פעטש וואָס האָבן אָפּגעקלינגען ווי אַ דונער אין אַ וויסטען מדבר. די חברה פון באַנק האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון דעם טראַנס, האָבן זיך אויסגעטשוכעט און האָבן געטראַכט אַז אַלעס עקזיסטירט דאָך, והראיה זיי האָבן דאָך אָקאָרשט געהערט די צוויי פעטש וואָס עמיצער האָט צאַלקע׳ן דערלאַנגט.

צאַלקע׳ן האָט געפלאַמט דאָס פּנים און די באַקן האָבן אים געברענט ווי נאָך אַ הייסען קאָמפּרעס. ער האָט אָבער צו קיינעם ניט געהאַט קיין טענות, ווייל אויב קיין זאַך עקזיסטירט ניט און קיינער זיצט דאָ ניט אויף דער באַנק, טאָ ווער האָט אים געפּאַטשט?

# די היינטיגע יוגענט

צייטן בייטן זיך, איר הערט? די וועלט שטייט ניט אויף איין פּלאַץ און האַלט זיך אין איין אַנטוויקלען און פּראָגרעסירן. פון דער שטרויענדער כאַטקע אין וועלכער מענטשן האָבן אַמאָל געוואוינט, איז אויסגעוואַקסען אַן עמפּייער עסטייט בילדונג און פון דעם פּרימיטיוון פערד און וועגעלע איז געוואָרן אַ ריזן־באַן מיט צוועלף לאַנגע וואַגאָנען.

אויך דער מענטש איז ניט געבליבן דער זעלבער און איז זיך צעוואַקסן אין דער לענג און אין דער ברייט. אַ מענטש פון צוויי אָדער דריי דורות צוריק וואָלט אויסגעזען ווי אַ קאַרליקל אָדער אַ ליליפּוטל אין פאַרגלייך מיט אַ היינטיגען עוג מלך הבשן און אַ היינטיגער סאָלדאַט וואָלט געקענט אַריינגעמען אין זיין וועסטל־קעשענע אַן אַמאָליגן סאָלדאַטשיקל אָדער אָפיצירל און אים אַרומדרייען אַרום זיין גראָבן פינגער.

אַ חדר־אינגעל היינט איז שוין באַלד אַזוי גרויס ווי זיין רבי און אַז איר גייט היינט צו אַ בר מצוה ווייסט מען נישט ווער עס איז דער בר מצוה בחור און ווער עס איז דער פאָטער און מ׳ווינטשט גאַנץ אָפט דעם בר מצוה־בחור אַז ער זאָל האָבן נחת פון זיין טאַטען.

ניט נאָר האָט דער היינטיגער מענטש זיך אַנטוויקעלט און איז אויסגעוואַקסן פיזיש הויך און ברייט, נאָר ער האָט זיך אויך אַנטוויקעלט גייסטיג און האָט איבערגעשטיגען זיין טאַטן און זיידן אין אַ סך הינזיכטן. אַ אינגעל פון זעקס יאָר איז שוין היינט אַזאַ עזות פּנים ווי זיין טאַטע איז געווען צו דרייסיג און אַ מיידעל פון צען יאָר האָט שוין היינט אַזאַ גרויס מויל ווי איר מאַמע האָט געהאַט צו איר חתונה.

דיסציפּלינירן היינט קינדער, שלאָגען זיי, דערלאַנגען אַ פּאַטש ווי מ׳האָט אַמאָל געטאָן איז היינט ניט מעגליך, ווייל ווי קען מען שלאָגען אַ קינד וואָס איז גרעסער ווי זיין טאַטע און ווי קען אַ מאַמע לערנען איר טאָכטער דרך ארץ אַז זי ווייסט שוין אַלעס און

קען איר מאַמען געבן לעקציעס ווי אַזוי צו קאָכן און ווי אַזוי זיך צו קליידען.

מיינט איר דאָך אַז ביי דעם וועט עס שוין בלייבן, האָט איר במחילה אַ טעות אַ גרויסן, ווייל דער מענטש האַלט אין איין וואַקסן און ווערן העכער און גרעסער פון יאָר צו יאָר און פון דור צו דור. ביים געבורט וועט אין דער צוקונפט אַ קינד שוין וועגן פון פופציג ביז הונדערט פונט. ביים ברית וועט ס'אינגעל אין דער צוקונפט שוין מאַכן אַ ספּיטש, ביים פדיון הבן וועט ער שוין מאַכן אַ לחיים איבער שאַרפע משקה. פונקט צום יאָר וועט ער שוין רויכערן ציגאַרן און ציגאַרעטן, אין חדר וועט ער שוין קומען מיט אַ באָרד און צו זיין בר מצוה וועט ער שוין האָבן אַ ווייב מיט צוויי קינדער.

# אַ באַנקעט פאַר יעדן בן שבעים

אַז ג־ט העלפט אַ מענטשן אַז ער דערגרייכט דעם עלטער פון 70 יאָר, דאַרף עס זיין אַ שמחה ביי אַלע זיינע פריינט און באַקאַנטע און מ׳דאַרף איר פייערן אויף אַ פּאַסיגען שטייגער. מ׳דאַרף לכבוד דעם בעל יובל דורכפירן אַ גרויסאַרטיגען באַנקעט מיט מוזיק און באַגריסונגס־רעדעס, מיט בלומען, יאַרמולקעס און בענטשערלעך, ווי ס׳פירט זיך היינט. עס איז קיין אונטערשייד ניט, ווער און וואָס דער פערזאָן איז, ער מוז ניט דווקא זיין אַ פילאַנטראָפּ, אַ מעצענאַט אָדער אַ טוהער און קאָכלעפעל אין אַ צענדליג אינסטיטוציעס. ער מעג זיין אַ שוסטער, אַ לאַטוטניק, אַ בעל עגלה אָדער אַ בעדער. אויב ער איז נאָר געוואָרן אַ בן שבעים קומט אים אַ באַנקעט.

ווי ס׳פירט זיך ביי באַנקעטן, דאַרף מען קודם כל אָרגאַניזירען אַ באַנקעט קאָמיטע, דינגען אַ גרויסן זאַל, אָנשטעלן אַ קאַפּעליע קלעזמאָרים, אַ פאָטאָגראַפטשיק, און אַרויסשיקען איינלאַדונגען צו דעם בעל יובל׳ס אַלע פריינט, זיינע שונאים, אַלע די וואָס האָבן ביי אים געבאָרגט געלט און ניט אָפּגעגעבן, אַלע די וואָס האָבן ביי אים געבאָרגט ספרים און ביכער און זיי ניט צוריקגעבראַכט, זיינע שכנים וואָס האָבן געשפּילט זייערע ראַדיאָס און טעלעוויזיעס ביז שפּעט אין דער נאַכט און אים ניט געלאָזט שלאָפן, זיינע לאַנדסלייט וואָס פלעגן ביי אים אָפּזיצן ביז פופצען אַזייגער און אויסטרעטן זיינע קאַרפּעטס און אויסליידיגן דעם רעפרידזשערייטאָר, דעם לענדלאָרד וואָס האָט אים ניט געגעבן קיין סטים און אים געהעכערט זיין רענט אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג. מ׳דאַרף אויך ניט פאַרגעסן איינצולאַדן דעם רב פון זיין שוהל, וועלכער פלעגט אים איינשלעפערן מיט זיינע לאַנגע דרשות, דעם גבאי פון שוהל, וועלכער האָט אים קיינמאָל ניט געגעבן קיין שישי און אים ניט געמאַכט קיין מי שברך. אַלע, דאַרף מען איינלאַדן, זאָלן זיי אַלע קומען זיך צו פרייען, זינגען און טאַנצען ביי דער גרויסער שמחה.

דעם בעל שמחה דאַרף מען, פאַרשטייט זיך, אַוועקזעצן אויבן אָן ווי אַ קיסר אויף דער כסא מלוכה, די קלעזמאָרים דאַרפן פאַר אים

שפּילן ספּעציעלע פרייליכע מוזיק און קעלנערס דאַרפן אַרום אים אַרומטאַנצן און אים סערווירן די געשמאַקסטע מאכלים מאַרציפּאַנעס און געבראָטענע טויבן און אים דערלאַנגען דאָס אמת׳ע פלעשל משקה, פון דעם בעסטן ווײַן קעלער. רעדנער מיט געשליפענע צונגען, וועלכע האָבן פאַר אים קיינמאָל ניט געהאַט קיין גוט וואָרט, דאַרפן אים איצט באַגריסן מיט די שענסטע ווערטער און דערציילן וואָס פאַראַ שיינער און פיינער מאַן ער איז.

ווי ס׳פּאַסט פאַר אַזאַ באַנקעט, דאַרף מען דעם יובילאַר פּרעזענטירען מיט אַ שיינעם בראָנזענעם פּלאַק אויף וועלכן עס זאָלן שטיין אויסגעקריצט אַלע מעלות און מידות טובות פון דעם בעל שמחה. דער דאָזיגער מענטש, פלוני בן פלוני — דאַרף שטיין אויפ׳ן פּלאַק — איז געווען אַן ערליכער און אַנשטענדיגער מענטש, ער איז ניט געווען קיין לאָיער און האָט געמאַכט אַן ערליך לעבן. ער איז ניט געווען קיין פּאָליטישן און האָט ניט געבראָקט קיין ליגענס, ער איז ניט געווען קיין טרעזשורער פון אַ חברה און האָט ניט געלקח׳נט פון דער קהילה׳שער קאַסע, ער איז ניט געווען קיין רעדנער און האָט ניט געהאַלטן קיין לאַנגווייליגע רעדעס, ער האָט ניט געררויכערט, ניט געשיכור׳ט און ניט געגעמבלט, האָט ניט געוועט אויף פערדלאַך און איז קיינמאָל ניט געווען אין אַטלאַנטיק סיטי, ער איז ניט געווען קיין רכילות׳ניק אָדער פליאָטקע מאַכער, האָט קיינעם ניט אונטערגעשטעלט קיין פיסלאַך, און ניט געשאָטן קיינעם קיין זאַמד אין די אויגן און בעבלאַך אין די אויערן. אין שוהל וואו ער האָט געדאַווענט — דאַרף אויך שטיין אויפ׳ן פּלאַק — איז ער ניט געקראָכן אויף מזרח, האָט זיך ניט געריסן צום ברעטל און איז ניט אַרויסגעלאָפן פון שוהל ווען מ׳האָט געמאַכט אַן אַפּיל.

עפּעס אַ קליינקייט, 70 יאָר! וואָס אַ מענטש לײַדט זיך אַלץ ניט אָן אין זײַן לעבן פון מלמדים און מנהלים; פון שדכנים און אינשורענס אַגעטן; פון ווײַבער און שוויגערס; פון נודניקעס און אָנשיקענישן; פון לצים און קיביצער; פון דאָקטוירים וואָס האָבן אים געגעבן פאַלשע רעצעפּטן און דענטיסטן וואָס האָבן אים אַרויסגעריסן די געזונטע ציינער און די קראַנקע האָבן זיי אים געלאָזן; וויפל האַרטע סטעיקס און פאַרזאַלצענע טעלער זופּ ער האָט אַלץ ניט געגעסן אין זײַן לעבן; וויפל שלעכטע וויצן און געשמאַקלאָזע אַנעקדאָטן ער האָט אַלץ ניט געהערט און וויפל

וואָסערדיגע עדיטאָריעלס און שלעכטע אַרטיקלען ער האָט געלייענט, און אַז ג־ט העלפט אַ מענטשן און ער איז אַלץ איבערגעקומען בשלום און איז נאָך ביי אַלע חושים דאַרף ער טאַנצן פאַר פרייד און מיט אים דאַרפן זיך פרייען אַלע זיינע פריינט און קרובים.

# אַ לעקציע וועגן קניידלעך

קניידלעך זענען דער באַליבטסטער אידישער מאכל און זענען מער באַליבט ביים אידישן עולם ווי אַלע אַנדערע מאכלים ווי לאָמיר זאָגן, קרעפּלאַך אָדער לאַטקעס. בעת קרעפּלעך און לאַטקעס עסט מען בלויז געציילטע טעג פון יאָר עסט מען קניידלעך אַ גאַנץ קיילעכדיג יאָר, מ׳עסט קניידלעך שבת און יום טוב, ראש חודש, אפילו אין אַ פּראָסטן מיטוואָך עסט מען אויך קניידלעך.

פאַרשטייט זיך, אַז אין דעם יום טוב פּסח איז דאָס קניידל דער קעניג פון אַלע אידישע מאכלים און פאַרשטעקט אין ווינקל אַלע אַנדערע אידישע מאכלים. האָט מען טאַקע פּאַר פּסח געהערט ווי אַ בחור, ניט קיין גרויסער תלמיד חכם, האָט אַריינגייענדיג אין אַ ספרים סטאָר, זיך געהייסן געבן אַזאַ סאָרט סידור אין וועלכן מ׳דאַווענט פּסח ביינאַכט איידער מ׳עסט די קניידלעך. איר פאַרשטייט, דער עיקר זענען ביי אים די קניידלעך. וואָס די הגדה איז האָט ער פאַרגעסן, אָבער די קניידלעך האָט ער גאַנץ גוט געדענקט.

ווי אַלע אַנדערע אידישע מאכלים, זענען קניידלעך צו קניידלעך ניט גלייך און עס זענען פאַראַן פאַרשידענע סאָרטן קניידלעך פון פאַרשידענעם גרויס און טעם. עס זענען פאַראַן קליינע, פּיטשינקע קניידלעך וואָס מ׳גיט צו פאַרהייזעטע מענער וואָס קענען קוים עפענען דאָס מויל און עס זענען פאַראַן גרויסע קניידלעך, ווי סאַקער באָלס אָדער גרויסע איידעהאָו פּאָטייטאָס וואָס מ׳סערווירט פאַר מענטשן מיט גרויסע מיילער, ווי קאָמפּעין ספּיקערס, ראַדיאָ אַנאָנסירער, אָקשאָנירס, סעילסלייטע און אינשורנס אַגענטן. עס זענען פאַראַן ווייכע קניידלעך, ווי שוואָמען, וואָס מ׳גיט פאַר מענטשן מיט אויסגעהאַקטע ציין און עס זענען פאַראַן האַרטע קניידלעך ווי שטיינער מיט וועלכע מ׳קען דורכלעכערן ווענט און ברעכן פעסטונגען. עס זענען פאַראַן פּראָסטע קניידלעך פון מצה־מעל און וואסער וואָס מ׳עסט אין אָרימע הייזער און עס זענען פאַראַן געשמאַקע קניידלעך וואָס זענען געמאַכט פון אייער און גענזן־שמאַלץ, וואָס מ׳סערווירט אין רייכע הייזער.

ווען דאָס קניידל איז דערפונדן געוואָרן און עס האָט זיך דאָס ערשטע מאָל באַוויזן אויף אַ אידישן טיש, איז נאָך ניט פעסטגעשטעלט געוואָרן. מ׳ווייסט אפילו ניט ווער עס איז דער געניאַלער דערפינדער פון דעם קניידל.

געוויסע קניידל־פאָרשער זענען מיט דער מיינונג, אַז נאָך אין שלמה המלכ׳ס צייטן האָט מען שוין געגעסן קניידלעך. קיין קאָנקרעטע באַווייזן פאַר דעם האָבן זיי ניט, זיי קענען זיך אָבער ניט פאָרשטעלן אַז ביי דעם קלוגן און רייכן שלמה המלך זאָל מען ניט סערווירן קיין קניידלעך.

אנדערע קניידלאָגן ווידער האַלטן, אַז דאָס קניידל איז פיל עלטער און זאָגן אַז נאָך אין משה רבנו׳ס צייט האָבן שוין אידן געגעסן קניידלעך. דער מן, וואָס איז געפאַלן פון הימל — זאָגן זיי — איז געווען ניט מער און נישט ווייניגער ווי געשמאַקע קניידלעך, ווייל דער מן, שטייט אין חומש, האָט געהאַט אַלע טעמים, האָט ער דאָך געוויס אויך געהאַט דעם טעם פון קניידלעך.

פאַראַן אויך אַ מיינונג, אַז אדם און חוה האָבן, ווען זיי זענען געווען אין גן עדן, דאָרט געגעסן קניידלעך און צוליב דעם האָט דער באַשעפער געצאָרנט אויף זיי, זיי האָבן דאָך געקענט עסן קניידלעך, פאַרוואָס האָט זיך זיי פאַרגלוסט צו עסן פון עץ הדעת?!

אגב, האַלטן געוויסע קרימאָנאָלאָגן אַז קין האָט גע׳הרג׳עט הבל׳ן מיט קניידלעך. קיין שווערד אָדער אַ ביקס וואָס מ׳נוצט היינט צו הרג׳ענען מענטשן זענען נאָך דעמאָלט נישט געווען, האָט קין אונטערגערוקט זיין ברודער אַ טעלער מיט האַרטע קניידלעך און דאָס האָט אים גע׳פּטר׳ט.

ווען משיח וועט קומען — זאָגט מען — וועלן קניידלעך וואַקסן אויף די ביימער און מ׳עט זיך ניט דאַרפן מטפל צו זיין מיט מאַכן קניידלעך, מע׳ט זיך בלויז דאַרפן אַוועקשטעלן אונטער אַ בוים, מ׳עט עפענען דאָס מויל און עס וועלן גלייך אַריינפאַלן דאָרט די אמת׳ע קניידלעך פון קניידלאַנד. נו, ווי האַלט מען שוין דערביי...

# ווי אַזוי מען מאַכט היינט באַנקעטן

ווען פישעלע גאַרגעל האָט זיך צוגעקוקט ווי אַזוי מ׳האָט באַנקעטעוועט זיינע פריינט און באַקאַנטע און ווי אַזוי מ׳האָט אויף זיי געבליאַפּעט גאַנצע צעבערס מיט שבחים און ליוב־געזאַנגען, איז ער צופּיקעט געוואָרן פון קנאה צו זיי. ג׳טעניו גוטער — האָט פישעלע געטראַכט — ווען וועל איך שוין באַגליקט ווערן מיט אַ באַנקעטל, זאָל כאָטש זיין אַ מילכיגער באַנקעט, כאָטש אַ באַנקעט פון פּאָטייטאָס און הערינג און בלויז מיט אַ מנין אידן, אַבי אַ באַנקעט:

איינמאָל האָט ער אָנגעטראָפען זיין לאַנדסמאַן בערל אָצמאַך, וועמען מ׳האָט שוין געמאַכט עטליכע באַנקעטן און האָט אים געזאָגט: בערעלע קרוין, וואָס דאַרפט מען טאָן אַז מ׳זאָל מיר מאַכן אַ באַנקעט, דערצייל מיר דעם סוד?

בהמה׳ניק וואָס דו ביזט — האָט בערל אים געענטפערט — דו מיינסט טאַקע אַז מ׳דאַרף עפּעס טאָן, אַז מ׳זאָל דיר מאַכן אַ באַנקעט? מ׳דאַרף בלויז זיין אַ טומלער, אַ פּורים־גראַגער און מאַכן דעם אָנשטעל אַז מ׳איז אַן אויפטוער.

טאָ ווי אַזוי טוהט מען עס? — בערל סערצע, גיב אַן עצה, ראַטעווע — האָט פישעלע זיך ביי אים געבעטן רחמים.

הער זיך צו מיט קאָפּ — האָט בערל זיך צו אים צוגעבויגען און אָנגעהויבן מיט אים צו קנעלן — קודם כל ציה זיך אַרויס פון דיין הויז און ציה זיך אַריין אין אַ נייעם געגענט וואו מ׳קען דיר ניט. טו זיך אָן אַ פּאָר געשטרייפטע הויזן ווי אַ דיפּלאָמאַט, אַ שטייפן קאָלנער מיט אַ זיידענעם שניפּס און אַ העמד מיט פראַנצויזישע מאַנקעטן. אויפ׳ן קאָפּ זאָלסטו אָנטאָן אַ שוואַרצן האַמבורגער הוט און זאָלסט בכלל זיך באַמיהען אויסצוזען ווי אַ געלערענטער און אַ גרויסער מענטש, ניט קיינעמס עסק וואָס דו קענסט ניט קיין שייטל עברי און וואָס דיין פלימעניק שרייבט פאַר דיר בריוו.

איצט אַז דו זעסט שוין אויס ווי אַ מאַגנאַט, גיי אַריין אין אַ גרויסער שוהל און גיי גלייך אַרויף אויף מזרח וואו עס זיצן אַלע

שיינע אידן, די נכבדים. טאָמער מאַכט מען אַן אַפּיל, רוף זיך אָפּ דער ערשטער אַז דו גיסט הונדערט דאָלאַר. געבן ווּעסטו בלויז צען דאָלאַר און די רעשטע ווּעסטו שולדיג בלייבן. זאָלסט זיין ווי יענע פילאַנטראָפּן וואָס זאָגן צו פיל און גיבן אַ טראָפּן.

ווען עס קומען פאָר אין שוהל וואַלן פאַר באַאַמטע, זעץ זיך אַוועק אויבענאָן און גיב אַזוי אַ זאָג הויך אויפ׳ן קול אַז דו לויפסט נישט. איך בין פאַרנומען מיט מיינע געשעפטן — זאָלסטו זאָגען, און דו האָסט ניט קיין צייט פאַר כלל זאַכן.

אין שוהל וועט באַלד ווערן אַ טומעל. ער וויל ניט לויפן, פאַרוואָס וויל ער ניט לויפן? — וועלן אַלע שרייען. ער׳ט מוזען לויפן. דער סוף וועט זיין אַז דו וועסט לויפן און וועסט ערוויילט ווערן אַלס פּרעזידענט. ווען דו וועסט שוין זיצן אויפ׳ן בענקל, זאָלסטו פירן שטאַט. זאָלסט ניט אַריינטאָן די האַנט אין קאַלטן וואַסער, זאָלסט געבן באַפעלן, שרייען, טומלען און זען אַז אַנדערע זאָלען טאָן און דו אַליין וועסט זיצען מיט די פיס אויפ׳ן טיש און רויכערן אַ ציגאַר.

ס׳עט ניט נעמען לאַנג און דו וועסט ווערן באַרימט אין גאַנצן געגענד אַלס אַ וויכטיגער מענטש און כלל טוהער. דער טעלעפאָן וועט ביי דיר ניט אויפהערן צו קלינגען, קאָמיטעס וועלן צו דיר קומען פון איבעראַל, ס׳עט זיך מיט דיר טומלען אַ וועלט און קיין באַנקעטן וועלן דיר שוין ניט פעלן.

פישעלע האָט זיך צוגעהערט מיט קאָפּ צו אַלץ וואָס בערל האָט אים געזאָגט, האָט אויסגעפאָלגט זיין פּלאַן פון א׳ ביז ת׳, האָט זיך אַרויסגעצויגען פון זיין געגענט און האָט זיך אַריינגעצויגען אין אַן אַנדערן, האָט זיך אויסגעפּוצט ווי אַ פּראַנט און האָט אויסגעזען ווי דער פּרינץ אָוו וועילס. אַ קורצע צייט שפּעטער איז ער באַרימט געוואָרן אין גאַנצען געגענט ווי אַ כלל טוהער און מעצענאַט און אַלע האָבן זיך געפרייט מיט׳ן נייעם כח וואָס די געגענט האָט אַריינגעקראָגען.

דעם סוף פאַרשטייט איר דאָך שוין מסתמא אַליין, און זאָלן מיר טאַקע אַלע האָבן אַ גוטע וואָך אויפ׳ן סטאַק מאַרקעט ווי מ׳גייט שוין קומענדיגן זונטאָג מאַכן פישעלען דעם דריטן באַנקעט.